STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06422

FARTUNKLTE HIMLEN

Ahrn Brezinski

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרן ברעזינסקי

✶

פארטונקלטע הימלען

אהרן ברעזינסקי

פאַרטונקלטע הימלען

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

Ahrn Brezinski
FARTUNKLTE HIMLEN
CLOUDED SKIES

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv

★

אהרן ברעזינסקי / פֿאַרטונקלטע הימלען
פֿאַרלאַג י.ל. פּרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©

נדפס בישראל תשכ״ה
Printed in Israel, 1965

נסדר ב„לינו־טור״, תל־אביב, רח׳ בני־ברק 20
נדפס בדפוס „מגן״, תל־אביב, רח׳ בני־ברק 20



אהרן ברצ'ינסקי

אינהאַלט

פאַרוואָרט — א. ליס 7
איסר דער בוכהאַלטער 15
אַ ייד מיט צוויי קאַצאַפּעס 20
די טרופּע „טראַגעדיע און קאָמעדיע" 26
אַ באַקליידט שטעטל 30
אַ שטעלע אין מאַגיסטראַט 32
חתן־כלה 36
די האַנט 39
צו שפּעט 42
העלענקע 44
אויסגעמעקט מיט טינט 47
מ'קאָשעט היי 51
אַן אַרבעטלאָזער ייד אין וואַלד 54
אַ חתונה אויף אַן אָרעמען הויף 58
די משוגענע רייזעלע 61
די געשיכטע פון אַ טייכל 64
האַנס פריידאָרף אויפן בית־עולם 68
אַ יידישע לערערין אין דאָרף 73
דעם גבירס יאָרצייט 78
אויף דער ליבע־גאַס 81
אויף פּסח אַהיים 85
אַ גאַסט פון אַמעריקע 89
אין ראש־השנה־טעג 93
ריחות פון פרישן געהילץ 96
אויפן אַלטן מאַרק 100
ביים נישט פאַרענדיקטן בילד 103
פּרוכת 105
צו דער כלה אויף שבת 107
עטל מיט די וואַזאָנעס 110
גיכע „הילף" 113
קאַלאָשן מיט קאַליקעס 116
יאַכע 119
די רויטע מאַלינעס 123
סוכות דערמאָנט מען זיך די געשיכטע 127
אַ שיקסל אין אַלטן בית־מדרש 131
עס ציט אים צום יידנס פּרנסה 134
אַ גאַסט ביי זיין אַמאָליקער געליבטע 137
זימל דער מלמד קלייבט שטשאַוו 141
דער סוד אויפן פעלד 144
דאָס קינדער־וועגעלע 148
אַ נאַכט אין דעם היימשטעטל 152
אַ סאָד 156
ביים ערשטן שניי 161
ער שיכורט זיך אָן מיט בריוו 166
דער געוויין פון סירענעס 171
מיין פעטער און דער אינוואַליד פון ביידל 173
אַ קרעמער אין ווינטערדיקן פּאַרק 175
קליינע קרעמערלעך 177
אַ מיידעלע מיט גאָלדענע לאָקן 179
זיי אַרבעטן און שפּאַצירן 182
חיים מענדל מיטן קענדל 185
דער פרייטיקדיקער אולניק 187
איטשע דער טרעגער 189
דער נאַכט־וועכטער 192
דער סוף פון אַ יידישן ראַדיאָ 194
מיין פעטער מיט די טעכטער 196
אַן ארץ־ישראלדיקער פּאַס 198
נאָך וואָס ער האָט געבענקט 200
היימישע ריחות 202
האַלץ 205
אַ פייער־טאָפּ 207
אַ בריוול פון ארץ־ישראל אין שטעטל 208

פאַרשטיקטע טרערן 211
פסח אין שטעטל אַ מאָל און היינט 215
דער שפּייזער 219
אַ נייע פּרנסה 221
דער סטודענט 223
דער גביר מיט די בלעטער . . 225
„אַ צימער פאַרדינגט זיך" . . . 227
אַ באַגעגעניש 229
מנשה דעם שוסטערס הייך־
מאַטעריאַל 230
עס חילט זיך נישט אויפשטיין . 233
דאָס נייע חסידישע שטיבל . . 236
שויבן 239
אָרעמע דאַטשניקעס 242
אַ פרומע לערערין 246
פּויערטעס 250
אַ פאַרגעסענע ליבע 253
שרה לאה די טענצערין . . . 256
אַהיים אויף יום־טוב 260
די געסלעך בענקען נאָך די אַמע־
ריקאַנער געסט 262
גראַף פּאָטאָצקיס טורעמל . . . 264
אַן אייגענע זומער־קאָלאָניע . . 268
עס פאַרדריסט אים זייער . . . 272
דער „קבר" 275
אהרן ברעזינסקי 278
(פון רחל ברעזינסקי)

פאַרוואָרט

מיין יוגנט־חבר אהרן ברעזינסקי

אין דער רעדאַקציע „דאָס נייע לעבן" אין ביאַליסטאָק האָט מען אים גערופן ארצי. דאָס איז געווען זיין פען־נאָמען. אַזוי פלעגט ער אונטערשרייבן נאָטיצן, בילדלעך, רעפּאָרטאַזשן. אין דער היים, ביי דער מוטער, וואָס איז געבליבן יונגערהייט אַן אלמנה, האָט מען אים גערופן אַרטשע, אַרטשיק, אַרויסגעזאָגט מיט ליבע, מיט אַ צערטלעכן טאָן. אַרצי פאַרמאָגט אַ קלאַנג, וואָס איז געווען אַזוי אייגן און כאַראַקטעריסטיש פאַר אים — האַרציקייט, חנעוודיקע יידישע האַרציקייט.

דאָס רוב יידישע שרייבער אין ביאַליסטאָק זענען געווען ליבהאָבער. מ'האָט געשריבן אַ געלעגנהייט־אַרטיקל, אַן אָפּשאַצונג צו אַ יובל, און אַז מ'איז ערגעץ ווו אַרויסגעפאָרן, האָט מען עס באַשריבן. אויף אייגענע שטאָטישע ענינים האָט מען זיך אוודאי אָפּגערופן. פּראָפעסיאָנעלע שרייבער זענען געווען בלויז יענע, וואָס האָבן געאַרבעט אין די רעדאַקציעס. אַזעלכע זענען גראָד אין די לעצטע יאָרן געווען נישט וויניק. צייטנווייז זענען דערשינען אין ביאַליסטאָק פיר און פינף טעגלעכע יידישע צייטונגען. געווען אין ביאַליסטאָק אויך מענטשן מיט עכטע טאַלאַנטן, דיכטער און דערציילער, פּובליציסטן און עסייען־שרייבער, וואָס זענען שוין געווען באַקאַנט אין דער יידישער וועלט, שוין אָפּגערעדט פון אַזעלכע נעמען ווי א. ש. הערשבערג און פּסח קאַפּלאַן. א. ש. הערשבערגס ווערק „חיי התרבות בישראל" (הארג ותעשית הארג, ורשה תרפ"ד, שטיבל־פאַרלאַג), האָט אַפילו געדינט ווי אַ באַזע ביים שאַפן און צונויפשטעלן דעם ווערטערבוך פאַר טעקסטיל אין ועד הלשון אין ישראל.

אהרן ברעזינסקי, הגם אין כמות איז זיין שאַפונג געווען אַ באַשיידענע, איז געווען באַקאַנט ווי אַ סובטעלער סקיצן־שרייבער, אַ דערציילער מיט אַן אייגנאַרטיקן פאָלקס־טאָן.

קיין ביאַליסטאָק איז ער געקומען פון אַ נאָענט שטעטל באַטקי לעבן

פאָרוואָרט

ביעלסק, און הגם דער שטעטלשער שטייגער האָט אים נישט געלאָקט, האָט ער מיטגענומען פון דאָרט אַ סך ליבע און וואַרעמקייט צום שטעטלשן מענטש. ער האָט געהאַט פאַרשטענדעניש פאַר די חלומות פון דער שטעטלשער יוגנט און אַרויסאַנטפּלעקט פונעם מאָנאָטאָנעם גרויען לעבן דאָס יום־טובדיקע, דאָס אידעאַליסטישע, אַפילו פון דער גוישער ספערע (דער רעוואָלוציאָנערער „סטודענט וואָלאָדיאַ״). ער האָט אויפגענומען דעם שטעטלשן אָרעם, דעם גלחס סאָד, ווי דעם מאַרק־טאָג אין שטעטל, און אויך די „היימישע ריחות״, ווי ער רופט זיי.

שטעטל איז אין דער יידישער ליטעראַטור פון די עיקרדיקסטע מאָטיוון. ווער ס׳האָט עס באַשריבן אויפן פאָן פון די אייגענע איבערלעבונגען און ווער פון אַספּעקט פון געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג; ווער עס האָט עס געשילדערט מיט וואַרעמקייט, מיט בענקעניש, און ווער ס׳האָט דערזען נאָר דאָס נעגאַטיווע, די גרויע וואָכעדיקייט.

אהרן ברעזינסקי האָט אין אַן אייגנאַרטיק צוגעקליבענער שפּראַך געשילדערט יידיש־שטעטלשן שטייגער, דעם יידישן מענטש, אויפן פאָן פון אַ לעבן וואָס האָט זיך גענומען איינברעכן.

דאָס זענען די יאָרן צווישן ביידע וועלט־מלחמות. יידן אין די שטעט און שטעטלעך פון קרעסן־געביט האָבן פאַרלוירן זייערע פּרנסות און זיכערקייט, זיך דערפילט ווי פרעמדע, בפרט נאָך, אַז די מאַכט האָט געקוקט אויף זיי ווי אויף זייטיקע, און פון די פּוילישע שכנים האָט געהויערט מיט גאַליקייט און שנאה.

אין יאָר 1936 איז דערשינען ברעזינסקיס אַ זאַמלונג דערציילונגען און סקיצן. ער רופט אָן דאָס בוך „אונדזער חרובע היים״ — און דאָך איז אינעם בוך פאַראַן אַזוי פיל לעבן און ווילן צום לעבן, גראַנגל און אויסדויער.

ס׳האָט זיך ביי אים אויסקריסטאַליזירט אַן אייגענער סטיל, וואָס איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר זיינע קורצע אויסגעטאָקטע דערציילונגען, צו זייער אינהאַלט און מאָטיוו. בכלל האָט ער געהאַט אַ נטיה צום קורצן און רעליעפן בילד, צום קורצן זאַץ.

ברעזינסקי האָט גוט געקענט אַלע שיכטן און קלאַסן פון פאָלק, דעם המון־עם, די יידן פון „פּיאַסקעס״ און פון שול־הויף, די שפּולערקעס און די זיצערקעס אין מאַרק, די לווינקעטניקעס און די אַרבעטסלאָזע װעבער, די טרעגער פון גומיענער־גאַס און יידן באַלעבאַטים, וואָס האָבן בין מנחה למעריב געלערנט אַ בלאַט גמרא. ער האָט אויפגעכאַפּט דעם דרך פון יענע, וואָס זענען אַוועק

מעבר־לים, זיך אַרויפגעאַרבעט, און אַראָפגעקומען מיט גדלות אין זייערע היים־שטעטלעך. ער האָט מיט סובטעלקייט אויפגענומען און אַרויסגעבראַכט די טראַכטונגען און באַנעמונגען פון דער יוגנט, פון אונטערגעוואַקסענע מיידלעך, פון פּאַרזעסענע טעכטער, וואָס די הילפלאָזע טאַטע־מאַמע ווייסן נישט וואָס צו טאָן מיט זיי און ווי אומצוגיין מיט זיי.

מיט אַ באַזונדערן סענטימענט ברענגט ברעזינסקי אַרויס די יונגע, וואָס האָבן אין דער עקאָנאָמישער געדריקטקייט פון יידישן המון, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיך געראַנגלט פאַר קיום, זיך געריסן צום לעבן. אַזוי פשוט און היימיש שילדערט ער אַ „חתן־כלה" פון אונדזערע באַקאַנטע יידישע גאַסן:

„ווען די צייטן זענען געווען בעסערע און אַ גילדן איז געווען אַ ממזר, פלעגן זיי פּרייטיק צו נאַכטס גיין צו ערשט אין קינאָ און נאָך דעם, קומענדיק אין דעם אויבערשטיבל, ווו זי וווינט מיט איר אַלטער מאַמען, פלעגן זיי זיך בריען מיט שטענדיקן הייסן טיי, שיילן יאַדרעס און שמועסן מעשה חתן־כלה וועגן זייער תכלית.

איצט אָבער, ביים ביטערן קריזיס, האָבן זיי פאַרביטן דאָס קינאָ אויף אַ שפּאַציר איבער דער הויפּט־גאַס. בלויז דער שפּעטערדיקער שמועס האָט זיך נישט געביטן. נישט מער, אַ ביסל יאוש האָט זיך אין אים אַריינגעכאַפּט: וואָס וועט זיין דער סוף?

זי איז אַ פּריקאַזשטשיצע אין אַ קראָם מיט זעקס גילדן אַ וואָך און ער אַ מענער־שניידער מיט אַנדערהאַלבן טעג אַרבעט אין דער וואָך. ביי לייטן העלפן כאָטש אַרויס קרובים פון אַמעריקע, און ביי זיי — קלאָגט דאָס פּאָרל — רופט זיך קיינער נישט אָפּ, ווי אויסגעשטאָרבן! פירט מען שוין אַ ליבע אַ קיימא־לן פון אַכט יאָר (אין געסל זענען פאַראַן נאָך עלטערע ליבעס) און מ'קאָן זיך נישט נעמען, כאָטש טו זיך אַ מעשה אָן..."

„איסר דער בוכהאַלטער" געהער צו ברעזינסקיס בעסטע דערציילונגען (זי האָט, דאַכט זיך, אויך געוווּנען אַ פּריז בעת אַ שרייבער־קאָנקורס אין אַן אַמעריקאַנער צייטונג, ווו ברעזינסקי האָט בקביעות געדרוקט זיינע זאַכן). איסר איז איינער פון די טויזנטער יורדים, וואָס די צייט האָט זיי אין גאַנצן צו נישט געמאַכט. שוין ביים אָנהייב גיט ברעזינסקי אַן אמתע געשטאַלט און אַ רעאַלע סביבה:

„אַ סך, אַ סך יידן אין שטעטל האָט די מלחמה צעמורשט, איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ, געבראַכט אַפילו אַנדערע צו בעטל־ברויט. אויף קיינעם איז אָבער נישט אַזאַ ביטערער רחמנות, ווי אויף איסר בוכהאַלטער. זיין בראָך איז דאַכט זיך גרעסער פון אַלעמענס...

פאָרוואָרט

און קיין גביר איז ער דווקא נישט געווען, איסר בוכהאַלטער. געווען איז ער אַ „סלוזשאַשטשי", ווי מ׳פלעגט עס רופן, אַ שרייבער אין אַ תבואה־קאַנטאָר ערגעץ אין אָדעס, פון וואַנען ער פלעגט שיקן דעם ווייב „וואָכערס" אויף חיונה, און אַליין פלעגט ער אַראָפּקומען אַהער צו צווי מאָל אין יאָר — אויף פסח און ימים־נוראים. האָט ער אָבער פאַרמאָגט אַ ליכטיק פנים, איינגעראַמט אין אַ שוואַרצער באָרד, אויגן, וואָס האָבן געשפּרייט אַרום זיך ימען מיט גוטסקייט, און ווען ער פלעגט אַראָפּקומען אין שטעטל אויף יום־טוב, האָט זיך געדוכט, אַז אַ פּרינץ פון ערגעץ אַ וווּנדערלאַנד שפּרייזט איבער די געסלעך. אַ הויכער, אַ שלאַנק־אצילותדיקער, פאַרשמעקנדיק אַלץ אַרום מיט אַ ליבן יום־טובדיקן ריח".

אַזוי שילדערט ברעזינסקי דעם אַמאָליקן איסר בוכהאַלטער. נאָר איצט, אין „אונדזער חרובער היים" ...אַנטלויפט איסר פון שטוב און דרייט זיך אַרום אין אָפּגעבליאַקעוועטן אויבער־מלבוש איבער די פּוסטע שטעטלשע גאַסן... און „מיט רחמנותדיקע בליקן קוקן זיי נאָך, די מאַרק־קרעמער, ווי איסר שאַרט אַלץ שטאַרקער מיט די אַלטע שטיוולעטן אין די געלע אָנגעהויפטע בלעטער, ווי ער וואָלט בגוואַלד וועלן פאַרטויבן די פּיאַנאָ־טענער (פון זיין, איסרס, אַמאָליקע פּיאַנע — א. ל.), וואָס טראָגן זיך, גרילצנדיקע, אויפגעקומענע, פון חנאס הויכע, געשאַליעוועטע פענצטער...".

אַן אָריגינעלע דערציילונג איז „אַ ייד מיט צוויי קאַצאַפּעס". פעדקע און פעטקע פלעגן עס קומען באַלד אָנהייב ווינטער פון ערגעץ טיף „ראַסעי" אין שטעטל אַריין אויסאַרבעטן פוטערלעך פון די היימישע פעלעכלעך. די פריינדשאַפט צו זיי האָט זיך אַזוי איינגעבאַקן ביי מרדכי דעם שוסטער, אַז אַ צעדולטער גייט ער נאָך עד־היום זיי אָפּוואַרטן, אפשר וועלן זיי דאָך אָנקומען, די קאַצאַפּלעך זיינע...

ברעזינסקי האָט אַ ריי בילדער און סקיצן געצייכנט מיט צאַרטקייט און איידלקייט, מיט טיפער דערקענטעניש פון מענטש און זיינע ליידן און קליינע מענטשלעכע פריידן. דאָס זענען מיר אין די דערציילונגען „די האַנט", „העלענקע", „אַ חתונה אויף אַן אָרעמען הויף", אָדער „די טרויפע טראַגעדיע און קאָמעדיע". אַ קרעפטיקע און מערקווירדיקע דערציילונג איז „האַנס פריידאָרף אויפן בית־עולם". אָט דער האַנס פריידאָרף, וואָס האָט יאָרן לאַנג געשפּילט און געהאַט דערפאָלג אין די דייטשישע טעאַטערס, קומט צוריק צום מקור, צום שטאַם, און אויפן בית־עולם, ווו די שטעטלשע יוגנט פירט אים ווייזן די „זעווערדיקייטן", אַ מצבה נאָך אומגעקומענע יידן אין אַ פּאָגראָם.

„...און אַ מעכטיקער „מלא" צעטראָגט זיך פלוצעם, ווי אַ שטורעם, צווישן

פאָרוואָרט

די הונדערט־יאָריקע בית־עולם־ביימער, וויל זיי, דאַכט זיך, אויסרייסן מיט די וואָרצלען, אומוואַרפן די מצבות. ווי לאַנג, אַז דער דאָזיקער ווונדערבאַרער קול האָט געדונערט אין בערלינער טעאַטער, און איצט וועקט ער טויטע פון די קברים, מאָנט, שלוכצנדיק, זייער בלוטיקע קריוודע, זיין אייגענע קריוודע...״

און האַנס פריידאָרף דערמאָנט זיך אין זיין טאַטן דעם חזן.

אַזאַ, אין פלוג תמימותדיקע, אָבער ליריש־געשריבענע און טעמאַטיש רירנ־דיקע סקיצע ווי „אַ מיידעלע מיט גאָלדענע לאָקן״ מעג אָן ספק אַריין אין יעדער ליטעראַטור־זאַמלונג, בפרט פאַר יוגנטלעכע.

אַ פּאָר יאָר פאַר דער מלחמה קומט ברעזינסקי אויף אַ באַזוך קיין ארץ־ישראל. ער שרייבט אַ סעריע רעפּאָרטאַזשן, עטלעכע ארץ־ישראל־דערציילונגען. ער וויל זיי אַרויסגעבן צוזאַמען מיט אַנדערע דערציילונגען אין איין באַנד. ער שרייבט זיך דורך וועגן דעם, פלאַנירט אַ צווייט בוך...

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן און די סאָוויעטן זענען אַריין קיין ביאַליסטאָק, האָבן זיי אהרן ברעזינסקין נישט געפּסלט. אפילו נאָך דעם ווי זיי האָבן צוגעמאַכט די צייטונג „אונדזער לעבן״. להפך גאָר, ס׳איז זיי געפעלן זיין סאָציאַלע אָנגעצילטקייט, זיין באשרייבן די אָרעמקייט, דאָס דערזען דעם סאָציאַלן אומיושר... מ׳האָט אים געגעבן אַרבעט, ער איז געוואָרן קאָרעקטאָר פון אַ רוסישער צייטונג פון די באַן־אַרבעטער „זאַפּאַדנאַיאַ מאַגיסטראַל״. די סאָוויעטן האָבן אפילו געגרייט אַרויסגעבן זיין בוך אין רוסיש.

יידישע שרייבער האָבן שפּעטער דערציילט, וואָס אהרן ברעזינסקי און זיין פרוי רחל אַלפּעראָוויטש האָבן פאַר זיי אין זייער נע־ונד זיין געטאָן. ביאַליסטאָק איז דאַן, כידוע, געוואָרן אַ פּליטים־צענטער. ברעזינסקי האָט בלב ונפש געהאָלפן, געראַטעוועט. נישט איין מאָל איז עס געווען פאַרבונדן מיט דער גרעסטער סכנה.

ער איז אַרעסטירט געוואָרן דעם 21־טן יוני 1941, אַ טאָג איידער ס׳איז אויסגעבראָכן דער דייטשיש־סאָוויעטישער קריג. מ׳זאָגט, אַז מ׳האָט אים אַרעס־טירט צוליב אַ טעות, אַ פאַרזען, אָדער אַ מסירה.

די דייטשן, ימח שמם, האָבן אים אומגעבראַכט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, דעם 12־טן יולי, אויף די פּיעטראַשער פעלדער, צווישן די „שבתדיקע״.

זיין פרוי מיט דער טאָכטער זענען נאָך אַלע וואָגלענישן אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. און ווי ארצי איז געבליבן אין זייער האַרץ און נשמה, אַזוי איז ער געבליבן אינעם אָנדענק פון זיינע חברים און פריינד.

אברהם ליס

✶

„פּאַרטונקלטע הימלען“ איז אַן אָפּקלייב פון אהרן ברעזינסקיס דערציילונגען, וואָס זענען אַריין אין בוך „אונדזער חרובע היים“, און פון די. וועלכע ער האָט פאַר־עפנטלעכט אין דער פּרעסע אין די יאָרן 1936—1939. ליידער האָבן מיר נישט געהאַט פאַר זיך אַלע מאַטעריאַלן. מאַנוסקריפּטן און אַ זאַמלונג דערציילונגען, וואָס אַ. ברעזינסקי האָט געגרייט צום דרוק, זענען אַוועק מיטן רויך...

דער י. ל. פּרץ־פאַרלאַג דערפילט זיין חוב לגבי איינעם פון די טאַלאַנטפולע פּראָזאַיקער, דעם באַשיידענעם מענטש אהרן ברעזינסקי, וואָס האָט געטיילט דעם גורל פון די טויזנטער יידן אין ביאַליסטאָק, דעם גורל פון יידישן פאָלק אין מזרח־אייראָפּע.

דאָס בוך איז צו שטאַנד געקומען אַ דאַנק דער מי און פינאַנסיעלער מיטהילף פון אהרן ברעזינסקיס אלמנה רחל.

י. ל. פּרץ־פאַרלאַג

אונדזער חרובע היים

דערציילונגען

איסר דער בוכהאַלטער

אַ סך, אַ סך יידן אין שטעטל האָט די מלחמה צעמורשט, איבער־געקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ, געבראַכט אַפילו אַנדערע צו בעטל־ברויט. אויף קיינעם איז אָבער נישט אַזאַ ביטערער רחמנות, ווי אויף איסר בוכהאַלטער. זיין בראָך איז, דוכט זיך, גרעסער פון אַלעמענס.

און קיין גביר איז ער דווקא נישט געווען, איסר בוכהאַלטער; סה״כ אַ „סלוזשאַשטשי״, ווי מ׳פלעגט עס אַ מאָל רופן, אַ שרייבער אין אַ תבואה־קאַנטאָר ערגעץ אין אַדעס, פון וואַנען ער פלעגט שיקן דעם ווייב „וואָכערס״ אויף חיונה און אַליין פלעגט ער אַראָפּקומען אַהער צו צוויי מאָל אין יאָר — אויף פסח און ימים־נוראים. האָט ער אָבער פאַרמאָגט אַ ליכטיקן פּנים, איינגעראָמט אין אַ שוואַרצער הערצל־באָרד; אויגן, וואָס האָבן געשפּרייט אַרום זיך גאַנצע ימען מיט גוטסקייט, און ווען ער פלעגט אַראָפּקומען אין שטעטל אויף יום־טוב, האָט זיך געדוכט, אַז אַ פּרינץ פון ערגעץ אַ וווּנדער־לאַנד שפּרייזט איבער די געסלעך, אַ הויכער, אַ שלאַנק־אַצילותדיקער, פאַרשמעקנדיק אַלץ אַרום מיט אַ ליבן יום־טובדיקן ריח.

יע, אַ זיס־פאַרכאַפּנדיקער יום־טוב־ריח האָט בפירוש געשלאָגן פון איסרן, פון די שוואַרצע, געפּרעסטע בגדים, אין וועלכע ער האָט זיך געקליידט, פון די בלאַנקנדיקע מאַנזשעטן. ווער האָט עס געטראָגן, חוץ אים, אין שטעטל? ווער האָט עס אָנגעזען?..

הדס, דאָס דיקלעכע ווייב זיינע מיט די גרויסע גאָלדענע אויררינגען, פלעגט טענהן שטענדיק פאַר די ווייבער מיט אַן אומעטיקן תחינה־קול:

— גאָט האָט מיר מזכה געווען מיט אַ טייערן בריליאַנט, וואָס איז

אָבער די פּעולה, אַז ער שיינט אין דער פּרעמדס און איך קען זיך בלויז זעלטן אין אים שפּיגלען!

אונטער די דאָזיקע שיינע, מליצהדיקע ווערטער וואָלט זיך זיכער אונטערגעשריבן מיט ביידע הענט גאַנץ שטעטל. וואָס איז דער וווּנדער?.. מ׳האָט אים דאָך דאָ ליב געהאַט, איסרן, ווי דעם לעבן, געשטאָלצירט אַפילו מיט אים „אין דער וועלט" — אין די אַרומיקע שכנישע שטעטלעך, אָדער אַ מאָל פאַר אַ געקומענעם אורח.

פלעגט זיך אין אַן ערב יום־טובדיקן אומגעדולדיקן פאַרנאַכט באַווייזן פון „שליאַבאַן" שאַמקע בעל־עגלהס פורל, אויף וועלכער ס׳פלעגט זיך, שמייכלענדיק, צושאָקלען איסר מיטן האַרטן, גרויס־שטאָטישן קאַפּעליוש, פלעגט ווערן אַ פריילעכער גערודער אין שטעטל. די בשורה איז תיכף איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל און פאַרטאַראַראַמטע ווייבער זיינען געלאָפן הענדום־פענדום צו הדסן אויף דער נייער גאַס, פאַרדינען די מצווה פון אָנזאָגן דעם אָנקום פון ליבן גאַסט.

באַזונדערס איז מען אין שטעטל גערן געווען איסרס קומען ימים־נוראים: ראשית, ווייל ער פלעגט זיך דאָ שוין דעמאָלט זאַמען אַ גאַנצן חודש — פון ראש־השנה ביז נאָך סוכות — והשנית, האָט זיך עפּעס געדוכט, אַז זיין אָנוועזנהייט שוואַכט אָפּ די נאָגנדיקע עצבות, וואָס עס וואַרפט דאָ אָן די מורא פאַרן יום־הדין און דער טריבער, אָנקומענדיקער האַרבסט.

ווער רעדט נאָך, אַז איסר האָט אויף דער ליציטאַציע אין סאָסינער הויף אָפּגעקויפט די אַלטע פּיאַנע פאַר זיין אונטערוואַקסנדיקער בת־יחידקע אסתרל — האָט שוין דעמאָלט שטעטל זיך אין גאַנצן אַרויסגעטאָן פון זאָרגן... אַ גאַנץ יאָר פלעגט אַפילו אסתרל אויך פון צייט צו צייט „אונטערצימבלען" אויף דער פּיאַנע, ס׳איז אָבער געווען נישט דאָס... מיט איסרס קומען אויף יום־טוב האָבן גאָר די טענער אַנדערש געקלונגען אין חלל, צעשפּרייט זיך איבער דעם פאַראומערטן שטעטל, ווי אַ זיסע טרייסטנדיקע תפילה. יידן האָבן ליבהאַרציק געשמייכלט צו זיך, צו יענעם:

— אהא, שוין דאָ איסר, שוין דאָ, און דאָס טעכטערל זיינע שפּילט פּאַרטעפּיאַן !..

בין כסה לעשור, אין די געשענקטע, לויטער־איינגעוואָרעמטע ביי־טאָגן צווישן ראש־השנה און יום־כּפּור, פלעגט זיך איסר אַרומדרייען שעהענווייז מיט זיין אויסגעפּוצטער בת־יחידקע איבערן געראַמען שטעטלשן מאַרק, וועלכער איז דעמאָלט, האַרבסט־צייט, הויך פאַרשאָטן מיט די גרויסע, גאָלדיק־ברוינע בלעטער פונעם פּאָפּס דערנעבנדיקן סאָד. דער טאַטע מיט דער טאָכטער גייען גרויס־שטאָטיש־פּריציש געאָרעמט, באַגלייט דורך די ליבע, דרך־ארצדיקע בליקן פון די קרעמערס. אַלע ווײַלע שטעלט זיך אָפּ איסר לעבן אַן אַנדער קרעמער, פרעגט אים אויס מילד־פריינטלעך, וואָס ער מאַכט, צי ס'לייזט זיך עפּעס און שפּרייזט אַוועק ווייטער מיט אסתרקען אינעם ברייטן, שורשנדיקן בלעטער־ים.

— „אַ שאָד, וואָס אַזאַ מענטש אין דאָ נישטאָ כסדר — פלעגן זיך קרעמערס דורכוואַרפן מיט ווערטלעך אויף איסרס חשבון — פאַר דעם שטעטל וואָלט דאָך עס געווען אַן אמתע צירונג. נישט אַזוי ?״...

*

דער הייסער ווונטש פון שטעטל איז לסוף מקוים געוואָרן. ס'האָט זיך אונטערגערוקט די מלחמה, אָדעס איז געבליבן „אויף יענער זייט״, איסר האָט מער נישט געקענט פאָרן אויף זיין אַלטער בכבודיקער שטעלע און איז שוין בקביעות געבליבן וווינען אין שטעטל.

וואָס איז אָבער די פּעולה, אַז איסר איז שוין מער נישט איסר, נאָר עפּעס אַ צעבראָכענער, פאַרמרהשחורהטער ייד !.. די ערשטע צייט האָט זיך נאָך דער גלאַנץ ווי ס'איז געהאַלטן. ער איז נאָך אומגעגאַנגען אין זעלביקן שוואַרצן אָנטאָן און יעדער טאָג אַליין, אָן שותפים, געקויפט אַ בלאַט־צייטונג צום לייענען... דאָס איז שוין אָבער, משמעות, געווען אַ ראַנגלעניש מיט די לעצטע כוחות. ביסלעכווייז האָט דאָ דער דלות אָנגעהויבן אַרויסשטאַרצן בריש גלי, אָפן, נאַקעט. וואָס איז שוין ערגער, ווי פאַרקויפן די חפצים פון שטוב ? צו ערשט די קלענערע זאַכן און

שפּעטער איז אויך די פּיאַנע, די אַלטע פּריצישע פּיאַנע, אַריבער אין פרעמדע הענט.

ווער פאַרגינט זיך עס אין אַזעלכע ביטערע צייטן קויפן אַ פּיאַנע? חנא דער גראָבער! אים האָט דווקא אָפּגעשיקעוועט די מלחמה, ער האָט געמאַכט די גראָבע קאָפּיקע, האַנדלענדיק מיט געשמוגלטע פערד — שטאָפּט ער אָן די נייע, געשאַליעוועטע שטוב זיינע מיט וואָס נאָר ער קען.

ניט ווייניק צער האָט עס שטעטל פאַרשאַפט! ווייבער מיט „פוכקע לבבות" האָבן אַפילו ביטערלעך געפלאַנכעט, בעת מ׳האָט די קרעכצנדיקע פּיאַנע געפירט צום אויפגעקומענעם נגיד, מאַנסבילן האָבן סתם געזיפצט אין די בערד אַריין:

— עך, צייטן!.. צייטן!..

און איצט איז שוין איסרן לגמרי נישט צו דערקענען. וואָס האָט די מלחמה און די נאָכמלחמה געמאַכט פון אים! די שלאַנקע, אצילותדיקע געשטאַלט געהויקערט ווי ביי אַ זקן, די באָרד צעפלאָשעט, גרוי, און די טיפע שוואַרצע אויגן קוקן אויף דער וועלט אזוי מוטלאָז און אָן לעבן.

— וואָס איז דער חידוש — רעדט מען מיט קאָפּ־שאָקלעניש אין שטעטל — אַז אַ מענטש טוט שוין נישט פון לאַנג קיין פינגער אין קאַלטע וואַסער און דאָס ווייב דאַרף זיין, שונאי ציון, די שפּייזערקע.

יע, הדס מיט די גאָלדענע אוירינגען (זיי זענען שוין, ב"ה, נישטאָ היינט!) איז געוואָרן די שפּייזערקע און די עול־טרעגערין פון שטוב. געזען, אַז די מלחמה האָט דעם מאַן אירן אין גאַנצן אָפּגעהאַקט די פליגלען, ער זיצט גאַנצע טעג אַ פאַרמרה־שחורהטער איבער די אַלטע רוסישע „ניוואַ"־זשורנאַלן און בלעטערט און בלעטערט — האָט זי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די חרפה, געקראַגן ערגעץ לאַדזשער רעשטלעך אויף באָרג און זיך אַוועקגעלאָזן דערמיט איבער די שכנותדיקע דערפער. שלעפּט זי זיך מיטן שווערן פּעקל פון דאָרף צו דאָרף, פון כאַטע צו כאַטע, פאַרקויפט, אַז ס׳לאָזט זיך, פאַר מזומן, און אַז נישט — וועגדט זי אָן די „טויש־סיסטעם": בייט עס איבער אויף כלערליי דאָרפישע זאַכן — אַ קרענצל ציבעלעס, אייער, עופות וכדומה.

אַ שווערער געמאַטערטער לעבן!.. לאָזט זי אָפּט אויס דאָס אָנגעלאָדן האַרץ צום מאַן אירן. — געוואַלד, טו עפּעס — טעסעט זי גאַנצע שטיקער פון איר אַמאַליקן „ברילייאַנט״ — אַ מענטש זאָל נאָר קענען זיין אַ „בויכ־האַלטער״ אין אָדעס און ווייטער גאָרנישט!..

וואָלט כאָטש אסתרקע אַריינגעוואָרפן אַ גוט וואָרט פאַרן טאַטן!.. זיי האָבן דאָך אַזוי גוט געלעבט אַ מאָל... העלפט זי נאָך, אַדרבה, אים גריזשען מיט דער גאַנצער פאַרביטערטקייט פון אַ פאַרעלטערט, פאַרצאָגט מיידל.

אַנטלויפט איסר פון שטוב און דרייט זיך אַרום אין אָפּגעבליאַקעוועטן אויבער־מלבוש איבער די פוסטע שטעטלשע גאַסן. אין די ליכטיקע האַרבסטיקע טעג שפּרייזט ער, ווי אַ מאָל, אָן אויפהער איבערן מאַרק־פּלאַץ, הערט זיך צו מיט אַ מאָדנער פיינלעכער קאָנצענטרירטקייט צום שורשען פון די בלעטער אונטער די פיס, וואָס דערמאָנט אים, אַפּנים, אין ווייטע, פאַרשווומענע צייטן...

אויך די אַרומיקע קרעמערס, פאַרפינצטערטע, מיט שרעק אין די אויגן פאַרן עקזעקוטאָר, דערמאָנען זיך בעת מעשה יענע צייטן, ווען איסר פלעגט דאָ, אַ יום־טובדיקער, אַרומגיין צווישן די קראָמען, אויספרעגן ליבלעך איטלעכן, וואָס מ׳מאַכט. — עד, ווי אַלץ איז עס אַוועק קאַפּיד־ריכאָם!.. אַ תל געוואָרן פון איסרן און אויך זיי זענען אַלע געוואָרן שלעפּיירים. ווען נישט אַמעריקע, וואָלט מען שוין לאַנג אויסגעצויגן די פיס!

מיט רחמנותדיקע בליקן קוקן זיי נאָך, ווי איסר שאַרט אַלץ שטאַרקער מיט די אַלטע שטיוועלטן אין די געלע, אָנגעהויפטע בלעטער, ווי ער וואָלט בגוואַלד וועלן פאַרטויבן די פּיאַנאָ־טענער, וואָס טראָגן זיך, גריל־צנדיקע, אויפגעקומענע, פון חנאס הויכע, געשאַליעוועטע פענצטערס...

א ייד מיט צווי קאַצאַפּעס

די אָנזאָגערס פון ווינטער אין שטעטל זענען געווען נישט די ווייסע פרימאָרגנדיקע פרעסטלעך, נישט די חשוונדיקע בלאָטעס, אין וועלכע די געסלעך האָבן זיך געטרונקען און זיך נישט געקענט אַרויסראַטעווען, נישט דער ערשטלינג־שניי אַפילו, — נאָר יודל מרדכי דעם שוסטערס קאַצאַפּעס, פעדקע און פעטקע.

יאָר־ערלעך, פונקט האַלב חשוון, פלעגן די „האחים פעדקע און פעטקע", ווי מ'האָט זיי גערופן אין שטעטל, אַראָפּקומען אַהער צו פון זייער ווייטער היים ערגעץ אין טיף „ראַסעי", רויט־קאַרקיקע, אין שווערע, געפּאַלדעוועטע פעלצן, און אין שטעטל פלעגט תיכף אַ ווייע טאָן מיט קעלט, מיט שטייפן רוסישן פראָסט... דערזעענדיק זיי ס'ערשטע מאָל אין גאַס, פלעגן יידן כאַפּן עפּעס אַ דריבנעם ציטער, ברענגען נאָך דעם די נייס אין שטוב אַריין מיט אַן אומעטיקן קול:

— מנאַ... ווייזט אויס, אַז דער ווינטער שטעלט זיך טאַקע. שוין געזען היינט די קאַצאַפּעס אין גאַס, יודל מרדכיס קאַצאַפּעס.

דערפאַר פלעגן זיך דערפרייען מיט זיי די חדר־ייִנגלעך, פונקט ווי פסח־צייט מיטן אָנקום פון די באָטשאַנעס, די שליחים פון זומער. אָ, איצט זענען זיי שוין זיכער מיטן ווינטער! אַבי עס זענען שוין דאָ די קאַצאַפּעס, וועט שוין זיין אַלץ: אַ גליטש, שניי־גאָמעלקעס, אונטערפּאָרעניש אויף שליטלעך — אַלע ווייסע ווינטערדיקע פריידן!

צום שטאַרקסטן פלעגט זיך אָבער דערפרייען מיט די געסט יודל מרדכי דער שוסטער אַליין. דאָס איז געווען אַ מבוגשמדיק־צעוואָקסענער ייד מיט שווערע בערן־טריט, מיט אַ האַרטער, טונקעלער באָרד, ווי מיט

שוסטערשער סמאָלע אויסגעשמירט, און אויגן דווקא בלויע און אומשולדיקע, ווי ביי אַ קינד. ביי אים, אין דעם קליין שטיבעלע הינטער די בריקן, פלעגן זיי עס ווינטערן, די קאַצאַפּעס, אויסאַרבעטן דאָרט אין דער פאַר־דונגענער האַלב־טונקעלער קאַמער די שעפּסענע פעלכלעך, וואָס גויים פלעגן אָנברענגען צו זיי פונעם גאַנצן אַרומיקן געגנט. עס זענען געווען נאָך קושניאַרעס אין שטעטל, היימישע בעלי־מלאכהס, אָבער אַזוי אויס־אַרבעטן אַ פעלכל, ווי די קאַצאַפּעס, האָט קיינער נישט געקענט. אַז אַ פעל איז אַרויס פון זייערע הענט, האָט עס געגלאַנצט, איז עס געווען דורכגע־נומען עפּעס מיט אַזאַ האַרבן, געשמאַקן פאַנישן ריח, וואָס האָט זיי, די גויים, נישט ווילנדיק, דערמאָנט אין די פאַרבראַכטע יונגע יאָרעלעך אין קאַזאַרמע. מ׳האָט זיך שפּעטער געצאַצקעט מיט די אויפגעניייטע „קאָזשו־כעס", געפּראַנטעוועט מיט זיי אויף דאָרפישע חתונות, אויף שטעטלשע יאַרידן.

פאַרשטייט זיך, אַז אין יודל מרדכיס שטיבל איז שוין קיין דוחק אין אָט דעם פאַנישן, קיצלדיקן ריח נישט געווען. אַפילו זומער בשעת פון די קאַצאַפּעס איז שוין לאַנג קיין זכר נישט געווען. אַזש אין דרויסן האָט עס פאַרשלאָגן, און פאַראיידלטע שטעטלשע יידן פלעגן טאַקע, דאָ פאַר־בייגייענדיק, די נעז פאַרקרומען און גרימאַסעס מאַכן.

יודל מרדכי, אַקעגן זשע, פלעגט עס זשליאָקען אין זיך, ווי די טייַ־ערסטע פּערפום. ליב זענען אים געווען די קאַצאַפּעס און ליב זענען אים געווען די ריחות זייערע. אַ גאַנצן זומער פלעגט ער טאַקע אָן די שכנים זיינע, די קאַצאַפּעס, זיך ממש קיין אָרט נישט געפינען, ציען אומעטיק אין די נאָזלעכער דעם ריח זייערן און ברומען רק ביי דער אַרבעט אַ פאַר־בענקט רוסיש נגונדל, אויך אַן איבעבלייבעכץ פון די קאַצאַפּעס.

און אַז עס פלעגט קומען חשוון־צייט, פלעגט דער ייד ווערן ווי ניי־געבאָרן. מיט עטלעכע טעג פריער פלעגט ער שוין אַרויסגיין יעדן אָוונט אַפּוואַרטן די געסט לעבן דער סטאַנציע. די אויגן פלעגן ביי אים זיין צעגלאַנצט און דער ברייטער פּנים מיטן קאַרטאָפליע־נאָז יום־טובדיק צעשמייכלט. און ווען זיי פלעגן לסוף אָנקומען אויף שאַמקע בעל־עגלהס

איבערגעפּאַקט פורל, פלעגט ער זיך אַרומכאַפּן מיט זיי, ווי מיט ברידער, מער ווי מיט ברידער:

— אַך, פעדקאַ! אַך, פעטקאַ!

פון די הייסע אומאַרמונגען פלעגן אַזש די ביינער טרעשטשען, און דאָס כראָמשטשענדיקע קושעניש האָט אָפּגעהילכט איבער דער גאַנצער גאַס.

שטעטלשע יידן האָבן געהאַלטן, אַז יודל מרדכיס גדולה מיט די קאַצאַפּעס איז צוליב זייערע פופצן קאַרבן דירה־געלט — אַ מטמון מיט געלט אין שטעטל! — און צוליב די מתנות, וואָס זיי ברענגען אַלע ווינטער פאַר אים מיט זיין ווייב, „שרה די עקרה״ — די גרויע סיבירער וואָליקעס, וואָס דאָ, אין די ליטווישע מקומות, זעט מען עס גאָרנישט אָן. דאָס איז אָבער נישט אמת געווען. אַן אמתע נשמהדיקע פריינטשאַפט האָט זיי דרייען פאַרבונדן, — אָט דעם הויכן, שוואַרצבערדיקן יידן, מיט די קליינ־וווקסיקע, געל־בערדיקע קאַצאַפּעס, אַ פריינטשאַפט, ווו די פונאנדער־טיילונג אויף „ייד״ און „גוי״ מאַכט, אַדרבה, די צוגעבונדנקייט נאָך שטאַרקער, מסירת־נפשדיקער, ווי עפּעס אַ זיסע צו להכעיס־שפּיל מיט דער גאַנצער וועלט...

וואָסי? אין שטעטל האָט מען דען ווייניק חוזק געמאַכט פון יודל מרדכיס האָליובעניש מיט די קאַצאַפּעס? פון זיין לויפן אַלע מאָל, מיט צעפלאַטערטע פּאָלעס, צו לוקאַשן אין שענק, ווי נאָר ער פלעגט דערהערן, אַז שיכורע שטעטלשע גויים האָבן דאָרט פאַרפירט מיט זיי אַ געשלעג? אמת, פון זיינע קלעפּ, וואָס ער האָט געטיילט דעמאָלט אויף רעכטס און אויף לינקס מיט די שווערע שוסטערשע ידים, האָבן יידן גאַנץ פיין הנאה געהאַט. אָט, זאָל מען זען, אַז אַ ייד קען אויך „דערלאַנגען״, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין! אָבער וואָס איז דאָס זיין באַבעס דאגה? שכורים — לאָזן זיי זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט!

און ווען ער פלעגט, אַ פאַטערלעך־פאַרזאָרגטער, פירן נאָך דעם די קאַצאַפּעס אונטער די הענט אַהיים, האָט זיך געוויגט דאָס שטעטל, פון ברעג ביז ברעג, ווי אויפן גרעסטן פאַראַד. „יודל מרדכי פירט שוין זיינע קאַצאַפּ־

עלעך!״ — זאָגט אָן איינער דעם אַנדערן די „שמחה״, און באַלד ווערט די גאַס שוואַרץ פון מענטשן. ווייסע חברהניקעס פילדערן, פייפן, שרייען „הורא״, און מיושבדיקע יידן טיילן אים פאַרציעס מוסר:

— נו, זאָגט אַליין, יודל מרדכי, צי איז דאָס אַ דרך פון אַ יידן? ס׳פּאַסט פאַר עשו, פּאַסט עס. און אַז די קאַצאַפּעס צאָלן אייך די פאַר קאַרבן דירה־געלט, מיינט איר, אַז איר דאַרפט שוין גיין פאַר זיי אין פייער און וואַסער? שעמט זיך, בנאמנות, אין אייער ווייטן האַלדז אַריין!

— אַז זיי זענען עלנטע אין שטעטל! — פּרוּווט זיך יודל מרדכי שטיל פאַרענטפערן, קלאַמערט פעסטער איין די צעשאָקלטע קאַצאַפּעס אין זיינע מעכטיקע אָרעמס און פּאַטשט אַוועק מיט זיינע שווערע בערן־טריט צו די בריקן, באַגלייט דורכן גאַנצן עולם — אַ לעבעדיקע לוויה.

אָבער — עס מאַכט נישט אויס! עס האָבן נישט געפעלט אין דער פריינטשאַפט קיין דערהויבענע מאָמענטן אויך. אונטער יודל מרדכיס ווייכע איינרעדענישן, פלעגן די קאַצאַפּעס אַ סך מאָל בייקומען דעם יצר־הרע פון טרינקען, און די אָוונטן נאָך דער אַרבעט פלעגט מען שוין געמיטלעך פאַר־ברענגען אין יודל מרדכיס האַלבער שטיבל. איז דאָס שוין געווען אַ באַצאָלונג פאַר אַלץ! מיט אַזאַ היימישער צעכראַשטשעטקייט, באָרוועסע, זיצן זיי זיך, פעדקע און פעטקע, אויף דעם שלאָפבאַנק, קוקן זיך איין מיט די קליינע קאַלמיקישע אייגעלעך, ווי יודל מרדכי קלאַפּט די פלעקלעך. מ׳דערציילט זיך מעשות איינע די אַנדערע אויף אַ לשון, וואָס איז חצי יידיש ופאַלאָווינע רייסיש, און, ווי ביי ס׳רוב יידיש־גויישע שמועסן, קומט מען אַרויף צום סוף אויף דער אַלטער טעמע: „אייער גאָט — אונדזער גאָט״.

קיין פאַרביסנקייט, ווי אומעטום, איז דאָ אָבער נישט געווען. אַדרבה, ס׳איז געווען צו באַוווּנדערן, ווי גיך די דיספּוטאַנטן פלעגן זיך אויסגלייכן צווישן זיך, דורכקומען אויפן שענסטן און בעסטן אופן.

אָבער דער שמועס ווי דער שמועס — דער עיקר פלעגן זיי זיך פונאַנ־דערזינגען שפּעטער, די קאַצאַפּעס. געזונגען האָבן זיי אַלץ אַזעלכע אומעטיקע האַרציקע וואָלגע־לידער, אַז יודל מרדכי, אַ געוואַלדיק־פאַרקאָכטער אין נגינה, פלעגט בלייבן זיצן, ווי אַ פאַרשמעליעטער. דער האַמערל פלעגט

זיך אים אַזש פון האַנט אַרויסגליטשן, און אפילו דאָס ווייב זיינע, „שרה די עקרה", אַט די אייביקע פעדערן־פּליקערקע, וועלכע פאַרגינט זיך קיין מאָל נישט אויף אַ רגע איבערצורייסן די אַרבעט, לאָזט פּלוצעם אַראָפּ די הענט אירע פון גרויס מתיקות. זי פילט נישט, ווי אין איר התפּעלותדיק־צעעפנט מויל פליען קליינע צעריסענע פעדערלעך אָן אויפהער און ס'ווערט צעפּטערט אַזוי פיל סחורה...

און אַ ליבע וואַרעמקייט הערשט אין שטיבל, — פאַר דעם האָבן שוין די קאַצאַפּישע פופצן קערבלעך געזאָרגט! און אין דרויסן קערט א שניי־זאַווערוכע וועלטן, רייסט שטיקער פון דעם שטיבל, וואָס איז פאַרוואָרפן אין עק שטאָט. נו, איז אַ חידוש, וואָס מ'האָט זיך דאָ צונויפגעלעבט אַלע, ווי קינדער פון איין משפחה?

איז טאָקע שווער געווען פורים־צייט די געזעגענונג מיט די קאַ־צאַפּעס, זייער שווער. לצים פלעגן אַפילו זאָגן, אַז יודל מרדכי לאָזט אַ טרער בעת מעשה. ווער ווייס?..

*

אָבער אָט איז אויסגעבראָכן די מלחמה. אין אַ שטיקל צייט אַרום איז „דער רוסישער" אַוועק פון שטעטל, און די ליבהאַרציקע פריינט זענען געבליבן אָפּגעשניטן איינע פון די אַנדערע.

די ערשטע צייט האָט זיך יודל מרדכי געטרייסט: „מילא, דאָס וועט דאָך אייביק נישט דויערן. עס וועט ווערן שלום, וועלן זיי ווידער קומען, פעדקע און פעטקע. עס מאַכט נישט אויס, וועלט וועט נאָך זיין וועלט!"

אָבער, וואָס טוט זיך דאָ, וואָס?.. דערלעבט שוין דעם שלום סוף־כל־סוף. פון משה בעקערס פענצטער ווינקען שוין אַרויס ווייסע בולקעס, געבייטלטע ברויט, און מ'גייט קוקן אויף דעם, ווי אויף בייזע וווּנדער; גאַנצע מחנות „בעזשענצעס" (היימלאָזע) קערן זיך אום יעדער טאָג פון רוסלאַנד. און זיי זענען נאָך אַלץ נישטאָ! עס איז שוין חשוון, כסלו, און נישט מ'הערט זיי זיי און נישט מ'זעט זיי!

די צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד, סיי יידן, סיי גויים, האָבן שוין געהאַט פון אים צו זינגען און צו זאָגן.

— אפשר האָט איר געזען אַ מאָל מיינע קאַצאַפּעלעך? — פלעגט ער רחמימדיק אָנשטעלן אויף איטלעכן אַ פּאָר אומרויקע אויגן. ער האָט נישט געהאַט קיין אמונה אין זייערע רייד, אַז זיי האָבן נישט געזען און האָט אויך נישט געגלויבט, אַז זיי קענען גאָר אַהער אין גאַנצן נישט קומען, די קאַצאַפּעס, ווייל ס׳איז דאָ אַ גרענעץ, און נישט קיין היימישע לאָזט מען נישט דורך.

— וואָס הייסט עפּעס מ׳לאָזט נישט דורך? — האָט זיך די גרוי־געוואָרענע באָרד זיינע פּראָטעסטירנדיק געטרייסלט. — איין און דרייסיק ווינטערס זענען זיי אָפּגעווען ביי מיר אין שטיבל, דעם גאַנצן געגנט גוויים מיט „קאָזשוכעס״ באַקליידט, און פּלוצעם — נישט קיין היגע! ניין, עס קען נישט זיין!

און עד היום איז ער נאָך זיכער, אַז זיי וועלן קומען.

בכלל איז עפּעס יודל מרדכי לעצטנס אַ ביסל מטושטש געוואָרן פון דער שלעכטער עלטער, פונעם אָפטן צוהונגערן, אָדער פון בענקעניש טאַקע. און אַז ס׳קומט חשוון־צייט ווערט ער שוין גאָר אויס מענטש. פאַרנאַכט טוט ער אָן די צעקראָכענע סיבירער וואָליקעס זיינע, — דער לעצטער אָנדענק, וואָס איז אים געבליבן פון די קאַצאַפּעס, — און גייט אַרויס מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ אָפּוואַרטן דעם אויטאָבוס פון דער סטאַציע — שאַמקע בעל־עגלה איז שוין לאַנג אויף דער וועלט נישטאָ. דער אויטאָבוס טאַקע האָט אים פאַר דער צייט געטריבן אין קבר אַריין, צונעמענדיק ביי אים די שטיקל פּרנסה.

חברה קונדסים האָבן שוין דערוויל וואָס צו טאָן! זיי גנבענען זיך צו צו יודל מרדכין פון הינטן, צופּן אים ביים לאַנגן, זעקלדיקן קאַפּטאַן, רייסן גאַנצע שטיקער פון די צעקראָכענע וואָליקעס. זיי קריגן אָבער אויסגעשיי־געצט פון עלטערע יידן, וועלכע גייען דעמאָלט צו מנחה־מעריב. זיי ווערן פּלוצעם אומעטיק, די יידן, דערמאָנען זיך, נישט ווילנדיק, קוקנדיק אויף יודל מרדכין, אין די פאַרמלחמהדיקע חשונס — פאַרט נישט געווען אַ מאָל אַזאַ דאגה מיט קאַרטאָפליעס אויף ווינטער! און זיי זיפצן צעבראָכן אין דער פאַרנעפּלטער לופט אַריין...

די טרופּע „טראַגעדיע און קאָמעדיע"

אָנגעהויבן האָט זיך עס, ווי אויף צו פּלייסן, מיט עטלעכע יאָר צוריק, בעת די וועלט האָט מיט אַ מינע פון „נאַ, ווערג זיך!", גענומען אָפּטראַנס־פּאָרטירן צוריק אין שטעטל אַריין ס׳ביסל יונגוואַרג, וואָס מ׳האָט איר געהאָט אַריינגעשיקט, זי זאָל זיי מאַכן פאַר „מענטשן" און געבן חיונה.

צו ערשט איז דאָ, ווי אַ יונגער פלוצעם־איבערגעשראָקענער העזל, אַראָפּגעפאַלן פון פּראָג ניאַכקע, דעם גבירס סטודענטל, מחמת דער טאַטע איז שוין מער קיין גביר נישט און קען אים נישט אויסהאַלטן אין דער פרעמד — אַ מער, זאָל ער בעסער, ניאַכקע, אויסהאַלטן די שטוב מיט לעקציעס, אויב ער וועט קריגן; גלייך נאָך אים האָט זיך באַוויזן, אינעם אויסגעוואָקסענעם מאַנטעלע און צעדרייטע מעשטלעך, שיינדל ליפשיץ, אָדער „שיינדל די לאַנגע", אויך אַ פיין, באַלעבאַטיש קינד, געענדיקט די ביעלסקער רעגירונג־גימנאַזיע און לעצטנס זיך געפונען אין וואַרשע, ווו זי האָט זיך אויסגעלערנט מאַכן קאָרסעטן און שוין באַלד פאַרדינט פאַר זיך אויף עסן. האָט אָבער „וואַרשעטשקע", ווי די יידן זאָגן דאָ, נישט פאַרגונען איר דעם גרויסן גליק און אָפּגעשיקט זי צוריק אין שטעטל אַריין צום געדריקטן טאַטן אויפן קאַרק; און — די גרעסטע סענסאַציע: אין אַ טריבן, יעשענדיקן טאָג האָט מען פלוצעם דערזען ביי בערטשע גבאי אויפן בריקל דעם געראָטענעם זונדל זיינעם מוקעלע, וועמעס שטעלע אין לאָדזש איז, דוכט זיך, געווען אייזן אין דער וועלט. אָבער אָט שטייט ער, דער בריה, אויפן טאַטנס צעפוילטן בריקל, אָנגעשפּאַרט אַזוי נעבעכדיק אויפן שוואַרצן גרויס־שטאָטישן שטעקעלע, די שפּיציקע, תמיד פריילעכע אייגעלעך ווי מיט אַ בעלם פאַרצויגן און איינגעגעסן עקשנותדיק אין די גרויע חשוונדיקע נעפּלען,

ווי ער וואָלט זיי פרעגן: וואָס זשע וועט איצט זיין, הא?.. וואָס וועט זיין?..

אָט דער דאָזיקער דריילינג — ניאַכקע דעם גבירס, שיינדל די לאַנגע און מוקעלע דעם גבאיס — האָט עס, נאָכן ארומשלאָנדערן עטלעכע וואָכן מיט שווערע אַראָפּגעלאָזענע קעפּ איבער די שטעטלשע בלאָטעס, באַשלאָסן לסוף פאַרלייגן דאָ אַן אַמאַטאָרן־טרופּע אונטערן נאָמען „טראַגעדיע און קאָמעדיע". וואָרעם נאָך אַ ביסל, האָבן זיי געזאָגט, איז רעכט, מ'זאָל אין גאַנצן אַראָפּ פון זינען, אַרומלויפן ווי יאָסקע משוגענער איבער די גאַסן מיט באַ־נומענע קולות: גוואַלד יידן, מיר גייען אונטער, מיר גייען אונטער!..

קיין מענטשן־מאַטעריאַל אויף אַן אַנסאַמבל האָט נישט געפעלט; צו דער היימישער חרובער נעסט האָבן אַלץ נישט אויפגעהערט אָנקומען פאַרטריי־בענע, הונגעריקע פייגעלעך... איצט שוין מער אַן עלעמענט אַן עמכדיקער, אָבער דערפאַר מיט אַ גוואַלדיקן חוש פאַר טעאַטער, פאַר יידיש טעאַטער. פון ביאַליסטאָק זענען אַראָפּגעקומען צוויי מיידלעך, נייטערקעס, געוועזענע סטאַטיסטקעס, און פון וואַרשע — מנשה דער שוסטער, אַ יונג מיט אַ קאַזאַקישער טשופּרינע, וועלכער פלעגט ממש טאָגן און נעכטיקן אין די וואַרשעווער יידישע טעאַטערן און געקענט גאַנצע אָפּערעטקעס אויף אויס־וויניק.

דער זכות פונעם דאָזיקן לאַנגיאָריקן טעאַטער־סטאַזש איז עס טאַקע בייגעשטאַנען מנשהן, ער זאָל ווערן רעזשיסער פון דער ניי־געשאַפענער טרופּע, הגם ניאַכקע האָט געטענהט, אַז דער כבוד קומט אים, מחמת ער האָט געזען אין פּראַג עמיל יאַנינגסן אַ לעבעדיקן אויף דער בינע, בעת די איבע־ריקע האָבן אים בלויז געזען אין פילם... אָבער געזען הייַנט, געזען מאָרגן, אַז די מעלאָדראַמעס מיט די אָפּערעטקעס האָט פּאָרט מנשה דער שוסטער, פּונקט ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט, אַז ס'וועט נישט זיין קיין שטאָך מלאכה אין שטעטל, און מ'וועט דאַרפן שפּילן טעאַטער — איין שבת צו נאָכטס פאַרן „לינת הצדק", דעם צווייטן — פאַרן „מתן בסתר"...

די אינסטיטוציעס האָבן טאַקע אויף זיך אַ נייע הויט אַרויפגעצויגן, זינט די טרופּע האָט צעלייגט אירע געצעלטן ביים קשאַנדז אין שייער; פופצן־צוואַנציק גילדן — אַ "סבאָר"!.. אָבער דערפאַר זענען די אַרטיסטן

גופא געווען אויף צרות: שיינדלס מעשטלעך זענען נאָך מער צעקרימט געוואָרן, געהאַט שוין אַן אויסזען פון כאַדאַקעס, און אַ פּאַפּיראָס איז שוין ביי ניאַכקען געווען אַ יקר־המציאות. האָבן אַלץ אָפטער זינדיקע מחשבותלעך אָנגעהויבן אויפקומען ביי די טרופּע־מיטגלידער, בעת די גבאים פלעגן אָפּנעמען די "סבאָרן" ביי דער קאַסע. מ'האָט זיך עס געשעמט איבעררעדן איינע פאַר די אַנדערע, ביז מנשה האָט לסוף אַרויסגעראַטעוועט פון דער לאַגע.

— חברה־טראַסק — האָט ער איין מאָל אַ זאָג געטאָן בעת אַ פּראָבע ביי יענטל דער עגונה אויפן בוידעם — די אמתע קבצנים און האַלעדריגעס זענען מיר דאָך אַליין, טאָ וואָס זשע האָבן מיר דאָ זיך וואָס צו שעמען?.. מיר דאַרפן די "סבאָרן" פאַר זיך — און באַסטאַ! די וועלט איז שוין סיי ווי אַ צעהרגעטע, אַ שטיוול אַ צעפּאָרענער, און וואָס געווען — וועט שוין נישט זיין!..

"חברה־טראַסק" האָט שטום מסכים געווען מיט מנשהן — זייערע מחשבות, אייגנטלעך!.. יע, וואָס געווען, וועט שוין נישט זיין!..

*

און איצט איז שוין "טראַגעדיע און קאָמעדיע" אַן אמתע וואַנדער־טרופּע מיט אַלע פּיטשעווקעס: אין די אַרומיקע שטעטלעך רופט מען זי "די טרופּאַרניע" און אירע פיין־געבכתיבהטע אַפישן (ניאַכקעס אַרבעט!) שרייען דאָרט שטיל אַראָפּ פון אַלע ווענט, קעמפן פאַרביטערט מיט ווינטן און רעגנס, פּונקט ווי זייערע באַלעבאַטים מיטן נייעם, האַרטן גורל זייערן.

שלעפּנדיק זיך כסדר אויף שטעטלשע וועגן, נישט קיין אויסגעשלאָפענע, מיט צעקנאָדערטע פּנימער פונעם שלעכטן גרים, האָט שוין, דוכט זיך, יעדערער פון זיי פאַרגעסן, ווער ער איז אַ מאָל געווען... ווען נישט ווען בלויז, בעת חברה מאכט אַ "ליאַמע" אין אַ ביליקן שטעטלשן שענקל נאָך אַ דערפּאָלגרייכער פאָרשטעלונג, ווײַנען ניאַכקע און מוקעלע מיט שכּורע טרערן — איינער אויף זיין האַלבן פּראַגער דאָקטאָראַט און דער צווייטער — אויף זיין חלום צו ווערן אַ פאַבריקאַנט אין לאָדזש.

„שיינדל די לאַנגע״, וועלכע פּאַלט אַוועק פון דעם ערשטן גלעזל „וויסע״, שלאָפט דעמאָלט אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג אויף אַ שמאָלער נאַקעטער באַנק, מיט אַראָפּגעהאָנגענע רעזיגנירטע הענט. נעבן איר וואַכט, מיט דער געטריישאַפט פון אַ הונט, מנשה, גלעט זי צאַרט, קוים אָנצורירן, די צעפּאַטלטע, שאַטינענע האָר — ער איז פאַרליבט אין איר, דער יונג, ביז משוגעת.

אַ באַקליידט שטעטל

מיט קיין סך נייע מלבושים האָט זיך שטעטל אַ מאָל, אין די גוטע צייטן, אויך נישט אויסגעצייכנט. פון דעסטוועגן פלעגט דאָ אַ פרישער בגד גאַנץ אָפט זיך אָנזוען. ווער רעדט אויף פסח — דעמאָלט האָט שוין איטלעכער אַוודאי זיך מיט עפּעס באַנייט. זאָל עס זיין אַ גאַרניטור פון האַרטן קאָרט, אָבער פאַרט אַ נייער, גענומען אויף באָרג ביי איינעם פון די סך שניט־קרעמערס אין שטעטל, אויסצוצאָלן אויף לאַנגע, לאַנגע חדשים.

האָבן טאַקע די שניט־קרעמערס געלייזט דעמאָלט „שטיקער גאָלד" און שניידערס זענען אַפילו פאַר פסח גאַנצע נעכט משמורים געזעסן. און כדי נישט איינצושלאָפן ביי דער אַרבעט, פלעגט איינער פון די פּועלים, דערציילט מען, פאַרלייענען עפּעס אַ שיינעם מעשה־ביכל, אַליין נישט אַרבעטן, נאָר פאַרלייענען מיט אַ געשמאַקן קול פאַרן עולם.

איצט אָבער פאַרשפאָרן זיי שוין אָנקומען צו אַזעלכע זאַכן! איצט האָבן זיי שוין באַלד פאַרגעסן, די שניידערס, ווי אַ שטיקל אַרבעט זעט אויס, און די שניט־קרעמערס, פון זייער זייט, שמייכלען מיט גאַליקע שמייכלעך, אַז מער ווי די מתים באַנייען זיך היינט נישט אין שטעטל — חוץ תּכריכים, ווייס מען דאָ נישט פון קיין נייעם בגד.

וואָס איז דער חידוש? אַז יידן זיצן שוין אַזוי לאַנג אָן פּרנסה און גריזשען זיך די הויט פון די ביינער, און ווער ס׳קען זיך אַפילו יע פאַרגינען, מיידט אויך אויס צו מאַכן זיך אַ נייעם בגד, כדי נישט אויסצורייסן לייטן די אויגן...

אָבער נאַקעט און אָפּגעריסן גייט מען נישט פון דעסטוועגן. דערפאַר זאָרגט שוין אַמעריקע, אַמעריקע מיט אירע פּעקלעך מלבושים.

וועלכער שטעטלשער ייד האָט עס נישט קיין שטיקל קרוב אויף יענער

זייט ים? דערלאַנגט מען פון דאָרטן פּעקלעך בגדים, אויף וואָס די וועלט שטייט. קיין געלט לעצטנס שיקט מען נישט, אָבער זאַכן — אַדרבה ואַדרבה! און דווקא גאָר לייטישע בגדים, קנאַפּ־וואָס גענוצטע, אַז אין שטעטל וווּנדערט מען זיך אַזש, ווי אַזוי מ׳לאָזט עס דורך דורכן גרענעץ...

נישט מער, דער פאַסאָן איז עפּעס „דאַסיק" — קלאָגן זיך ייִדן — די הויזן שמאָל — סכנת נפשות, קלעפּן זיך צום לייב, און דער רעקל דווקא ברייט, אַ מאָדנע מוראדיקע ברייטקייט — כאַטש שטאָפּ אַריין צוויי פּלייצעס אין איין מאַרינאַרקע!

איז אַן אמתער צער צו קוקן, ווי ס׳באַמבלט זיך אין אַזאַ יוסטער מאַרינאַרקע אַ שמאָל־אויסגעדאַרטע פּלייצקע פון אַ שטעטלשן ייִדן, צאַפּלט זיך און קען זיך גאָר קיין אָרט נישט געפינען... די פּיס, אַקעגן זשע, זענען געפּענטעט אין די איינגעצויגענע, ס׳רוב געקעסטלטע הויזלעך — איין האַלבער גוף אין רחבות און דער צווייטער אין קלעם.

די ערשטע צייט פלעגט מען זיך נאָך צושעמען אַ ביסל — אגב איז נאָך דער גראָשן גיכער געווען בנמצא — פלעגט מען די אַמעריקאַנער אַנצוגן איבערנייען, אָדער גאָר איבערקערן אויף דער אַנדערער זייט. לעצטנס אָבער האָט מען אַ מאַך געטאָן דערויף מיט דער האַנט: עד, שוין אַלץ איינס!.. און, ווי דורך אַ כישוף, פאַרוואַנדלען זיך דאָ ביסלעכווייז אַלע אין עכטע „יענקיס", פּונקט ווי אַן אַמעריקאַנער שטעטל וואָלט זיך פּלוצעם איבערגעפּלאַנצט אויף די היגע ליטווישע זאַמדן.

פראַנטעווען בחורים אין האַלב־צעשאָטענע זיידענע אויבערהעמדער מיט לאַנגע שפּיצאָסטע קראַגנס, און די אָפּגעשאָסענע רויטע בינדעס פלאַ־טערן אויפן ווינט, פּונקט ווי ביי די אמתע אַמעריקאַנער, וואָס פלעגן אַראָפּקומען אין שטעטל זיך זען מיט די קרובים (איצט קומען זיי נישט מער); שורשען מיידלעך בעתן שפּאַציר אויפן שאָסיי מיט שוואַרצע, זיידענע קליידער, מיט אַזעלכע מאָדנע קורצע פאַרביקע יאַקעלעך, און לייבל דעם שוחטס, דער דיכטער פון שטעטל, פאַזיכערט אַלעמען, אַז ער הערט בפירוש אינעם דאָזיקן זיידנס־גערויש אַ שטיל געוויין אויפן גורל פון אַ גאַנצער עדה ייִדן, וואָס מוזן אויסבעטלען אַ בגד אין דער פרעמד, צוצודעקן זייער נאַקעט לייב.

א שטעלע אין מאַגיסטראַט

אין דעם קרייז־שטעטל ר. אויף די קרעסן איז פריי געוואָרן אַ פּאָסטן אין מאַגיסטראַט; דער אַלטער פּאַליאַק לעוויצקי, וואָס פלעגט אַרומגיין איבער די הויפן, בודק זיין, צי עמעץ באַהאַלט נישט אויס אַ הונט, אָדער עפּעס אַן אַנדער שטוב־חיה, פון וועלכער מ׳דאַרף צאָלן דעם שטאַטישן שטייער — איז אַוועק אין עמעריטור.

האָבן זיך ביי הונדערטער בירגערס צעוויגט די הערצער און אַ האָפע־נונג האָט אַ שפּראָץ געטאָן, אַריינצוקריגן זיך אין מאַגיסטראַט אויפן פריי־געוואָרענעם אָרט. אמת, קיין שטאַרק געהויבענער פּאָסטן איז עס נישט, אַ „הינטישער", ווי חברה לצים האָבן אים אַ נאָמען געגעבן, און פון דער צוועלפטער מדרגה סך־הכל. אָבער אַ קלייניקייט עפּעס, היינטיקע צייטן אַ פּאָסטן? און נאָך ווו? אין סאַמע מאַגיסטראַט! אַז מ׳וויל זאָגן, איז עס דאָך כמעט ווי אַ מלוכה־שטעלע!

דאָס מאָל האָבן זיך אויך יידישע הערצער נישט ווייניק צעטיאָכקעט און אויסגעלאָשענע אויגן פון געפאַלענע באַלעבאַטישע יידן האָבן מיט אַ מאָל זיך צעגלאַנצט מיט אַ בטחונדיקן גלאַנצל. ווי קומען עפּעס יידן צו חלומען מכוח אַ שטעלע אין מאַגיסטראַט? מ׳לאָזט דאָך זיי אַהין סיי ווי נישט צו? איז דער תירוץ: אַמאָל טאַקע נישט און איצט — אפשר יע! די יידישע ראַטמענער אינעם ניי־געקליבענעם שטאָטראַט, וועלכע זענען שטענדיק געווען אויף שטעכמעסערס איינע מיט די אַנדערע, האָבן זיך לסוף צונויפגערעדט און אין איין קול באַשלאָסן, אַז איצט מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרריכט ווערן די היסטאָרישע עוולה. קנאַפּע פופציק קריסטלעכע באַאַמטע פאַרמאָגט דער מאַגיסטראַט, מוז איצט, לכל הפחות, דער פרייער

פאַסטן באַזעצט ווערן דורך אַ יידן! ניין, מער לאָזט מען זיך שוין נישט שפּייען אין דער קאַשע.

און ווי באַלד אַזוי, האָבן יידן געטראַכט, איז נישט געשלאָפן!.. דאַרף מען באַצייטנס אָנהייבן לויפן, זיך משתדל זיין וועגן דער שטעלע. אָן פּראָטעקציע, ברידערלעך, וועט איר ווייט נישט אַוועקגיין!..

האָבן שוין די יידישע ראַטמענער געהאַט צו זינגען און צו זאָגן! אויף שריט און טריט, אין שטוב און אין גאַס, אין בית־מדרש און אין מרחץ, להבדיל, האָבן זיי באַלאַגערט מחנות פאַראומערטע יידן און געבעטן רחמים פאַר זייערע הונגעריקע ווייבער און פאַרחלשטע עופהלעך. און אַלץ אָפּגע־פּיינטע יידן, יידן מיט נעמען!..

דער עיקר, פאַרשטייט זיך, איז מען געלאָפן מיט השתדלותן צו משה פּעשעס, אַ שוואַרצער, רירעוודיקער יונגערמאַנטשיק מיט אַ לאָפּעטע־בערדל און מיט אַ מויל, ווי אויף שרויפן. ס׳האָט אים אָפּגעגליקט, אָט דעם משה פּעשעס! געווען בחורוויז אַ פּריקאַזשטשיק אין אַ לעדער־קראָם ערגעץ אויף די וואַרשעווער נאַלעווקעס, האָט ער דאָרטן אַ „פּאַק געטאָן" דעם אמתן פּוילישן אַקצענט און איז געוואָרן אַ דאַנק דעם דער גענעראַל־רעדנער ביי די יידישע ראַטמענער. שטעטלשע יידן לאָבן זיך גאָר מיט זיינע רעדעס אויף די זיצונגען פון שטאָטראַט, טראָגן זיך אַרום דערמיט, פּונקט ווי אַ מאָל מיט אַ דרשה פון עפּעס גוטן מגיד פון דער פרעמד.

אויך איצט האָט ער זיך געגרייט מיט גאָר אַ וואַזשנער רעדע, צו פאַרטיידיקן די רעכט פון יידן אויף אַרבעט, אַרומגעגאַנגען אַ פאַרמוחטער, געהאַלטן אין איין צופּן זיין שוואַרצע לאָפּעטע־בערדל און זיך געבייזערט אויף די יידן, וואָס זענען געקומען צו אים בעטן „פּראָטעקציע":

— געוואַלד, יידן, לאָזט אָפּ!.. לאָמיר צו ערשט האַלטן די רעדע מיינע, אויסקעמפן די פּאָזיציע, און דעמאָלט וועט מען זען, ווו מ׳האַלט אין דער וועלט... איצט איז דאָך קיין פּעולה נישט... איר צעמישט מיר בלויז די רעיונות און ווייטער גאָרנישט!..

האָבן זיך די קאַנדידאַטן דרך־ארצדיק און מיט נעבעכדיקע מינעס געצויגן אויף צוריק. — „ר׳ משה איז דאָך גערעכט — האָבן זיי געהאַט

טענות איינע צו די אַנדערע — צו וואָס טאַקע צעמישט מען אים די רעיו־נות ?..״ אונטערגעשטראָכן בכיוון „ר׳ משה״ און געקרימט צו אים חניפה־שמייכלעך פון דער ווייטנס : מיר די שטעלע ! מיר ! מיר !..

די „היסטאָרישע״ דרשה איז לסוף געהאַלטן געוואָרן. נישט אומזיסט האָט זיך משה פעשעס אַזוי מכין געווען ! די יידן, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט בעת־מעשה הינטערן צעפוילטן באַריער פון ראָטהויז, האָבן אָפּגעפּסקנט, אַז אַזאַ רעדע האָט געמעגט איינשטיין ביי אַ סיים־דעפּוטאַט... וואָס איז דאָרט נישט געווען ? בערעק יאָסעלעוויטש, דער יידישער פּולקאָווניק, און אסתּרקע, די געליבטע פון מלך קאַזימיעזש... אַזוינס האָט מען פון אים טאַקע נאָך קיין מאָל נישט געהערט...

אַפילו די גויישע ראַטמענער, די שווערע, לאַנג־וואָנסיקע „מיעש־טשאַנעס״, זענען געזעסן געפּלעפּטע פון זיין „חתוך הדבור״, געגלעט אויף אַראָפּ די האַרטע שטרויענע וואָנצעס און געקוקט תמעוואַטע אויפן בירגער־מייסטער אַנטאָני — וואָס דו וועסט אונדז הייסן, טאַטעלע, דאָס וועלן מיר טאָן !..

האָט זיי דער „טאַטעלע״, נישט קיין שלעכטער ערל, וועמען די יידן האָבן טאַקע מיט זייערע שטימען אַדורכגעפירט פאַר בירגערמייסטער אַנ־שטאָט דעם הויכן סטאַך — אַריינגענומען אין פירהויז, געגעבן זיי צו פאַרשטיין, אַז מ׳מוז די „זשידעס״ אויך אַ מאָל צוּוואַרפן אַביינדל... און געפּועלט ביי זיי לסוף, אַז די שטעלע פון „הינטישן שטייער״ זאָל איבערגיין אין יידישע הענט.

די יידישע גאַס האָט געיובלט... און נישט בלויז דאָס שטעטל אַליין ; ווו נאָר אַ יידישער ישוב אין דער מדינה האָט מען זיך געפרייט. מחמת לייבל דעם שוחטס, דער קאָרעספּאָנדענט פון אַ וואַרשעווער צייטונג, האָט תיכף אָוועקגעשיקט די בשורה־טובה אין זיין בלאַט אַריין און יענע האָט עס אָפּ־געדרוקט אויבן אָן מיט גרויסע קידוש־לבנה אותיות...

ווער זשע האָט עס זוכה געווען צו פאַרנעמען די מאַגיסטראַטישע שטעלע ?

מאָדנע. קיין איינציקער נישט פון די פריערדיקע קאַנדידאַטן, נאָר

משה פעשעס שווער גאַר, בצלאל אוריס, אַ פיינער ייד, וועלכער איז נאָך גאָרנישט לאַנג געשטאַנען מיט אַ גרויסער שניט־קראָם אויפן מאַרק, געווען וויצע־פּאָרזיצער פון סוחרים־פאַראיין און איצט איז ער אַ מחוסר־לחם, ווי אַלע. אים האָט עס דער איידעם באַזאָרגט מיט דער זיכערער מאַגיסטראַט־שטעלע.

האָט מען טאַקע מתרעם געווען אין שטעטל, געבורטשעט: ווער ס׳זיצטביים בוך, שרייבט זיך, אַפּנים, אָן אַ גוט יאָר!..

קיין גרויס פאַרדרוס האָט מען פון דעסטוועגן נישט געהאַט. אדרבה, אַ סך שטעטלשע האָבן געפילט די ערשטע צייט אַזאַ קלעמעניש, זעענדיק ווי דער אַלטער בצלאל אוריס פאַרנעמט זיך, מיט דער צעריבענער טעקע אונטערן אָרעם, צו די הינטער־שטאָטישע גויישע געסלעך, די גרויע, הדרות־דיקע באָרד צעפּעכערט און די אויערן אָנגעשפּיצט, גרייט צו פאַרנעמען פון ערגעץ אַ האַווקען פון אַ הונט...

יידן האָבן אים נאָכגעקוקט מיט קאָפּ־שאָקלעניש: ס׳האַלט שלעכט מיט אונדזערע יידעלעך אין פּוילן... מיר גייען אונטער — און אַ סוף!..

אָבער אויך די אַרבעט איז אים נישט באַשערט געווען, בצלאל אוריס! נאָר דאָ איז שוין קיינער נישט שולדיק געווען, נאָר ער אַליין. ווער האָט אים געהייסן גיין נאָכזוכן ביי לוקאַשן אויפן פּאָלוואַרק זיין טשאַטע הינט? אַלע אין שטעטל ציטערן פאַרן גוי אימת־מות, דער פריערדיקער שטייער־מאָנער לעוויצקי האָט זיך אויך נישט דערוועגט אַהין צו גיין — און אים האָט זיך דווקא פאַרוואָלט ווייזן גבורות.

האָט ער, נעבעך, געהאַט אַ ביטערן סוף!.. לוקאַשעס הינט האָבן אויף אים קיין גאַנץ שטיקל לייב נישט געלאָזן און מ׳האָט אים קוים אַ לעבעדיקן אַוועקגעפירט אין יידישן שפּיטאָל, כדי צו היילן זיך דאָרט לאַנגע חדשים אויפן מאַגיסטראַטישן חשבון.

אויפן וועג האָט מירל, דאָס ווייב זיינע, ממש פאַרהילכט דאָס שטעטל מיט אירע יללות, געריסן זיך די האָר פון קאָפּ:

— אַז לייט האָבן מיר אויפגעגעסן מיט די אויגן... אַ שטעלע אין מאַגיסטראַט!.. אַ שטעלע אין מאַגיסטראַט!..

חתן־כלה

ווען די צייטן זענען געווען בעסערע און אַ גילדן איז געווען אַ ממזר, פלעגן זיי פּרייטיק צו נאַכט גיין צו ערשט אין קינאָ און נאָך דעם, קומענדיק אין דעם אויבערשטיבל, ווו זי וווינט מיט איר אַלטער מאַמען, פלעגן זיי זיך בריען מיטן שטענדיקן הייסן טיי, שיילן יאַדרעס און שמועסן מעשה חתן־כלה וועגן זייער תכלית.

איצט אָבער, ביים ביטערן קריזיס, האָבן זיי פאַרביטן דעם קינאָ אויף אַ שפּאַציר איבער דער הויפּט־גאַס, בלויז דער שפּעטערדיקער שמועס האָט זיך נישט געביטן. נישט מער, אַ ביסל יאוש האָט זיך אין אים אַריינ־געכאַפּט: וואָס וועט זיין דער סוף, וואָס וועט זיין?

זי איז אַ פּריקאַזשטשיצע אין אַ קראָם מיט זעקס גילדן אַ וואָך און ער איז אַ מענער־שניידער מיט אַנדערהאַלבן טעג אַרבעט אין דער וואָך. ביי לייטן העלפן כאָטש אַרויס קרובים פון אַמעריקע, און ביי זיי — קלאָגט דאָס פּאָרל — רופט זיך קיינער נישט אָפּ, ווי אויסגעשטאָרבן! פּירט מען שוין אַ ליבע אַ קיימאַ־לן פון אַכט יאָר (אין געסל זענען פאַראַן נאָך עלטערע ליבעס!) און מ׳קען זיך אַלץ נישט נעמען, כאָטש טו זיך אַ מעשה אָן!

שוין אין גאַס, אויפן שפּאַציר, טוט עס זיי דעם ערשטן ריס אין האַרצן; ווו נאָר אַ מעבל־געשעפט — שטעלן זיי זיך אָפּ, דאָס פּאָרל, איינגעגעסן די אויגן אין די שטיקער מעבל, וואָס אַ פאָרפאַלק שאַפט זיך געוויינלעך איין צו דער חתונה. באַזונדערס פאַרקוקן זיי זיך אויף דער פּאָר גלאַנציקע בעטן אין וויטרינע, ווו אין מיטן, אויף אַ קליין נאַכט־טישעלע, ברענט אַזוי סודותפול אַן עלעקטריש לעמפּל אונטער אַ רויטן אַבאַזשור — אַן אמתער שלאָף־צימער! פון דער דאַזיקער „וויסטאַוווע" קענען זיי זיך

ממש נישט אָפּרייסן, ביז ער גיט זי לסוף ברוגזלעך אַ צי פּאַרן אַרבל:

— נו, קום שוין, קום, וועט כאָטש ס׳האַרץ נישט צעפּלאַצט ווערן!

און דאָס זעלביקע שפּעטער אין דעם פּרייטיק צו נאַכטיקן שטיבל. זיצט מען אַלץ און מ׳זוכט עצות, מ׳מאַכט פּלענער, ווי זיך פּאַרט ווי עס איז איינצואָרדענען. שלעכט, שלעכט — און פון דעסטוועגן פילט זיך, ווי דאָס פּאָרל האָט פונעם טראַכטן וועגן דעם אויך אַ שטיקל הנאה. די פּנימער טאַקע פאַרדאַגהט, אָבער עפּעס אַ נחתדיקער גלאַנץ איז אין די אויגן:

— ניין, מיר לאָזן זיך נישט! מיר קעמפן פאַר אונדזער גליק!

און אַ ביסל האָט דאָך טאַקע דער שבת אויך וואָס צו זאָגן. אין שטיבל הערשט אַ זיסלעכע היץ פון דעם שאָלעכץ פון די רויזן־קערלעך, מיט וועלכע די מאַמע אירע האָט אויסגעהייצט דעם אויוון לכבוד שבת. אַ גאַנצן זעקל האָט זי עס היינט געבראַכט צו טראָגן פון דער בוימל־פאַבריק. אַ טייערער הייץ־מאַטעריאַל! עס קאָסט ביליק און עס וואַרעמט — אַ מחיה. איצט שלאָפט זי, די מאַמע, אַ פאַרמאַטערטע, אין דער געלער ירושה־בעט פון יענער זייט קאָמאָד און שנאָרכט מיט שבתדיקער הנאה. אויפן טיש — אַ פאַרביקער געצירעוועטער טישטעך, שטייען דאָ פון איין זייט אַ פּאָר מעשענע, אויסגעשייערטע לייכטערס און אויפן צווייטן ברעג — אַ זעקעלע ווייסע יאָדרעס מיט אַ באַרג שאָלעכץ דערנעבן. דאָס טוען די פאַרליבטע צווײ מלאכות: שיילן און רעדן, רעדן און שיילן.

— און אפשר וואָלסטו פּאָרט פאַרלייגט אַן אייגן קרעמל? — גלעט ער איר מיט ליבשאַפט די שוואַרצע, גלאַטע גזשיווקע האָר אויפן שטערן — קראָמען זענען דאָך היינט האַלב־אומזיסט און אַ הלוואה אין רעטונג־קאָמיטעט וואָלטן מיר אויך געקריגן — דער מייסטער וואָלט מיר אפשר געגעבן אַ זשירע!..

— אַך, לאָז צו רו מיט די קראָמען! — פאַרדרייט זי אַזש דעם קעפּל אַהינטער — ביסט אַ בעל־מלאכה, ווייסטו נישט, וואָס ס׳טוט זיך. איין האַלב יאָר — און דו בלייבסט מיט ליידיקע פּאַליצעס! גלייכער וואָלסטו אפשר געפּרוּווט עפּענען אַ וואַרשטאַט ביי אונדז אין שטיבל. דער פּונקט איז דאָ, דוכט זיך, נישט קיין שלעכטער!

מיט אַ פּאָר גוטמוטיקע פּעטשלעך אין אירע בלייכע, אויסגעצערטע באַקן לאַכט ער אָבער אין גאַנצן אויס דעם פּלאַן אירן:

— אַ וואַזשנער פּונקט דער שול־הויף!.. און חוץ דעם פאַרגעסטו, אַז אַ בעל־מלאכה דאַרף שוין היינט אויך אויסקויפן אַ פּאַטענט. איך האָב אָבער אַן אַנדערן פּלאַן: קריגן ערגעץ אויף הוצאות, איך זאָל זיך קענען אָפּטראָגן קיין אַרגענטינע, צי גאָר קיין מעקסיקע. אָט דאָס, זעסטו, וואָלט געווען דער בעסטער אויסוועג!

— נו, גיי שוין, גיי, חכם מיינער! — ווערט זי מיט אַ מאָל אומעטיק־לעך — דו רעדסט אַזעלכע זאַכן, וואָס מ׳קען קיין מאָל נישט באַגרייפן. ווו קענען מיר קריגן געלט? סיידן אַ פּריץ זאָל אָנווערן!

— טאָ וואָס וועט זיין?

— איך ווייס, וואָס עס וועט זיין? איכל מסתּם פאַרבלייבן אַן אַלטע מויד, און דו וועסט חתונה האָבן מיט אַן אַנדערער, מיט אַ שטוב און מיט אַ פּעטן נדן!

זי זאָגט עס כּלומרשט מיט אַ שמייכעלע, אָבער פּלוצעם הויבן אָן ציטערן די צוויי פּריזירטע לעקלעך לעבן אירע אויגן, און זי וויינט זיך פונאַנדער מיט אַ שטילן, איינגעהאַלטענעם געוויין, די מאַמע זאָל נישט דערהערן.

די אַלטע דערהערט אָבער פּאָרט, און דאָס געלע ירושה־בעט הינטערן קאָמאָד צעקרעכצט זיך הייזעריק, אָבער באַפעלעריש:

— זאָלסט שוין אויפהערן, זאָג איך דיר, דו הערסט, צי ניין? האָסטו געזען אַ ביסל? נעמט אַ גרויסע מויד און צעפּלאַנכעט זיך אין מיצקע דערינען, פּונקט ווי מ׳וואָלט זי געפירט צו דער חופּה. נו, שטיל זאָל זיין! שאַ! שאַ! שאַ!..

די האַנט

אַ מאָדנע זאַך: ווי נאָר זי לאָזט אַראָפּ אירע טונקעלע וויעס צום ביכל, וואָס ליגט אויפן אָנלען פון דער קושעטקע, — אַזוי צעשפּרייט זיך חוצפּה־דיק איבער די בלעטער אַ פּעטע האָריקע האַנט מיט בלישטשענדיקע פינגער, די האַנט פונעם אַלטן אַמעריקאַנער בחור, מיט וועלכן זי האָט נעכטן אין אָוונט געהאַט אַ „זעונג" אינעם אָפּגעלעגענעם רעסטאָראַנדל „די ווייסע רויז".

און זי קען אַ וואָרט נישט לייענען, נישט קוקנדיק אויף אַלע אָנשטרענגונגען זיך צו פאַרטיפן אינעם ספּור המעשה, כדי אַרויסצושלאָגן פון קאָפּ די נעכטיקע וויסטע שעהען אין רעסטאָראַן. בררר... ווי עקלדיק!.. מיט וואָס פאַר אַ קרעמערישע וואַסערדיקע אויגעלעך ער האָט איר די גאַנצע צייט געמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס: צי לוינט איבערטראַנספּאָרטירן די דאָזיקע שטיקל סחורה איבערן ים פאַר אַ ווייב, צי נישט?.. נישט אַראָפּגענומען בעת־מעשה פון טישל די קלעצלדיקע האַנט זיינע, אָנגעפּיקעוועט מיט גלאַנציקע רייפלעך צו אימפּאָנירן, צו כשופן...

צו וואָס איז זי געגאַנגען? זי האָט דאָך פריער געוווּסט, אומגעפער, אַז אַזוי וועט עס זיין... פרוי פיינמאַן, די שכנה, וועלכע האָט זיך „אַריינגעלייגט אין דער זאַך", האָט עס איר פריער געזאָגט: קיין אינטעליגענץ זאָלסטו ביי אים נישט זוכן; ער איז בלויז רייך, שרעקלעך רייך!..

וואָס האָט אָבער די מאַמע געזאָגט? זי האָט גאָרנישט געזאָגט, געפינטלט בלויז מיט די פאַרגאָסענע טויבן־אויגן, וועלכע האָבן זיך שטום געבעטן:

נאָר נישט אָנגעצויגן, טאָכטער! ביסט טאַקע אַ יונגיטשקע, אַ שיי־

נינקע, אַ געלערנטע — אַכט קלאַסן געענדיקט — אָבער מיר זענען דאָך אַזוי אָרעם, געפאַלן !.. און דאָ שטייט דיר פאַר אַזאַ גליק, אַן אַמעריקאַנער, אַ קלייניקייט אַן אַמעריקאַנער !.. אַ דאַנק דיר וועט דאָך די גאַנצע משפּחה געהאָלפן ווערן !..

איז זי געגאַנגען... וואָס איז אָבער די פּעולה, וואָס זי האָט געפאָלגט דער מאַמען, אַז סיי ווי וועט דערפון גאָרנישט ווערן. ווי נאָר זי איז נעכטן אַהיים געקומען, האָט זי קאַטעגאָריש געמאָלדן: ניין! זי וועט זיך נישט פאַרקויפן! פאַרגעסן אַן דעם — און אַ סוף !..

עס לאָזט זיך אָבער נישט פאַרגעסן: צו מיאוס !.. און אַן אמתע אָפּקומעניש מיט דער האַנט... אַ גאַנצע נאַכט, אַ קאָשמאַרן־נאַכט, האָט זי נישט אויפגעהערט צו שוועבן איר פאַר די אויגן, קריכן צו איר נאַקעט לייב, אַ קלעפּיקע, אַ בלישטשענדיקע... און איצט איז זי ווידער דאָ, לאָזט אַ וואָרט נישט לייענען...

— ניוטע !..

ווי שטיל די מאַמע האָט זיך עס אַריינגעשלייכט אין צימער, ווי צו עפּעס אַ חולה... פּינטלט ווידער מיט די פרומע טויבן־אויגן און בעט זיך ביי איר, קוקנדיק אין פענצטער:

— ניוטע, האַרציקע... זעסט, אָט גייט פיינמאַנטשיכע נאָך אַ תשובה, זאָג זשע איר נישט אָפּ, טייערינקע, באַרעכן זיך נאָך, פאָלג מיך, באַרעכן זיך !..

און איידער ניוטע האָט נאָך צייט אויסצוטרייסלען מיט איר פיין־געשניצט קעפּל אַ צעפּיעשטשעטן „ניין” — באַווייזט זיך אויפן שוועל די העליש־רויטע פיינמאַנטשיכע און שיסט אויס מיט איר מאַנסבילשן קול:

— וואָס זאָגט איר, וואָס אַ גראָבער נפש קען? אים געפעלט דאָך נישט ניוטע, געפעלט אים נישט... כאַ־כאַ־כאַ... נישטאָ, ווער עס זאָל לאַכן! זי איז אַ צו דינינקע, זאָגט ער, און די בילדונג אירע אין אַמעריקע דאַרף ער נישט !..

געבייטשט דורך די רחמנותדיקע בליקן פון די צוויי ווייבער, טוט

זיך ניוטע אַ וואָרף אויף דער קושעטקע, האַלט זיך איין מיט אַלע כוחות נישט אויסצופּלאַצן אין אַ געוויין. אָבער אומזיסט... אָט צייכנט זיך פאַר איר ווידער די דיקע האַנט אויפן רעסטאָראַן־טישל, און אירע שמאָלינקע אַקסלען הייבן אָן אַזוי טיף־באַליידיקט צוקן, אַז די ווייבער וויינען מיט איר מיט...

צו שפּעט

צי זי האָט פריער אויף הוצאות נישט געהאַט, צי עפּעס אַן אַנדער סיבה האָט זי פאַרהאַלטן, — נאָך אַראָפּגעקומען איז זי, די אַמעריקאַנערין, אין שטעטל, ווי זאָגט מען עס, „שוין נאָך ליכט־בענטשן", פּונקט דעמאָלט, ווען דער קאָנסול האָט אויפגעהערט געבן די „חתנים" וויזעס קיין אַמעריקע, און ווען אַן אַמעריקאַנער שידוך וויל שוין דאָ דעריבער קיינער נישט הערן און געדענקען.

אַ מאָדנער מזל פון אַ מיידל! צענדליקער אַמעריקאַנערינס, עלטערע און מיאוסערע פון איר, זענען געווען אַראָפּגעקומען אַהערצו, חתונה געהאַט מיט די בעסטע און שענסטע בחורים פון שטעטל, אַ סך האָבן שוין אַפילו אַריבערגענומען די מאַנען צו זיך, קינדער געבוירן — און ביי איר האָט זיך עס גראָד פאַרקלאַפּט! אומזיסט לויפט אַרום עוזר דער שדכן מיט די צעשנאָרכטע נאָזלעכער, אין אַלע זייטן, קומט אַלץ מיט דער זעלבער טרויעריקער תשובה:

— בחורים צען פאַר איינעם!.. ווען איז עס אָבער אַלץ גערעדט געוואָרן, ווען מ׳קען פאָרן קיין אַמעריקע. אַזוי אָבער וויל זיך קיינער נישט רוקן... מ׳וועט זען, זאָגט מען, מ׳וועט וואַרטן...

און אויך די אַמעריקאַנערין האָט, משמעות, באַשלאָסן צו וואַרטן. וואָס וועט זי דאָרט פאַרשפּעטיקן? דעם פינצטערן שאָפּ? און דאָ וועט זיך עס אפשר פאָרט איבערדרייען... אפשר וועלן די „פּייפּערס" סוף־כל־סוף פאָרט ברענגען עפּעס אַ גוטע בשורה!..

מיט ברענענדיקן אומגעדולד וואַרט זי טאָקע אָפּ די פּעקלעך אַמע־ריקאַנער צייטונגען, וואָס זי קריגט צוויי מאָל אַ וואָך פון ניו־יאָרק.

גייט זיי אַליין אָפּנעמען אויף פּאָסט, וויקלט מיט ציטערנדיקע הענט די גרויסע פּלאַכטעס, גייענדיק דורכן מאַרק צוריק אַהיים, זוכט, נישטערט. אָבער קיין גוטס ברענגען זיי נישט, די „פּייפּערס״. אַפילו די שוין חתונה־געהאַטע מענער לאָזט מען אויך נישט אַריין. אומזיסט דער וויינען און קלאָגן פון די עגונות...

ווערט איר בלאַס צעקנאָדערט פּנים נאָך בלאַסער, צעצויגענער, די מאַטע אויגן — אויסגעלאָשענער, און זי לויפט אויף גיך אַהיים, צו דער קרובהס שטיבל, ווי עמעצער וואָלט זי געיאָגט, געחוזקט...

בכלל ווערט איר לעצטנס אַלץ שווער און שווערער דורכצוגיין די גאַס. איר דוכט זיך אַלץ, אַז מענטשן וואַרפן איר נאָך חוזק־בליקן, ווייבער, בלוי־ליפּיקע, לאַכן אין די פויסטן: וואָס זאָגט איר אויף אַזאַ מפּלה?.. געקומען אַהער נאָך אַ חתן און געבליבן מיטן בלאָז!..

זיצט זי גאַנצע טעג ביי דער קרובה אין שטיבל, האַלט פאַרנורעט דעם קאָפּ אין די אַמעריקאַנער בלעטער, אָדער קוקט אַרויס דורכן פענצטער אויף דעם בלאָטיקן, אין וויסטן אומעט־איינגעוויקלטן שטעטל און פילט ווי אַ שווערער שטיין פּרעסט איר געמיט — אָט־אָט, און זי צעוויינט זיך, ווי אַ קליין באַוואָלט קינד!..

די ערשטע צייטן פלעגן כאָטש קומען מענטשן צו איר אָפּנעמען גרוסן, לעצטנס אָבער זעט מען שוין נישט קיין לעבעדיקן נפש. מ׳קען אויסגיין פון אומעט! איין עוזר דער שדכן איז דאָ נאָך אַן אָפּטער גאַסט, זשליאָקעט אויפן קול די זיסע גלעזער טיי, וואָס זי איז אים מכבד פאַר אירע שווער־פאַרהאָרעוועטע סענטן און צווישן איין שלונג און אַנדערן שניידט ער איר האַרץ, ווי מיט מעסערס:

— אַז דו ביסט געקומען צו שפּעט, מיידעלע, צו שפּעט!..

העלענקע

דער טאַטע, שמואל רובינשטיין, איז אַוועק אין בית־מדרש צו מנחה ומעריב, די מאַמע טשאַפּקעט אום איבערן גרויסן צימער מיט אַן אַלט, ווינטערדיק קרעכצל, הייצט דאָרט איין דעם קאַכליאָוון אויוון אויף דער נאַכט (קיין דינסט איז שוין לאַנג נישטאָ!), און איבערן ווענטל, אין איר מיידלש חדרל, ליגט העלענקע די בת־יחידה אויף דער קושעטקע, איינגע־נורעט צווישן אַ באַרג אויסגענייטע קישעלעך און קוקט מיט שטאַרע, פאַרטראָגענע אויגן אינעם בין־השמשותדיקן טונקל אַריין.

זי האָט פון וואָס צו טראַכטן, העלענקע, כאָטש אין משך פון די לעצטע יאָרן זענען דאָס אַלץ איין און די זעלבע טרויעריקע טראַכטענישן. איר איז נישט גוט, דעם מיידל!.. ווי אַ פאַרגעסענער סנאָפּ תבואה, וואָס פוילט אויף אַ האַרבסטיק, פאַררעגנט פעלד ערגעץ, אַזוי איז זי דאָ געבליבן איינע אַליין אין דעם פוסטן, נאָך־מלחמהדיק קרייז־שטעטל, און די יאָרן ווי בייזע ווינטן, רייסן אומברחמנותדיק ס'לעצטע ביסל בליעכץ און פרישקייט פון איר. פונעם גאַנצן בינטל חברטעס, מיט וועלכע זי האָט דאָ פאַר דער מלחמה געענדיקט צוזאַמען די פּרויען־גימנאַזיע, איז קיין זכר נישטאָ. ווער ס'האָט נאָך באַוויזן חתונה צו האָבן אין די „גוטע צייטן" און ווער ס'איז אַוועקגעפאָרן דעמאָלט אויף דענ־טיסטישע קורסן קיין אָדעס — געוועזן יענע צייטן דענטיסטיק אין דער מאָדע — געעפנט נאָכן ענדיקן קאַבינעטן ערגעץ אין די גרויסע שטעט און פירן איצט אַ פרייען זעלבשטענדיקן לעבן, נישט אָפּהענגיק פון קיינעם.

און זי, העלענקע, האָט זיך דאָך דעמאָלט אַזוי געריסן צו פאָרן קיין

אַדעס! ניין. דאָס וועט זי טאַטע־מאַמע קיינמאָל נישט מוחל זיין! דווקא חתונה מאַכן האָבן זיי זי געוואָלט, נחת דערלעבן, און זי, די אידיאָטקע, האָט זיך געלאָזן איבעררעדן צו שפּילן די ראָלע פון אַ פאַרחלומטער בת־מלכה, וואָס זיצט און וואַרט אויף איר באַשערטן... כאַ־כאַ־כאַ — האָט זי זיך טאַקע שיין דערוואַרט. די מלחמה וואָס האָט זיך באַלד אונטער־געררוקט, האָט איר טאַטן, דעם גרעסטן וואַלד־סוחר פון געגנט, פאַר אַן אָרעמאַן געמאַכט. אויס שמואל רובינשטיין! מ׳לעבט נאָך ווי ס׳איז מיט די שיריים פון אַ מאָל, אָבער געלט אויף איינצוקויפן אַ חתן פאַר איר איז שוין נישטאָ... אָט הערט זי דאָך וויפל מאָל דורכן ווענטל פון איר צימער, ווי טאַטע־מאַמע זיפצן, חשבונען דעם נדן, וואָס זיי קענען פאַר איר אויפטערכען און קומען לסוף צום אויספיר, אַז מיט זייער פאַרמעגן קענען זיי אַפילו צו קיין בעל־מלאכה אויך נישט צוקומען!..

עהע, שמואל רובינשטיין דערלויבט זיך שוין אַפילו צו רעדן וועגן אַ בעל־מלאכה, פאַרלאָרן די תקיפות זיינע, און אַ מאָל פלעגט זי דאָך גאָר אַנדערע רייד הערן פון אים דורכן ווענטל! מיט וואָס פאַר אַ נגידישער האָפערדיקייט פלעגט ער עס אַלץ איבערחזרן, געדענקט זי, פאַר דער מאַמען, די שטענדיקע חכמהלע זיינע:

— איז קיין נדן פאַר העלענקען וועלן מיר שוין, הייסט עס, נישט באַדאַרפן... זעסט דאָך?.. ווי די הינט לויפן זיי איר נאָך, ווי די הינט!..

ווען פלעגט ער עס זאָגן, דער טאַטע? זומער, בשעת די כאַפּטע פאַרערערס אירע, די רוישיקע חברה סטודענטן, פלעגן איר אָפּפירן ביינאַכט אַהיים נאָך די לאַנגע שפּאַצירן איבער שאָסייען און פעלדער, און ווינטער נאָכן אַרומשליטלען זיך איבערן שטעטל אויף צעגלעקטע שליטלעך מיט פאַרבענקטע ווינטער־לידער אין מויל... ווו האָבן זיי זיך עס אַהינגעטאָן, אָט די אַלע פאַרערערס אירע? איצט איז פון זיי אַלעמען קיין פוס נישטאָ... איצט ליגט זי דאָ אָפּ כסדר אין צימערל אַן איינזאַמע, אַ פאַרגעסענע און הערט זיך צו דורכן ווענטל, שוין אַ גלייכגילטיקע כמעט, וואָס טאַטע־מאַמע שמועסן וועגן איר אין טיפער זאָרג, זוכן מיטלען, „ווי אַראָפּצונעמען דעם האָרב פון זייערע פּלייצעס״...

מאַדנע!.. אַט הערט זיך דאָך טאַקע, ווי זיי שושקען זיך עפּעס אויף איר חשבון. ווען איז עס דער טאַטע געקומען פון בית־מדרש? ליגנדיק פאַרטראַכט, האָט זי נישט געהערט, משמעות, ווי ער איז אַריין אין שטוב, וואַרעמט זיך איצט מיט אַ פּאַטשעריי די אָנגעפרוירענע הענט נעבן אויוון און שעפּטשעט בעת־מעשה שטיל צו דער מאַמען:

— נו, יאָ, אַזוי בלייבט עס... אַזוי פיל מיידלעך פאָרן קיין ארץ־ישראל, וועט אונדזער העלענקע אויך פאָרן... דאָרט האָט מען דאָך פאָרט ווי ס'איז חתונה!..

העלענקע שטרענגט אָן דעם גאַנצן געהער אירן אויפצוכאַפּן, וואָס די מאַמע וועט דערויף ענטפערן. זי הערט אָבער גאָרנישט, און פונעם פאַרטאַיעטן שווייגן פאַרשטייט זי, אַז די אַלטע האָט שוין דאָרטן געמוזט לאָזן אַ טרער...

אויסגעמעקט מיט טינט

מערי שטייט ביים צעעפנטן פענצטער, ווארט אָפּ מיט פלאָטערניש אַ בריוו פון אַרגענטינע, און געדאַנקען, ווי בייזע ווערעם, נאָגן ס'חיות פון איר — די זעלבע טראַכטענישן אַלץ פאַר דער לעצטער צייט.

ניין, אויף אַזאַ צרה האָט זי זיך כלל נישט געריכט! ווי האָט עס איר גאָר געקענט קומען אויפן זינען, אַז יוסף, דער געטרייער, ליבער בחור אירער, וועט זיך אזוי אויפפירן אין דער פרעמד! ווען זי וואָלט זיך פאַרגעשטעלט אַפילו אַ צענט־חלק דערפון, וואָלט זי דאָך אים אין גאַנצן נישט געלאָזן רירן זיך אין וועג אַרייך, פאַרוואָגלט ווערן אַזש קיין אַרגענטינע. מילא, מאַטערן זיך אזוי פיל יידן אין פוילן, וואָלטן זיי זיך אויך געמאַטערט. סוף־כל־סוף וואָלט ער אפשר פאָרט געקריגן אַ שטיקל שטעלע. זיי וואָלטן דאָ חתונה געהאַט, געלעבט טאַקע ארעמלעך, אָבער דערפאַר אַ צופרידענעם, גליקלעכן לעבן פון אַ פאַרליבט פאַר־פאָלק, וועלכע האָבן נאָך אַזוי פיל יאָרן „אַרומגייעניש" זוכה געווען ענדלעך צו גיין אונטער דער חופה...

האָט זי זיך אָבער באַנאַרישט, געלאָזן אים אַוועקפאָרן, נישט בלויז געלאָזן, נאָר — זי וועט זיך עס קיינמאָל נישט מוחל זיין — אפילו צו־געערדט דערצו.

יע, מ'דאַרף פּרוּוון דעם מזל אין דער פרעמד! — פלעגט זי אים נישט איין מאָל צערטלען און קושן, זיצנדיק אויף דער פּליושענער סאָפּ־קעלע אין איר ווייס, מיידלש צימערל, אינעם צימערל, וואָס איז איצט אזוי וויסט און פאַרלאָזן, וואָס בענקט אַזוי נאָך יוספס ביינאַכטיקן שאָטן אויף די ווענט און וויינט אויפן גרויסן חורבן, וואָס האָט זייביידן געטראָפן.

פאַר וואָס האָט זי זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון וואָס זי טוט? וואָס האָט זי געמיינט? ס'איז עפּעס אַ קינדער־שפּיל, אַוועקפאָרן אין אַזעלכע וויטענישן, ווו, אין בעסטן פאַל, איז עס אַן עסק אויף יאָרן, ביז וואַנען ער זאָל איר קענען אַריבערנעמען צו זיך? און קיין גאָר יונג מיידעלע איז זי דאָך שוין נישט, און דאָס האַרץ וויינט אַזוי אויף די נישט־אויסגעלעבטע טעג, וואָכן, חדשים, וועלכע פאַרגייען אין איינזאַמקייט און אומעט, אין בענקעניש און טרערן.

יע, זי איז שוין נישט קיין יונג מיידעלע, אָבער געהאַנדלט האָט זי ווי אַ קינד. ווען זי דערציילט עמעצן, וואָס זי האָט געטראַכט פאַר יוספס אַוועקפאָרן, וואָלט דאָך יענער געלאַכט פון איר אין די פויסטן; זי האָט געטראַכט, אַז איצט הייבט זיך אפשר אָן די אינטערעסאַנטסטע צייט פאַר איר ליבע מיט יוספן, די צייט פון הייסער בענקעניש פון דער וויטן, דער זיסער ציטער ביים אָפּוואַרטן די בריוו, דאָס האַרץ־קלאַפּעניש, און די בריוו גופא — אַזעלכע צאַרטע, געפּילפּולע, נשמהדיקע, אַן זיי וואָלט עפּעס געפעלט, דוכט זיך, דעם גאַנצן לעבן...

קוקט זי איצט אויס די אויגן אין די באַשטימטע טעג נאָכן בריוו־טרעגער און דאָס האַרץ פאַלט איר שוין פון דערוואַרטונג אַרויס. אָבער ווי זעען זיי אויס, די דאָזיקע ליבע־בריוו? די ערשטע צייט האָבן זיי נאָך געאָטעמט מיט אַ ביסל ליבשאַפט און בענקשאַפט, אָבער וואָס ווייטער ווערן זיי אַלץ טרוקענער, וואָכעדיקער. „איך לערן זיך שפּאַניש, שרייבט ער, דער לעבן איז דאָ אַ שווערער, זייער אַ שווערער... כ'וועל זיך נעמען אין גיכן צו פּעדלעריי...“

וועגן ליבע, בענקשאַפט — אַ וואָרט נישט, ווי דאָס וואָלט גאָר קיין מאָל אויף דער וועלט נישט געווען. און שרייבן שרייבט ער זיך אונטער פּראָסט־פּשוט: „יוסף“. אפילו נישט „דייך יוסף“, ווי ער פלעגט עס טאָן אין די ערשטע בריוו.

און טאָמער איז עס נאָך אַלץ ווייניק, האָט ער זיך געמאַכט לעצטנס אַ מאָדע צו שרייבן די בריוו מיט אַ בלייפעדער, עלעהיי דער טאַטע אירער, דער קרעמער, שרייבט אַן אַ מאָל אויפן קני אַ בריוועלע צום שטאָטישן

קאָמיסיאָנער, ער זאָל אים אַרויסשיקן אַ פּאָר מינים סחורה...

אַז דאָס האַרץ פּלאַצט איר נישט פון אַזאַ גרינגשעצונג, פון אַזאַ ליבע־פאַרשוועכונג, איז זי באמת שטאַרקער פון אייזן!

וויפל מאָל זי האָט אים שוין געבעטן, ער זאָל אַוועקוואַרפן די דאָזיקע מיאוסע געוווינטשאַפט, מאַכט ער זיך אַלץ נישט וויסנדיק, טענטלט ווידער אָן מיט אַ בלייפעדער די פּאָר קאַלטע שורות, אָדער עס גייען אַריבער לאַנגע וואָכן און ער שרייבט אין גאַנצן נישט, אַפילו אַ צעבראָכענעם אות נישט.

דאָס איז שוין ערגער פון אַלץ! משוגע ווערן דעמאָלט איז, דוכט זיך, פון די גרינגע זאַכן. די מחשבות אירע — אויף פוסטע פעלדער און וועלדער! זי ווייס באמת נישט, פאַר וואָס קומט עס איר אַזאַ שטראָף. זי האָט דאָך אים ליב געהאַט אַזוי הייס, אַזוי שטאַרק, אַזוי געטריי!

אָבער די היינטיקע פּאָסט וועט שוין זיכער אַ בריוו ברענגען! פון וואַנען אַזאַ זיכערקייט? ווייל דער לעצטער בריוו, וואָס זי האָט אים געשיקט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, האָט געדאַרפט אַפילו אַ שטיין רירן. ווען זי דערמאָנט זיך בלויז עטלעכע ווערטער פון אים, שטיקן איר באַלד טרערן אין האַלדז, זי האָט שוין דאָרט איר גאַנצע ביטערע האַרץ אויסגעגאָסן...

און אָט גייט ער טאַקע, דער אַלטער בריוו־טרעגער. גייט גלייך צו איר ווינקלדיקן פענצטער. „אַ בריוו פון חתן אין אַרגענטינע!” — שרייט ער אויס, ווי זיין שטייגער איז, אויפן קול, און דאָס גאַנצע בלוט גייט איר אין פּנים אַריין. פון גרויס צערודערונג פאַרגעסט זי אַזש צו געבן אים די פּאָר גראָשן פאַרן ברענגען. דער קאָנווערט איז שוין אָן אויפגעריסענער, און די אויגן, ברייט־אויפגעריסענע, ווילדע אויגן, לויפן איבערן בויגעלע פּאַפּיר:

„מערי! איך האָב שוין לאַנג זיך געקליבן דיר עס צו שרייבן, נאָר איך האָב אַלץ קיין האַרץ נישט געהאַט. עס מוז דאָך אָבער איין מאָל פאַר אַלע מאָל געמאַכט ווערן אַ סוף. איך האָב דיר נישט ליב מער, די וויטקייט האָט עס מסתם געמאַכט, די אָפּגעריסנקייט, אָבער אַזוי איז עס, מערי.

מאַך נישט דערפון קיין טראַגעדיע, ווייל מיר זענען שוין נישט קיין קינדער. לאָמיר איינער צום אַנדערן קיין טענות נישט האָבן, אויסמעקן וואָס ס׳איז געווען און בלייבן פריינט — יוסף״.

אַ קורץ בריוועלע איז עס, אָבער מערי לייענט אים און לייענט און קען נישט באַגרייפן, דוכט זיך, וואָס דאָרטן שטייט. די אויגן פאַרלאָפן, פאַרשטאַרט... איין זאַך בלויז זעט זי קלאָר, דאָס מאָל איז דער בריוו געשריבן מיט טינט, מיט פעטן, שוואַרצן, גלאַנציקן טינט...

מ׳קאַשעט היי

יידן טוען אָן אַלפּאַגענע, אויסגעריבענע פּאַר מלחמהדיקע מאַרינאַר־קעס, ווער עס האָט, און ווער עס האָט נישט — גייט מיט די הוילע קאַמ־זוילן, במחילה, די העלדזער צעכראַשטשעט און די העמד־אַרבל פונעם גראָבן גוּיישן לייוונט אויף דער הייסער תמוזדיקער זון.

דער גרעסטער און שאָטנדיקסטער בריקל אויפן מאַרק איז משה־מענדל דעם געלנס, קלעפּן אים טאַקע אַרום פון אַלע זייטן די קרעמערס, ווי די פליגן. אַזוי איז אויך, ברוך השם, נישטאָ וואָס צו טאָן, מ׳זעט נישט אָן קיין גוי אויף אַ רפואה, בפרט נאָך איצט, ווען מ׳קאַשעט היי, דער וועטער שפּילט צו און די גויים איילן זיך אַראָפּצונעמען די אויסגע־טריקנטע היי פון די לאַנקעס.

זיצן יידן אויף משה מענדלס שאָטנדיקן בריקל און מיט פאַרטריקנטע ליפּן דערציילט מען זיך מעשות וועגן די אַמאָליקע טעג.

— ניין!.. אַזוי שלעכט ווי היינט איז קיין מאָל נישט געווען!.. און צווישן איין מעשה און דער אַנדערער ווישט מען זיך דעם שווייס מיט די ברודיקע נאָז־טיכלעך, מיט אַ פּאָלע, און מ׳זיפּצט אין די בערד אַריין:

— איי, ווען מ׳קען זיך עס איצט אויסבאָדן אַ ביסל אין נורעצל, אַ גיי־טאָן „ניורקאָם" ביזן אַנדערן ברעג, אָדער אַ פּאַטש טאָן דעם אמתן „קלאַפּטער"!.. פאַרזינדיקט, יידן, דעם נורעצל, פאַרזינדיקט!..

פאַר וואָס האָבן עס יידן פאַרזינדיקט דעם נורעצל, אָט דעם קלאָרן, לוסטיקן טייכל אין הויף, וווּ זייערע אבות אבותיהם האָבן זיך נאָך געבאָדן און געפּליושקעט? גאַנץ פּשוט! דער הויף הינטערן שטעטל געהערט שוין מער נישט צו חיים סעמיאַטיטשער, צום יידישן פּריץ. ער איז שולדיק

געבליבן דער מלוכה שטייערן, האָט מען אויסגעשטעלט דעם מאַיאָנטעק אויף ליציטאַציע און אָפּגעקויפט האָט אים לוקאַש חזירניק, אַ גרויסער שונא־ישראל, וועלכער לאָזט שוין דאָרט קיין יידישן פוס נישט אַרויף. ס'טייטש, מ'האָט זיך דאָך דאָ אַזוי פיל יאָרן געבאָדן, ווייבער זענען אפילו אָפּט מאָל טבילה געגאַנגען!.. ער לאָזט זיך אַפילו נישט ריידן, לוקאַש חזירניק, רייצט אָן די קודלאַטע הינט זיינע און יידן מוזן, נעבעך, פאַר־שעמטע, אַריבערכאַפּן זיך איבערן פּאַרקאַן.

קען מען זיך דאָך גיין באָדן הינטערן מיל אויף די „אָסטאַשעס"? עהע, ווידער די זעלבע געשיכטע! די מיל ליגט שוין אויך לאַנג אין גוישע הענט. יע, אַלץ גייט איבער אין גוישע הענט!..

אָט אַזוי זיפצן זיי, די האַלב־פאַרחלשטע בריקל־זיצערס; דער געמיט ווערט בלויז אַ ביסל הייטערער, ווען עס סקריפּען דאָ דורך אויפן ברוק די שמעקעדיקע, הויך־אָנגעלאָדעוועטע וועגענער היי מיט שקצימלעך אין דער הויך און יידן דערמאָנען זיך בעת־מעשה די געשיכטע מיט אלי־חיים דעם פערד־הענדלער.

געטראָפן האָט די מעשה אַ שטיק פאַר דער מלחמה; זענען זיך געפאָרן אַ חברה שטעטלשע קאַניוכעס פון אַ יאַריד ערגעץ אין אַ שיינער זומער־דיקער נאַכט, און פוןביידע זייטן שליאַך — סטאָגעס שמעקעדיקע היי, קיצלען די נאָז־לעכער און בעטן זיך, דוכט זיך: נעמט אַ ביסל, מ'וועט סיי ווי נישט דערקענען! זענען די יידן נישט פויל, קריכן אַראָפּ פון די וועגענער און נעמען נישט קיין ביסל, נאָר וויפל ס'לאָזט זיך... און אלי חיים, אַ ייד אַ גבר — מער פון אַלעמען, אַ גאַנצן סטאָג מיט אַ מאָל. מ'שטופּט אָן די וועגענער און מ'פאָרט ווייטער.

ערשט אַריינפאָרנדיק באַגינען אין שטעטל, מערקט אלי חיים, אַז אין וואָגן ביי אים אונטער די היי רירט זיך עפּעס און אין אַ ווילע אַרום קריכט אַרויס פון דאָרטן אַן אַלטיטשקער פויערל מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ און צעשראָקענע פינטלענדיקע אויגן. אלי חיים קוקט אָן דעם מאָדנעם בייז־וווּנדער און דער אַלטיטשקער טרייסלט זיך און צלמט זיך: „עך טי, באָ־זשענקו, באָזשענקו!"... ער ווייס נישט נעבעך, ווי ער קומט דאָ פלוצעם

צום יידן אויפן וואָגן. אָבער אלי חיים ווייס שוין דווקא ווי ער קומט... ער האָט דאָרט, ווייזט אויס, געהיט אויפן לאָנקע דעם סטאָג היי, דער זייַדעלע, איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן און ער, אלי חיים, האָט, נישט פילנדיק אפילו, אַרויפגעטאַשטשעט אים צוזאַמען מיטן היי אויפן וואָגן.

די יידן אויפן בריקל ווילן גאָר די מעשה פון מויל נישט אַרויסלאָזן. שמייכלען אויפגעלייגט אונטער די וואָנצעס. עס טוט זיי הנאה אי די טשעקאָווע פאַסירונג, אי די יידישע גבורה...

אָבער פלוצלונג טוט עמעצער אַ זאָג:

— דאָס אַלץ האָט נאָר געקענט טרעפן אַ מאָל!.. היינט איז דער פערד־מסחר אויך בטל געוואָרן. אלי חיים, דער העלד, זיצט אין אַלטן בית־מדרש, זאָגט תהילים און די איבעריקע זענען אויך בעטליירים געוואָרן. אַלע מסחרים גייען אונטער!..

— יע, גייען אונטער! — לאָזן אַראָפּ יידן שווערע קעפּ פון דאגות און היץ, זיצן אַזוי אַ לאַנגע צייט, ווי פאַרגליווערט, און אַז עס שיט זיך אַריין אין שטעטל אַ כאַפּטע אָפּגעריסענע אָרעמעלייט מיט פאַרוואָרפענע שטיוול אויף די פּלייצעס, עסן זיי זיך איין אין זיי, די בריקל־זיצערס, מיט מאָדנע צעשראָקענע אויגן, באַגלייטן זיי מיט פיינלעך־אָנגעשטעלטע בליקן ביזן שול־הויף, ווי זיי וואָלטן געזען דאָרטן באַוועגן זיך זייערע אייגענע שפּעטערדיקע שאָטנס...

אן אַרבעטלאָזער ייד אין וואַלד

נאָך קיין מאָל האָט דאָס שטעטל אַזוי נישט געבענקט און זיך נישט געצויגן מיט אַזאַ ליידנשאַפטלעכן באַגער צום פרילינג, ווי דעם יאָר; אַ קלייניקייט עפּעס? צום פרילינג זענען אָנגעזאָגט געוואָרן דורכן מאַגיסטראַט אַ גאַנצע ריי עפנטלעכע אַרבעטן און הונדערטער אַרבעטלאָזע, וועלכע הונגערן און פרירן אַ פעליקן ווינטער מיט ווייב און קינדער, וועלן זיין דערביי באַשעפטיקט.

און אַרבעט, זעט אויס, וועט זיין אויף אַ לאַנגע צייט; מ׳וועט ברוקירן די הינטערשטאָטישע גוישע גאַסן, אויסבויען אַ פּוילישן פאָלק־הויז, אַ שול און דער עיקר וועט מען זיך אַ נעם טאָן צום אַלטן, פאַרלאָזענעם וואַלד הינטערן שטאָט, צום „בונטאָווטשיק״, ווי פאַניע האָט אים אַ מאָל אַ נאָמען געגעבן, מחמת אין 5טן יאָר פלעגן דאָרט די רעוואָלוציאָנערן אָפּהאַלטן זייערע געהיימע „סכאָדקעס״. איצט האָבן די שטאָט־טאַטעס באַשלאָסן צו פאַרוואַנדלען אים אין אַ פּאַרק אויפן נאָמען פון 3טן מאַי, דער יאָרטאָג פון דער פּוילישער קאָנסטיטוציע. מ׳וועט דאָרט אויסטריקענען די פייכטע ערטער, אויסקאָרטשעווען ביימער און פאַרלייגן אַלייעס, גאָר־גאָר ווי אין די גרויסע מקומות — מיט איין וואָרט, קיין אַרבעט וועט נישט פעלן!

אָט פּאַר וואָס די הונגעריקע שטאָט האָט אַזוי געלעכצט נאָכן פרילינג; אמת, מער ווי צוויי גילדן אַ טאָג וועט מען נישט פאַרדינען ביי די עפנטלעכע אַרבעטן, אָבער... פּאַר אַ גילדן וואָלט מען דען נישט געגאַנגען? און פּאַר ווייניקער אויך — אַבי צו דערהאַלטן ווי ס׳איז די נשמה!

און ווען די אויסגעבעטענע מערץ־זון האָט לסוף, ווי אַ גוטע טרייס־

טעריז, אַריינגענומען דאָס עלנטע, רחמנות־וועקנדיקע שטעטעלע אין אירע וואַרעמע אָרעמס, האָבן טאַקע די צוויי יונגע פּוילישע אינזשיניערלעך, וועלכע זענען ספּעציעל אַראָפּגעקומען פון וואַרשע, אַוועקגעפירט מחנות אַרבעטלאָזע אין וואַלד אַריין — פריער פון אַלץ האָט מען זיך גענומען צו רעכט מאַכן דעם „בונטאָוושטשיק״!

אין שטעטל האָט זיך גערודערט יענעם פרימאָרגן. די אַרבעטלאָזע האָבן שוין באַצייטנס אויף זיך אַ נייע הויט אַרויפגעצויגן, די פאַרטריקנטע פּנימער, די קנייטשן האָבן געשיינט און דער גאַנג צום וואַלד — אַ פעסטער, אַ זיכערער, אַפילו מיט אַ קוים־באַמערקבאַרער גאווה.

און אפשר האָט זיך עס בלויז אויסגעוויזן די יידישע אַרבעטלאָזע, וועלכע האָבן זיך בעת־מעשה, נעבעכדיקע, פאַרשטויסענע, גערעדלט אויפן מאַרק און נאָכגעקוקט זיי מיט אַ שפּאָר ביסל קנאה און פאַרדרוס: מ׳קען דאָך באמת פּלאַצן!.. פּונקט ווי מ׳פאַרגעסט אין אָרעמע קרובים אויף אַ שמחה, אָט אַזוי האָט מען זיך פאַרגעסן אָן זיי. נישט קוקנדיק אויף אַלע אינטערווענצן און השתדלותן, האָט מען זיי צו דער אַרבעט נישט צוגעלאָזן. אַ „טובה״ האָט מען געטאָן בלויז, צונעמענדיק בענצל דעם גאַרבער, אַן אַלטער אַרבעטער־טוער אין שטעטל און אַמאָליקער מיטגליד פון פּ. פּ. ס. אויף דער ליטע.

אָט דער לעצטער זכות איז עס אים טאַקע, ווייזט אויס, בייגעשטאַנען בענצלען, ער זאָל יענעם פרימאָרגן שפּאַנען מיטן אַראָפּגעלאָזענעם גרויעם קאָפּ, צוזאמען מיט די גליקלעכע גויישע אַרבעטלאָזע אין וואַלד אַריין.

דעם אמת זאָגנדיק, האָט זיך בענצל קעגנגעשטעלט, נישט געוואָלט בשום אופן געניסן פון דער דאָזיקער פּריווילעגיע; — קיין אויסנאַם וויל איך נישט זיין — האָט ער געטענהט פאַר דעם ווייב, פאַר די חברים, ס׳איז אָבער געבליבן, ער זאָל דווקא גיין, „ווייל אפילו אין דערוואָרבענע אַרבעט־פּלאַצוווקע, האָבן זיי געזאָגט, איז פאַרן יידישן אַרבעטער אויך אַ געווינס און דערווייל וועט מען ווייטער פירן דעם קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט״...

— אַלץ האָט אָבער געקאָכט אין אים, פּראָטעסטירט, און — מאָדנע —

נעמענדיק זיך שפּעטער צו דער גראָב־אַרבעט אין וואַלד, האָט ער כסדר געהאַט דעם איינדרוק, אַז אויך די אַלטע אָלכעס נעמען זיך דורך מיט דער עוולה, שאָקלען באַדויערונגפול מיט די נאַקעטע שפּיצן... זיי, די שטומע ביימער, וויסן דאָך אייגנטלעך אַלץ, באַשר זיי קענען נישטריידן... ס'קייקלען זיך נאָך, דוכט זיך, צווישן זייערע שטאַמען די עכאָס פון די רעדעס, בעת די פאַרברידערונג־מיטינגען צווישן די פּוילישע און יידישע אַרבעטער: „צוויי גערודפטע פעלקער זענען מיר... צוזאַמען פירן מיר דעם קאַמף פאַר אונדזער בשותפותדיק גליק אויף דער אייגענער ערד!"...

אָט אַזוי פלעגן זיי דרשנען, אין וואַלד, די פּעפּעסישע רעדנער. און איצט?... אָבער גלייכער נישט טראַכטן וועגן דעם, בעסער גראָבן און נישט אָפּנאַרן מלכות אין דער אַרבעט... אַי וואָס, „זיי" האָבן אָפּגענאַרט? האָט איר ביי זיי אַן עוולה!... אַרבעטן, אַרבעטן — און נישט טראַכטן קיין „קראַמאָלנע" געדאַנקען...

אָבער ס'טראַכט זיך פאָרט! דער „בונטאָוושטשיק", דער וואַלד, קיין גוטער ייד זאָל אים נישט קענען, וועקט אַזוי פיל דערינערונגען. אָט שלענגלט זיך דאָרט „דער גרינער וועג", ווו קאָזאַקן אויף פערדלעך האָבן איין מאָל, אין אַ מאַי־פאַרנאַכט, פאַגראַמירט אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג. דאָס האָט ער דעמאָלט, בענצל, לויט אַן אינסטרוקציע פון ווילנער קאָמיטעט, געוואָלט דאָ אָרגאַניזירן די פּוילישע גאַרבער־אַרבעטער (די יידישע זענען שוין לאַנג געווען אָרגאַניזירט), און מאַטשעק דער פאַלצער האָט עס תכף דערטראָגן צום „זשאַנדאַרמסקן". עך, ווי די קאָזאַקן האָבן זיך עס נוקם געווען אין יענעם פאַרנאַכט, געטראָטן מיט די פערד אויף מענטשן און געהאַקט מיט די נאַהאַיקעס ווי אין קרויט. ער האָט נאָך עד היום אַ צייכן אויף דער לינקער זייט, ס'האָט אַ לאַנגע צייט שטאַרק ווי געטאָן און איצט, דוכט זיך, ווידער...

אָבער בכלל פילט ער זיך עפּעס מיד און צעבראָכן. צי זאָל עס די וואַלד־אַרבעט האָבן אויף אים געפאַלן אַזוי שווער, די אַרומיקע נאַסקייט, אָדער די יאָרן טאַקע? נאָך אַלעמען איז ער דאָך שוין נישט קיין יינגעלע. אין זעכציקסטן יאָר אַריינגעפאָרן. אַי, די זיקנה, די זיקנה!...

קוים וואָס ער דערוואַרט זיך שוין מ׳זאָל אָנזאָגן די מיטיק־שעה, און ער ציט זיך אויס אויף דער פרישער ערד, פאַלט צו צו איר ווי צו אַ געטרייער מאַמען, דרייט זיך אויף די אָנגעהויפטע פאַראַיאָריקע בלעטער און זשמורעט די אויגן אויף דער זון, ווי אַ קראַנקער הונט.

און צו מאָרגנס איז ער שוין צו דער אַרבעט נישט געגאַנגען. נישט געקענט אויפשטיין פון געלעגער און געברענט פון היץ. דער אַראָפּגע־בראַכטער דאָקטאָר האָט דערקלערט: אַ שאַרפע אָנצינדונג אין זייט, אין דער לינקער זייט!..

אין איין ווינקל שטוב האָט געכליפעט זיין ווייב און אין צווייטן ווינקל האָבן עטלעכע נאָענטע חברים זיך געגראַבלט אין די קעשענעס, צונויפגעלייגט זיך פאַרן דאָקטאָר און געטראַכט נישט ווילנדיק:

— פאַרלאָרן אַ יידישע אַרבעט־פּאָזיציע!..

אַ חתונה אויף אַן אָרעמען הויף

אויפֿן אַלטן, צעכראַשטשעטן, מיט אָרעמקייט־באַוווינטן הויף איז שוין לאַנג קיין חופּה נישט געווען (דער עולם מאַכט נישט קיין חתונות לעצ־טנס!). האָבן זיי זיך, ווי די מוראַשקעס, אַרויסגעשאָטן אַלע שכנים, די טרעגערס, בעלי־עגלות און וועגעלעך־פּירערס, אויפֿן זומערדיקן דרויסן, זיך צעזעצט אויף די צעפּוילטע בריקלעך, אויף די שוועלן און וואַרטן מיט צעצונדענע אויגן, מ׳זאָל שוין אַרויספֿירן חתן־כּלה פֿון לאה דער פֿיש־הענדלערקעס בוידעם־שטיבל און שטעלן די חופּה. ווי לאַנג איז עס דער שיעור צו וואַרטן ?..

מאַנסבילן אין די בלויזע העמד־אַרבל, וועלכע בלינצלען קעגן לבֿנה־שיין, און ווייבער אין די אונטערקליידלעך, מיט צעפּלאָשעטע האָר, וואַרפֿן זיך דערווייל דורך מיט ווערטלעך, ריידן וועגן דעם גרויסן גליק, וואָס האָט לאהן געטראָפֿן; אַ קלייניקייט עפּעס, חתונה מאַכן ביי היינטיקע צייטן אַ קינד! און דווקא נישט קיין שלעכטן שדוך טוט זי מיט דעם מיידל! אַ סטאָליער איז ער, דער בחור, אַן אָרלער סטאָליער. קיין אַרבעט אַפֿילו האָט ער נישט, אָבער דערפֿאַר איז אים נאָך געבליבן אַ שיינע פּאָר וואָכן צו נעמען „זאַפּאָמאָגע״... און נאָך דעם? נאָך דעם נעמט זי אים, לאה, צו זיך אין געשעפֿט אַריין, גיט אים אַ שותּפֿות אין די פֿרייטיקדיקע סטינקעס!

— ביי מסחר גיט מען זיך פֿאָרט אַן עצה! — זיפֿצן שטיל אונטער מאַמעס, וואָס האָבן טעכטער חתונה צו מאַכן, קוקן אַרויף מיט קנאה צום העל־באַלויכטענעם פֿענצטערל פֿון לאה דער פֿישערקעס דירה — אפֿשר אַ 25ער גלעזל האָט מען דאָרט אַריינגעשרויפֿט לכּבֿוד דער שׂמחה און

אַ גראַמאָפאָנדל האָט מען ערגעץ פֿאַטשאַפּעט, גראַגערט ער חזנישע שטיק־לעך און חתונה־פֿאָלקעס אויף וואָס די וועלט שטייט, איז משמח די חתונה־געסט, די געגדזלערקעס מיט די פּישערקעס, מיט די הינערקעס, וואָס שטייען מיט זייערע טישלעך אויפֿן פֿיש־מאַרק.

— וואָדען, פֿון מלאכה קען מען עפּעס אַ קינד גוטס טאָן? — טורקען ווייבער זייערע מאַנען מיט ביטערן פֿאַרוואָרף. יענע לאָזן זיך אָבער נישט שפּייען אין דער קאַשע, וואָסי? זיי טוט נישט ווי דאָס האַרץ אויף די קינדער פּונקט ווי די מאַמעס? זיי ווילן דען נישט קיין ביסל נחת דערלעבן?..
טוען זיי זיך אַ וואָרף אויף די יידענעס, אַז יענע האָבן שוין חרטה, הלמאי זיי האָבן אין גאַנצן אָנגעהויבן און פֿאַרדעקן מיט די הענט די פּנימער, פּונקט ווי צו ליכט־בענטשן...

דער גרעסטער צער איז אָבער אויף די עלטערע מיידלעך פֿון הויף, די אויסגעהאָרעוועטע שמאַטניצעס, שפּוליאַרקעס און בייטערקעס. עפּעס שעמען זיי זיך אין דער רגע די אויגן צו ווייזן, פּונקט ווי זיי וואָלטן עס שולדיק געווען דעריך, וואָס דער אָרלער קליינער סטאָליערל גייט איצט צו דער חופּה מיט לאה דער פּישערקעס טאָכטער און נישט מיט זיי... טוליען זיי זיך ערגעץ אין די פֿאַרבאָרגנסטע הויף־ווינקעלעך, און אַז דער הייזע־ריקער גראַמאָפאָנדל צעלאָזט זיך מיט עפּעס אַן אומעטיק־יידישלעכן חתונה־מאַרש, שטעלט זיך זיי אַזש טרערן אין די אויגן... און ווי אויף צו להכעיס האָט נאָך די לבנה, אַזוי זומערדיק־פֿאַרבענקט, זיך אַוועקגעשטעלט דאָ פּונקט איבערן הויף, שטויסט עס זיי נאָך מער צום וויינען: פֿאַר וואָס אַזאַ פּינצטער מזל, פֿאַר וואָס?..

אַ מערכה, וואָס „מאַטיע די באָרד“, דער יידעלע, וואָס שטייט מיטן וועגל אויף גומיענער גאַס, דער לץ פֿון הויף, שיט כסדר מיט זיינע חכמהלעך, צעהייטערט עס אַ ביסל דעם געמיט; מ'קען פֿון אים פּלאַצן, אָט פּונעם דאַזיקן פֿריילעכן קבצן. ווי קונציק ער מאַכט עס נאָך די קעץ, וואָס פֿאַרגייען זיך איצט מיט אַזאַ מיאַוקען אויף די דעכער! און פּלוצעם שרייט ער גאָר אַרויף צו זיי, פֿאַרקאַשערנדיק די צעוואָקסענע באָרד זיינע אין דער הויך:

— אַפּשיק, קאַטאַ!.. איר זאָלט שוין אַראָפּגיין, זאָג איך אייך, איר הערט, צו ניין?.. אָן חופה וקדושין גאָר?.. אַ חרפה, בנאמנות!..

קאַטשעט זיך דער גאַנצער הויפל פון דונערנדיקן געלעכטער, ווייבער קוויטשען אַזש אויפן קול, באַרוועסע קינדערלעך טאַנצן אויף איין פיסל, פּרוּוון נאָכמאַכן מאַטיעס קעציש מיאַוקען און אויך די מיידלעך אין די ווינקלען צעשמייכלען זיך מיט בלאַסע פּנימער:

— אָן חופה וקדושין!.. אָן חופה וקדושין!..

די משוגענע רייזעלע

מאַלע אַז אַ מענטש גייט אַ מאָל אַראָפּ פון זינען? זאָל עס אַזוי נישט טרעפן, ווי ס׳טרעפט, בפרט נאָך ביי דער היינטיקער ביטערער לאַגע... די ערשטע צייט רופט עס אפילו יע אַרויס אַ צערודערונג אין שטעטל. מ׳באַדויערט דעם אומגליקלעכן, נעבעך, מ׳פילט מיט דער משפחה, אָבער גאָר גיך ווערט דער ענין וואָכעדיק און מ׳לאַכט שוין אַפילו פון די ווילדע העוויות און שטיק, וואָס דער משוגענער, צי די משוגענע פּראַוועט אין שטעטל.

אַנדערש איז עס אָבער מיט רייזלען, פישל דעם אונטער־שמשס טאָכ־טער. דאָס פּלוצלונגע משוגע־ווערן פון אָט דעם שטילן, שוואַרץ־חנעוודיק מיידל מיט די גרויסע, אומעטיקע אויגן האָט אויף דעם שטעטל אַ מאָדנעם פּחד אָנגעוואָרפן. באַזונדערס פלאָטערט מען און מ׳ציטערט אין די שטי־בער, ווו ס׳זענען פאַראַן דערוואָקסענע מיידלעך און מ׳קען זיי, נעבעך, נישט חתונה מאַכן, ווייל ס׳איז קיין זכר נישטאָ נישט פון נדן און נישט פון אויסשטייער. און אַזעלכע הייזער פעלן דאָך דאָ נישט, ברוך השם, די לעצטע צייט!..

וואָס זשע פאַר אַ שייכות האָט רייזעלעס קראַנק־ווערן צו די פאַר־זעסענע כלה־מיידלעך? אָ, ס׳האָט שוין גאָר אַ גרויסע שייכות!..

אין וואַרשע, ווו מ׳האָט רייזעלען אַוועקגעפירט אויף שטאָטס הוצאות, האָט דער נערוון־דאָקטאָר דערקלערט (מ׳גיט עס איבער מיט אַ שעפּ־טשעריי אין שטעטל), אַז די סיבה פון איר משוגעת איז דאָס נישט חתונה־האָבן צו דער צייט. „זי האָט נישט געטאָרט אַזוי לאַנג וואַרטן, דאָס מיידל!" — אָט אַזוי האָט דער דאָקטאָר בפירוש געזאָגט דעם אומגליק־

לעכן טאָטן אירן, פּישל דעם שמש, וועלכער איז אין איינע־צוויי טעג גרוי געוואָרן פון צרות ווי אַ טויב.

אָבער וואָס עפּעס דווקא פּישל דער שמש? כמעט אַלע טאַטעס און מאַמעס אין שטעטל גייען אַרום פון דער דאָזיקער מעשה אָן קעפּ. „פון אַזאַ אומגליק, שונאי־ציון, איז דאָך קיינער נישט באַוואָרנט" — טראַכט מען אין דער שטיל, מ'שלאָפט קיין נעכט נישט און מ'זוכט אַלץ עצות, ווי אַזוי פּאָרט ווי ס'איז צו פאַרשלייערן די מיידלשע קעפּ, באַדאַי זיך פון העמד אויסטאָן, איבער דער וועלט אַוועקגיין.

און דערווייל האַלט מען שוין די כלה־מיידלעך אין שטוב, ווי ציטער־דיקע באַשעפענישן. דאָס ווערטל: „דו אַלטע מויד, דו!", מיט וועלכן פאַרביטערטע מאַמעס פלעגן זיך כסדר וואַרפן אויף זייערע טעכטער, איז שוין לאַנג פון געברויך אַרויס. פון אַ קללה איז דאָך אַפּגערעדט. ווער וועט זיך עס איצט אָנהויבן מיט זיי? מ'פאַרקוקט זיי רק אין די אויגן אַריין: נאָר נישט דאָס, רבונו של עולם, נאָר נישט דאָס!..

דאָס האַרץ פּאַלט שיר ביי די מאַמעס פון שרעק אַרויס, און מ'פאַרזעט שוין אַ סך זאַכן, פון וואָס אַמאָליקע צייטן פלעגט זיך די שטוב ממש הייבן אין דער לופטן. זיי קומען שפּעט פון שפּאַציר, די מיידלעך, — זאָלן זיי קומען! מ'פרעגט שוין מער נישט מיט וועלכן בחור מ'איז געגאַנגען, צי עס פּאַסט צום יחוס, צי נישט, און די טיר עפנט מען די זעלבע רגע!.. דאָס מיידל דאַרף נאָר דעם מינדסטן ריר טאָן דעם לאָדן, איז באַלד: „איך עפן, קינדעלע, איך עפן!" און באָרוועסע פיס טשאַפּקען אויפן פּאָדלאָגע מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, רחמים און זאָרג...

וואָס דאַרף מען מער? אַפילו הילקע דער קצב, אָט דער גראָבער נפש, וועלכער האָט אַ שטיק צייט געהאַלטן ציפּקען, דער מוזינקע זיינער, פאַרשפּאַרט אין אַ קאַמער און געקאַטעוועט זי דריי מאָל אַ טאָג מיט אַ שטריק, הלמאי זי האָט פאַרפירט אַ ליבע מיט יאָשקע־טרייבער — אַפילו הילקע האָט זיך שוין אויך געכאַפּט איצט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז און אַרויסגעלאָזן די טאָכטער פון דער היימישער תפיסה. האָליובעט

זי זיך שוין איצט פראַנק און פריי מיט יאַשקען און אַ סברה, אַז שבת נחמו וועט מען פראַוון אַ חתונה...

— ווער קען זיך אָבער גלייכן צו הילקען? — פאַרגינען אים נישט אַפילו באַלעבאַטישע יידן דעם גרויסן נחת, גייען אַרום ווי אונטערן וואַסער, און די מחשבות זייערע — אויף וויסטע פעלדער און וועלדער!..

און ווי אויף להכעיס איז זי כסדר אויף די אויגן, רייזעלע דעם שמשס. אַ גאַנצן טאָג טרעט זי נישט אָפּ פונעם פלומפּ, ווו זי פראַוועט אירע משוגענע שטיק. אַזוי איז זי דווקא אַ שטילע משוגענע, טשעפּעט נישט קיין פליג אויפן וואַנט, אָבער דאָס איז נאָך ערגער, ווי געטשעפּעט... אַ באָר־וועסע, מיט צעפּאַטלטע האָר און מיט אַ גירליאַנדע אויפן שטערן, ווי אַ כלה צו באַזעצעניש, זיצט זי אָפּ שעהען־לאַנג אויפן ראַנד פון פלומפּ, און ווי נאָר עמעץ קומט אָן נאָך וואַסער, אַזוי טוט זי אַ בלינצל צו יענעם מיט אַ פּאָר שוואַרצע איבערגעקערטע אויגן:

— גיט׳ס מיר אָפּ מזל־טוב, גיט׳ס מיר אָפּ... היינט איז דאָך מיין חופּה־טאָג... איך גיי מיט שמעונקע דעם רבס צו דער חופּה!..

אָט אַזוי פּלאַפּלט זי, רייזעלע, און קיינער דערוועגט זיך אַפילו נישט אַ שמייכל צו טאָן. אַדרבה, אַ מוראדיקער אומעט וויקלט גאָר איין דעמאָלט דעם גאַנצן מאַרק. טאַטעס און מאַמעס צעקרעכצן זיך ביטערלעך, וואָס מ׳קען קינדער קיין גוטס נישט טאָן, כאַפּן בגנבה בליקן אויף בלאַסע, מיידלשע, פאַרעלטערטע פּנימער, וואָס דריקן זיך בעת־מעשה צו די שויבן, און אַ פינצטערע אימה פרעסט זיי דאָס האַרץ ווי מיט צוואַנגען.

די געשיכטע פון אַ טייכל

זקנים געדענקען נאָך די צייט, ווען מ׳פלעגט זיך דאָ באָדן אין טייכל, און דער וואַסער ווינער איז געווען ריין, ווי אַ שפּיגעלע.

„ביאַלע" — אַזוי האָט דאָס טייכל געהייסן — האָט זיך נאָך געהאַט געפונען דעמאָלט הינטערן שטאָט, און אין די זומערדיקע נעכט, ביים שיין פון דער לבנה, פלעגן דאָ קוואַקען זשאַבעס, יונגוואַרג פלעגט ביים ברעג אַרומשפּאַצירן, שטיפן און לאַכן.

ביסלעכווייז אָבער איז זיך דאָס טעקסטיל־שטעטל צעוואַקסן, פון האַנט־אַרבעט איז מען אַריבער אויף דאַמף, און אַ קייט פון נייע בנינים האָט אַריינגענומען דעם טייכל אין דער קלעם, צוגענומען ביי אים די הינטערשטאָטישע פרייהייט און רחבות. און נישט גלאַט עפּעס בנינים, נאָר הויכע געמויערטע פאַבריק־קאָרפּוסן מיט געקראַטעוועטע פענצטערס האָבן זיך דאָ צעשפּרייט אַרום, געשפּיגן כסדר מיט שוואַרצן, געדיכטן רויך און פאַרשטעלט די שיין פון דער זון.

אָבער דאָס וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה. מילא, יע זון, נישט זון, וואָלט מען כאָטש אַזוי לעבן געלאָזט, לעבן ווי אַ בכבודיקער יורד — איז דאָס אויך נישט! די אויפגעקומענע פאַבריקן האָבן דעם קלאָרינקן טייכל אין אַ שפּיי־קעסטל פאַרוואַנדלט, געלאָזן אַהער אָפּפליסן די גאַנצע שוואַרצע, פּעכיקע סלונע פון זייערע אייביק־מאָלנדיקע מיילער, אזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז מענטשן פלעגן דאָ, פאַרבייגייענדיק, אַזש אָפּקערן די קעפּ און פאַרשטאָפּן די נעז.

מ׳פלעגט אָבער באַלד אויפן שטעל חרטה האָבן און צוגעבן מיט אַ שמייכעלע:

— נו, נו, נאָר נישט געזינדיקט! אַדרבא, זאָל זי יוירן אונדזער „ביאַלע״. וואָס מער געשטאַנק, אַלץ מער פאַבריקן גייען, אַלץ מער פּרנסה אין שטאָט. וואָסי? פונעם פאַרעיפּושטן „ביאַלע״-וואַסער קען מען דען קיין פעטן קוגל נישט מאַכן?

יע, מ׳האָט טאַקע געמאַכט קוגלען, אַז ס׳איז געגאַנגען אַ רויך. פּרנסה — איבערן האַלדז! פון אַלע עקן רוסלאַנד, פון די ווייטסטע געגנטן פון סיביר, פלעגן קומען אַהער גוטמוטיקע, רויט־קאַרקיקע פּאָניעס און די סחורה ממש פון דער האַנט רייסן, נישט לאָזן אַפילו ארויסענדיקן ווי געהעריק. אַ קלייניקייט עפּעס אַנזעטיקן דעם רוסישן מאַרק!

און דאָס טייכל האָט דערווייל אַלץ מער גענעיפּושט, און אין גאַנצן איז ער שוין געוועזן שוואַרץ, ווי טינט. די ריחות זענען אַלץ שווערער געוואָרן, באַזונדערס זומער־צייט, אין די גרויסע היצן.

ווער האָט עס אָבער צייט געהאַט זיך אומצוקוקן דערויף? בלויז דער רעדאַקטאָר פון דער שטאָטישער צייטונג, אַן אייביק אויסגעהונגערטער נאָך טעמעס, פלעגט זיך שוין אין די זומערדיקע חדשים אַרויפוואַרפן אויפן טייכל, ווי אויף אַן אבן־טוב, און שעפּן פון דאָרט טעמעס מיט פולע הויפנס. כמעט יעדן טאָג — אַ נייער אַרטיקל פון דער סעריע: „צום אויפמערק פון אונדזערע שטאָט־טאַטעס!״, ווו ער פלעגט אין שאַרפע, מליצהדיקע ווערטער מוסרן דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, הלמאי זי רייניקט נישט דעם טייכל; ס׳איז דאָך אַ „זאַראַזע״, אַ פּעסט!

אַ פּיטשעמאָנטשיקע צייטונגל טאַקע, גרויס ווי אַ טל־ומטר אין אַ קליין סידורל — אָבער פּאָרט פּרעסע! פלעגן זיך די שטאָט־טאַטעס אָפּט דערשרעקן און צונויפרופן עקסטראַ־זיצונגען, אויף וועלכע מ׳פלעגט זוכן עצות, ווי אַזוי אויסצורייניקן דעם הימישן טייכל. גאַנצע אָוונטן פלעגט מען זיך ברעכן די קעפּ, קלערן, טראַכטן און זיך נישט קענען דערטראַכטן.

אַ פּאָר מאָל אין יאָר פלעגט אַפילו די „ביאַלע״ ריינער ווערן פון זיך אַליין. דאָ איז אָבער נישט געשען קיין שום נס, נאָר פּשוט: די אויסגעמוטשעטע, פאַרהונגערטע וועבערס פלעגן אַוועקלייגן די אַרבעט און

פֿאַדערן נאָך אַ פּאָר גראָשן אויפֿן „טויזנט״. אַזאַ מזל־ברכה אין שטאָט, פֿלעגן זיי טענהן, ווילן זיי עפּעס אויך דערפֿון געניסן! און מיט צעפּיבערטע אויגן פֿלעגן זיי פֿאַרלאָזן די פֿאַבריקן.

דעמאָלט פֿלעגט דאָס וואַסער אין דער „ביאַלע״ אָנהייבן קלערער ווערן ביסלעכווייז, ווי ערב־פּסחדיקער מעד, ריינער ווערן פֿון טאָג צו טאָג. ס׳זאָל אין גאַנצן ריין ווערן, האָט נאָך אָבער קיין מאָל נישט געטראָפֿן. די צדדים פֿלעגן סוף־כּל־סוף ווי ס׳איז דורכקומען צווישן זיך, און בייכיקע פֿאַבריקאַנטלעך, וועלכע זענען געצווונגען געווען נאָכצוגעבן עטלעכע גראָשן, פֿלעגן זיך פֿאַרענטפֿערן מיט כּיטרע שמייכעלעך:

— מ׳קען דאָך גאַנץ רוסלאַנד נישט לאָזן אָן הויזן! ס׳וועט דאָך זיין אַ חרפּה פֿאַר לייטן, וועט דאָך זיין!..

און די „ביאַלע״ פֿלעגט ווידער מיט שטילן ברוגז, קוים־קוים שטראָמענדיק אָנהייבן טרייבן אירע שוואַרצע, אין פֿאַבריק־קעסלען אויסגעזאָדענע וואַסערן. אַלץ געדיכטער זענען זיי געוואָרן, און דער „געשמאַקער״ ריח זייערער האָט שוין באַלד אָנגעשפּאַרט אין דער גאַנצער שטאָט.

*

אָבער פּלוצעם — סטאָפּ! פֿאַרשוווּנדן געוואָרן מיט איין מאָל די מיאוסע ריחות פֿון „ים הגדול״, ווי די שטאָט־לייט האָבן מיט חוזק גערופֿן זייער היימישן זומפּל. פֿאַרשוווּנדן די שוואַרצע מראה זיינע, און אַ סברה, אַז גאָר אין גיכן וועט ער שוין זיין אַ טייכל ווי אַלע טייכלעך, מיט אַ בלישטשענדיק, קלאָר וואַסערל, מיט אַ געלן זאַמדיקן גרונט — די ריינינקונג גייט פֿאָרויס מיט אַ געוואַלטיק־גיכן טעמפּ!

ווער זשע האָט עס באַוויזן אַזאַ גרויסן נס, אויסצורייניקן די דאָזיקע „ביאַלע״, מיט וועלכער מ׳האָט זיך אַזוי פֿיל יאָרן נישט געקענט קיין עצה געבן? די מלחמה און דער שלום האָבן עס געמאַכט! דער גרויסער רוסישער מאַרק איז געבליבן „פֿון יענער זייט״ און די רויט־קאַרקיקע גוטמוטיקע פּאָניעס קענען שוין מער נישט קומען אַהער נאָך די הויזן־געוואַנט מיט די „בורקעס״, שטייען די פֿאַבריקן, ווי גולמים, מיט סטאַרטשענדיקע אויסגעלאָשענע קוימענס, און דאָס טייכל טריאומפֿירט, קערט

זיך אום צו זיין אַמאָליקער געשטאַלט, ווערט צוריק אַ פריי, זעלבשטענדיק וואַסערל.

נישט לאַנג האָבן שוין אַפילו די בלאַסע וועבערשע קינדער, וועלכע שפילן זיך דאָ גאַנצע טעג אויף די ברעגעס, ווייל די אַרבעטלאָזע טאַטעס האָבן פאַר זיי קיין שכר־לימוד נישט — דערזען אין איין אָרט דורכן דורכזיכטיקן וואַסער פישלעך, אמתע פישלעך מיט זילבערנע שופּן און געליאַמעווועטע אייגעלעך. מיט גרויס שמחה זענען זיי געלאָפן אַהיים אָנזאָגן עס טאַטע־מאַמע. האָבן זיך אָבער יענע צעשריען אויף זיי מיט פאַרשטשימעטע ציין:

— איר טרעט אָפּ, ממזרים, פון די אויגן, צי נישט? געזען אַ ביסל? אַ גדולה אויף זייערע קעפּ — פישלעך געפונען. מיר וועלן דאָך פון הונגער אויסגיין, פון הונגער!

יע, ס'איז נישט קיין קלייניקייט! שוין אַזאַ לאַנגע צייט, ווי די פאַבּ־ריקן שטייען און ס'זעט זיך גאָרנישט קיין אויסזיכט, זיי זאָלן ווען ס'איז אָוועקגיין. אומזיסט שנאַפּן די פאַרשמאַכטע וועבערס מיט די נעז, ווילן אָנטאַפּן אין דער לופט כאָטש אַ סימן פון יענעם אַמאָליקן וואַסער־ריח — אַ נעכטיקער טאָג!

אַך ווי עס בענקט זיך נאָך יענעם גערוך! אויך דער רעדאַקטאָר פון דער שטאָטישער צייטונגל, וועלכער האָט אים אַ מאָל אַזוי ביטער באַקעמפט, רעדט שוין איצט גאָר אַנדערע דבורים. טאָג־טעגלעך אַלאַר־מירט ער מיט זיינע אַרטיקלען, אַז די שמוציקע „ביאַלע", אָט דער צייכן פון שטאָטס אַמאָליקער „פּראָספּעריטי" און רייכטום, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ריין, קליינשטעטלדיק טייכל אָן אַ טעם און אָן אַ ריח; — גיט אונדז אָפּ אונדזער טייך נילוס — ענדיקט ער מיט אָט די ווערטער כמעט יעדער אַרטיקל — דעם נילוס, וואָס האָט געשפּייזט, ווי אין חומש שטייט, דאָס גאַנצע לאַנד מצרים!

האַנס פרייַדאָרף אויפן בית־עולם

יאָרן לאַנג האָט האַנס פריידאָרף, דער באַרימטער יידיש־דייטשער אַרטיסט און זינגער, שווער געהאָרעוועט איבער זיך, כדי אויסצוואָרצלען פון זיין לשון דעם יידישן אַקצענט, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך פון זיין אָרעמער גאַליציאַנער היים. און איצט, קומענדיק נאָך דער היטלער־איבערקערעניש צו דער יידישער בינע, מאַטערט ער זיך, פאַר־קערט, מיט אַלע כוחות, ארויסצורייסן פון זיין יידיש די דייטשע עלעמענטן און בעט גאָט, אַז די שפּראַך זאָל קלינגען אין זיין מויל פּונקט ווי יינגלווייז, בעת ער האָט געלערנט אין חדר און צוגעזונגען ביי זיין טאַטן, דעם שטעטלשן חזן.

ער האָט שטאַרק עגמת נפש, האַנס פריידאָרף, וואָס די צונג דרייט זיך נישט ביי אים ווי געהעריק אויף יידיש, מחמת ער קען נישט צוליב דעם שפּילן אין אַ סטאַבילן יידישן טעאַטער אין צענטער ערגעץ, נאָר מוז זיך אַרומשלעפּן איבער דער פּראָווינץ, איבער די פאַרוואָרפנסטע יידישע שטעטלעך מיט דעקלאַמאַציעס פון געטען און היינען. אמת טאַקע, די יידישע יוגנט נעמט אים אויף זייער וואַרעם, מ׳קויפט פאַר די לעצטע גראָשנס בילעטן, מ׳מאַכט אים אָוואַציעס, אָבער — כאָטש איין יידישן נומער, בעט מען זיך ביי אים, עפּעס אַ פאָלקסליד!.. ער קען נאָך עס זיי אָבער דערווייל נישט געבן; מיט דער צייט — אפשר!..

און מאָדנע, אין יעדן שטעטל חזרט זיך איבער די זעלבע געשיכטע! ליטווישע שטעטלעך אַלץ — ברענט דאָ ביי דער יוגנט, ווי אַ בלויער פלאַם, די ליבשאַפט צו דער יידישער ליטעראַטור, צום יידישן שאַפן... און ער? אַן אָרעמער יינגל פון גאַליציע, האָט ער, קומענדיק קיין בערלין,

זיך אַזוי צוגעכאַפּט צו די דייטשע קולטור־לאַגלען, געטרונקען פון זיי ביז שכרות, אַז ער האָט אַפילו קיין אַנונג נישט געהאַט, וואָס ס׳טוט זיך אין דער היים, אין דער יידישער וועלט!.. אין דער „ראָמאַנישער קאַפע" אין בערלין, דערמאָנט ער זיך, האָט מען אים עפּעס יע איין מאָל אָנגעוויזן ביי אַ טישל אויף אַ יידישן שרייבער, בערגעלסאָן, דוכט זיך, אָבער דערמיט זענען שוין זיינע אַלע ידיעות געווען אויסגעשעפּט... ערשט היטלער האָט אים „העפּליכסט" באַקאַנט געמאַכט מיט דער יידישער ליטעראַטור, גע־שיקט אים צוריק אין געטאָ אַריין לערנען זי — פון געטאָ צו געטאָ!..

און די גרעסטע פּאַטריאָטן פון יידיש זענען, דוכט זיך, די בחורים מיט די מיידלעך פון דעם קרייז־שטעטל „ב", ווו ער טרעט אויף, האַנס פריי־דאָרף, די לעצטע טעג מיט זיינע רעציטאַציעס און לידער; ווייל שפּריי־זנדיק אַפילו מיט אים איצט אויפן זאַמדיקן, האַרבסטיקן וועג צום שטע־טלשן בית־עולם, הערן זיי אַלץ נישט אויף צו רעדן וועגן דעם, אַז ער מוז זיך אומבאַדינגט איינשאַפן אַ ריי יידישע „נומערן" אין זיין רעפּער־טואַר; זיי קנעלן עס איין אַפילו מיט עלזען, מיט דער יונגיטשקער „רייך־אַרישער" ווייב זיינער, וועלכע פּראָוועט צוזאַמען מיט אים גלות, און יענע שאָקלט צו מיט איר בלאָנדן, יינגלש־געשוירענעם קאָפּ: זי איז שוין, דוכט זיך, באַלד מער פאַריידישט פון אים, עלזע, און איר בלאָנדער, שיינער קאָפּ וויגט זיך פריידיק אויפן וועג, ווי אַ ליכטיקער זון־בלום, צווישן אַזוי פיל שוואַרצע יידישע קעפּ...

— יוליוס שטרייכער, מ׳שענדט דאָך די דייטשע ראַסע! — צעלייגט זיך אַ ביטערער שמייכל איבער פריידאָרפס טונקעלן, יונגן, אָבער מידלעכן פּנים, בלאָנדזשעט אום צווישן די נישט לאַנג געוואָרענע קנייטשעלעך אונטער זיינע גרויסע, פאַרחלומטע אויגן — צווישן די „היטלער־קנייטש־לעך", ווי ער רופט זיי, און זיינע ברייטע נאָזלעכער צעפּליגלען זיך, אָטעמען איין, ווי אַ מתנה, דעם ריח פון די פרייע האַרבסטיקע פעלדער, די קילבלעך־שאָטנדיקע לופט פונעם נאָענטן יידישן בית־עולם...

וואָס פאַר אַן עקסקורסיע מאַכט מען עס עפּעס אין מיטן העלן מיט־

וואָך צום בית־עולם? דאָס געשעט שוין כמעט אזוי אין יעדן שטעטל, ווו די יוגנט, די פאַרערערס זיינע, פירן אים אַרום, פריידאָרפן, איבער אַלע ערטער, באַווייזן די זעווירדיקייטן און „אַנטיקן" פון שטעטל. און דאָס קרייז־שטעטל „ב" האָט שוין איין מאָל אַ „זעווירדיקייט"! זיבעציק יידן האָט מען דאָ אויסגעהרגעט מיט די ערגסטע מיתות משונות בעתן צאַרישן פאָגראָם אין 1906, און איבער די קברים זייערע, גרויסע בערגלעך פאַר דערוואַקסענע און קליינע בערגעלעך פאַר עופהלעך, שטייט איצט אַ גרויסער הויכער מצבה־שטיין פון שוואַרצן גלאַנציקן גראַניט, מיט אַ קלאָג־ליד פון אַ דיכטער אויסגעקריצט, וואָס יעדער פרעמדער אין שטעטל קומט עס זען און שאָקלט מיטן קאָפּ.

וועגן אָט דעם פאָגראָם דאַרף מען אים דווקא קיין סך נישט דערציילן, האַנס פריידאָרפן, כאָטש ער איז אַזוי אָפּגעריסן געווען פון יידישן לעבן. גראָד די געשעענישׁ האָט זיך אים מאָדנע שאַרף איינגעקריצט אין קינדערשן זכרון. אַ צו גרויסן רושם האָט עס מסתמא געמאַכט דעמאָלט אויף די יידן פון דער גאַנצער וועלט, אַז מ'האָט אַזש אין זייער פאַרוואָרפענעם גאַליציאַנער שטעטעלע געמאַכט אין בית־המדרש אַ הזכרה נאָך די 70 אויסגעשאָכטענע יידן. ווער האָט עס געמאַכט די הזכרה? זיין טאַטע דער חזן, פאַרשטייט זיך, און ער מיטן עלטערן ברודערל, דעם טאַטנס משור־רימלעך, האָבן צוגעהאָלפן, געצויגן מיט זייערע דינינקע שטימעלעך, וויפל נאָר זיי האָבן געקענט דעם „את נשמות" און דער גאַנצער בית־מדרש יידן און יידענעס האָבן ביטער געוויינט.

יע, וועגן פאָגראָם דאַרף אים חברה קיין סך נישט אינפאָרמירן, ער געדענקט עס אַליין, און איצט — ווי מאָדנע — גייט ער צו זייערע קברים.

און אָט דערהייבט זיך שוין צווישן די אַלטע ביימער דער הויכער שוואַרצער שטיין איבער אַ ים פאַרוואָקסענע איינגעפאַלענע בערגלעך און אָפּגעריבענע מאָכיקע מצבות, דערציילט אין טרויעריקע, אויסגעהאַקטע פערזן:

פאַרטונקלטע הימלען

חי ס'איז פאַרשוועכט געוואָרן דאַן, אין יענע טעג, דער נאָמען פון מיין פאָלק
און טייכנווייז האָט מען זיין אומשולדיק בלוט פאַרגאָסן,
נאָר רואיק האָט עס צוגעזען דער זומער און די הימלען;
און נישט געשעמט האָט זיך די זון צו שטראַלן מיט איר ליכט דעם קלאָרן
און ביי דער וועלט זענען די אויגן פון בושה פינצטער נישט געוואָרן.

די פערזן זענען געשריבן אין העברעיש און עפּעס אַ בחור אין בערלין זעצט עס אים איבער אין יידיש. ניין, אויף אַזאַ שווערן, דערדריקנדיקן, אַלט־נייעם ווייטיק האָט ער זיך נישט געריכט, האַנס פריידאָרף! נאָך אַ ווילע — און ער צעכליפּעט זיך, דוכט זיך, ווי אַ קליין קינד.

און — גאָט אין הימל! — ווי קומט דאָ עפּעס קורפירסטנדאַם אין מיטן דערינען? אָט לויכטן דאָך דורכן שפּיגלדיקן מצבה־גראַניט די הייזער אירע, די ווילד־צעשראָקענע אויגן פון די יידן, וועלכע לויפן אום פאַרבלוטיקטע איבער די גאַסן, וואַלגערן זיך אויף דער ערד, און ברוינע הויכע נאַציס טרעטן זיי מיט די פיס. אַהאַ, ער ווייס שוין!.. דאָס איז דער ראש־השנהדיקער פּאָגראָם, וואָס די נאַציס האָבן דאָרט איינגעאָרדנט מיט עטלעכע יאָר צוריק; איז, הייסט עס, דער שוואַרצער שטיין דאָ אַ דענקמאָל פאַר די געפאַלענע אויף קורפיסטנדאַם? אָבער — וואָס פאַר אַ משוגעתן!.. דאָ רועז דאָך גאָר „אין פרידן” די זיבעציק הרוגים פון רוסישן פּאָ־גראָם, וואָס דער טאַטע זיינער, דער חזן, האָט אַ מאָל געמאַכט נאָך זיי אַ הזכרה, און ער האָט אים צוגעהאָלפן... ווי האָט עס געקלונגען דעמאָלט די וויינענדיקע הזכרה? ער געדענקט נאָך כאָטש אַ ביסל?..

און אַ מעכטיקער „מלא” צעטראָגט זיך פלוצעם, ווי אַ שטורעם, צווישן די הונדערט־יאָריקע בית־עולם־ביימער, וויל זיי, דוכט זיך, אויסרייסן מיט די וואָרצלען, אומוואַרפן די מצבות; ווי לאַנג, אַז דער דאָזיקער ווונדער־באַרער קול האָט געדונערט אין בערלינער טעאַטער, און איצט וועקט ער טויטע פון די קברים, מאָנט, שולכצענדיק, זייער בלוטיקע קריוודע, זיין אייגענע קריוודע...

ער כאַפּט זיך אויף פלוצעם, האַנס פריידאָרף, ווי פון אַ חלום; וואָס איז דאָ געשען? פאַר וואָס קלאַפּט אים אַזוי שטאַרק דאָס האַרץ? פאַר

וואָס רינט עפּעס אַזאַ בלייך־צעפּלאָסן טרויעריק ליכט פון די הימלען?
און וואָס ווישן עפּעס אַלע די טרערן פון די אויגן?

אייך עלזע בלויז שמייכלט איר שטענדיקן קינדערשן שמייכל, איצט נאָך מער ווי אַלע מאָל. — האָסט דאָך, האַנס, אַזאַ פּרעכטיקן יידישן נומער!
— ווישט זי אים מיט ליבשאַפט די טרערן פון די אויגן, גלעט אים די ברייטע, קאָנוולסיוו־צוקנדיקע אַקסלען...

אַ יידישע לערערין אין דאָרף

אַ פּאָר שוואַרצע, מיט טרויער אָנגעטרונקענע יידישע אויגן האָבן זיך איינגעריסן אין דער בלענדנדיקער ווייסקייט פונעם געדיכטן, צו־געפרוירענעם שניי — זיך איינגעגעסן, נישט אָפּצורייסן.

דאָס איז העליע, די איין און איינציקע יידישע לערערין אין דער „פּאָוושעכנער" שול, וואָס פאַרשפּרייט דאָ פּוילישקייט צווישן די פּויער־שע קינדער פונעם ווייסרוסישן פאַרוואָרפענעם דערפל. שטייט זי שוין אַזוי אַ שטיק צייט לעבן פענצטער, זינט זי איז פון שול צוריקגעקומען, גראַבלט מיט אומרויקע נעגעלעך די צעוואַקסענע פראָסט־קווייטן אויף די שייבלעך און קוקט כסדר אין דרויסן מיט דער עקשנות פון אַ באַוואוסט קינד, וואָס האָט מורא אומצודרייען דעם קאָפּ, עס זאָל נישט אויספּלאַצן אין אַ געוויין...

די ווייסע באַרגיקע גאַס ציט זיך וויסט און באַלכסון אונטערן בייזן, דראָענדיקן אָפּגלאַנץ פון דער ווינטערדיקער שקיעה. אַזאַ צעגליטע זון איז אַן אָנזאָג תמיד ביי פּויערים אויף אַ שניי־שטורעם. זיצט מען טאַקע אין די כאַטעס, איינגעוויקלט אינעם טשאַדיקן רויך פון די קנאַקעדיקע יאָדלע־צווייגן אין אויוון, און אויפן גאַס איז שטיל, פּונקט ווי אין עפּעס אַן אייז־לאַנד. פון צייט צו צייט בלויז צעקרעכצט זיך אַ שטאַנג פון אַ ברונעם — אַ הויכער פּויער לויפט דורך גיך מיט אַ הילצערנעם עמער וואַסער, דער געלער שעפּסענער פּעלץ צעפלאַטערט און די שטיוול סקריפּען מיט פראָסט און מיט האַפערדיקייט פון ערב־זונטיק...

— אַי, ס'איז דאָך היינט שבת פאַרנאַכט, — טוט זיך עפּעס מיט אַ מאָל אַ צאַפּל ביי העליען. פאַר אירע אויגן שוועבט דורך, ווי אין אַ

חלום, דאָס ווייטע, שבת־פּאַרנאַכטיקע גאַליציאַנער שטעטל, זייער בין־השמשותדיקע שטוב, און זי פאַרשעמט זיך פאַר זיך אַליין: ווי לאַנג זענען אָט די זאַכן איר שוין אויפן זינען נישט געקומען? איצט האָט זי זיך דערמאָנט אין זיי... זי ווייס פאַר וואָס! דאָס זוכט זי אינעם ים פון דע־רינערונגען אַן אינדזועלע אַזאַ, אַ גריבס, וווהין צו אַנטלויפן אויף אַ ווייל פון דער וועלטס רשעות, פונעם לערער כשאַנאָווסקיס ווילד געשריי, „קיין זשידוווקעס דאַרפן מיר דאָ נישט״, מיט וועלכן ער האָט איר מכבד געווען היינט אינעם לערער־צימער, און הערט איר נישט אויף אַלץ צו קלינגען אין די אויערן.

און פאַר וואָס אַזאַ „הייליקער צאָרן?״ אַלץ צוליבן אַלטן „חטא״ אירן, פאַרן אָפּשטויסן די צערטלעכקייטן זיינע, די גראָב־יונגישע פאַר־שלאָגן. אַך, ווען זי קען זיך עס איצט פונאַנדערוויינען הויך אויפן קול!.. זי שעמט זיך אָבער פאַר מאַרוסיען, איר אַלטער גוטער באַלעבאָסטע, וועלכע שפינט דאָרט איבערן וואַנט איר אייביקע שפּינעכץ, צוברומענדיק דערביי עפּעס אַ דאָרפישע, אומעטיקע מעלאָדיע, אַזוי ענלעך, דוכט זיך, צו איר טאַטנס חסידישע נגונים...

יע... ווי האָבן זיי אַ מאָל אויסגעזען, די שבת־פּאַרנאַכטן, אין זייער שטוב? דורכן טונקעלן צימער ציט זיך, ווי אַ גאָלדענער שנור, אַ וווּנדער־באַר געזאַנג — אַ געפלעכט פון דער מאַמעס פרומער תפילה און דעם טאַטנס טיף־פאַרבענקטן „בים־באַם״. זי, העליע, זיצט ביים פענצטער און זוכט שטערנס אינעם ווינטערדיקן הימל... גייט צו איר צו פאַמעלעך דער טאַטע, גלעט זי צאַרט איבערן קעפּל און דערציילט איר צום ווי־פלטסטן מאָל די מעשה מיטן זיידן הערש בער. אַ גאָטפאָרכטיקער דאָרפישער קרעטשמער געווען, האָט ער איין מאָל אין אַ ווינטערדיקן שבתדיקן באַ־גינען, אין אַ גרויסן פראָסט און שטורעם, אַוועקגעלאָזט זיך אין דעם נאָנטן שטעטל, כדי צו דאַווענען מיטן מנין, און איז אויפן וועג פאַרפרוירן געוואָרן, דער אַלטיטשקער, אומגעקומען, ווי דער טאַטע פלעגט עס רופן, אויף קדוש השם...

וויפל פּאָעזיע האָבן זיי עס פאַרמאַגט, די טאַטע־מאַמעס שבת־פאַר־נאַכטן!.. איצט פילט זי עס, און אַ מאָל האָט זי עס גאַרנישט אָנגעהויבן באַגרייפן... פאַר וואָס איז דאָס געווען אַזוי? גאַנץ פּשוט! יונג זיך אָפּגע־טובלט אין דער פּוילישער קולטור, איז זי פאַרכאַפּט געוואָרן דורך אַנדערע שטימונגען און שיינקייטן, דורך העלדן־מעשים פון אַנדערע „זיידעס״, פּוילישע זיידעס, וועלכע האָבן זי גערופן, דוכט זיך, דורך זייערע שאָטנס, צו גיין אין פאָלק, אין די פאַרוואָרפענע דערפער, פאַרשפּרייטן דאָרטן דאָס פּוילישע וואָרט, דעם דערהויבענעם וואָרט...

שוין פון די פריסטע יאָרן האָט זי געחלומט צו ווערן אַ דאָרף־לערערין, און עלטער־ווערנדיק, נישט אויפגעהערט רייסן זיך צו אָט דער מיסיע מיט אַלע אירע כוחות. און ווו? דווקא אין די ווייסרוסישע און אוקראַינישע דערפלעך, ווו די פּוילישקייט איז נאָך שוואַך... געווען אַ שטרעבונג אַזאַ דעמאָלט צווישן דער יונגער פּוילישער לערערשאַפט, און זי איז נישט אָפּגעשטאַנען פון זיי. אַדרבא, זי איז זיי נאָך איבערגעשטיגן...

יע, זי געדענקט, די שול־מאַכט האָט איר אַפילו מוחל געווען די טובות, דער „ידישקע״. אַרויסקריגן דעם לערער־דיפּלאָם איז איר אָנ־געקומען מיט געברענטע צרות. זי האָט זיך אָבער נישט געלאָזן — זי איז נישט קיין קלענערע פּאַטריאָטקע פון אירע פּוילישע חברטעס — און סוף־כל־סוף, דורך יסורים און פּיין, האָט זי פאָרט דערגרייכט דאָס איריקע. נו, וואָדען האָט זי געדאַרפט טאָן? חתונה האָבן אין שטעטל און ווערן אַ פאַרפינצטערטע מעל־קרעמערקע, ווי איר מאַמע? אַז די נשמה אירע רייסט זיך פאָרט צו מעשים, און אין שטעטל איז אַזוי וויסט... נישטאָ ביי וואָס צו אַרבעטן, דו זאָלסט אַפילו וועלן!..

דאָס האָט זי אָבער אַלץ געטראַכט פריער, אין גאַליציע. ווייל קו־מענדיק אַהער צו אויף די קרעסן, האָט זי זיך דערוווּסט, אַז עס איז דווקא דאָ... שוין אין דעם נאָענטן שטעטל האָט זי זיך דערוווּסט אַ מאָדנע בייס: אַ שול, ווו מ׳לערנט גאָר אויף יידיש, אויף פּראָסט יידיש. די שול־צימערן זענען נישט געהייצט, די לערערס הונגערן, אָבער מ׳איז פאַרעקשנט און מ׳טרעט נישט אָפּ פון אָרט. און ווען דער הונגער דריקט שוין צו גאָר

שטאַרק, מאַכט מען „אָוונטן" אין דער „פּאָזשאַרנע". די קינדער זינגען לידלעך, שטעלן עפּעס פאַר, און גאַנץ שטעטל קויפט אויס די גראָשעדיקע בילעטן. אָט קומט פאַר היינט ביינאַכט אויך אַזאַ יום־טוב. חייקע די קרעמערקע, ביי וועמען זי מאַכט אירע איינקויפן אין שטעטל, האָט עס איר יענע וואָך דערציילט, איבערגענומען זיך מיט מאַמישן שטאָלץ, אַז איר שרהלע וועט אויך שפּילן אויף דער סצענע, טאַנצן אין אַ פּאַפּירן קליידעלע...

און פּלוצעם פיבערט זי אַזש אויף, העליע, פון אַ מאָדנעם געדאַנק: זי גייט אויפן „אָוונט"!.. וואָסי? פיר וויאָרסט אין גאַנצן! ס'איז שוין פינצטער? זאָל זיין פינצטער!.. אַז דאָ, פילט זי, וועט זי די נאַכט דער־דריקן מיט איר פּלוצעמער פרעמדקייט און אין די אויערן וועט נישט אויפהערן צו שיפּען, ווי אַ שלאַנג, כשאַנאָווסקיס „זשידוווקא". ווי זאָגט דאָרט ערגעץ דער דיכטער: אַ היימיש פייערל! אַ היימיש פייערל!..

גיך־גיך, ווי זי וואָלט מורא האָבן נישט צו פאַרשפּעטיקן, שטופּט זי די הענט אין די שמאָלע מאַנטל־אַרבל, טוט אָן דעם גרינעם בערעטל, וועלכער מאַכט זי מיט אַ מאָל יינגער פון אירע איין און צוואַנציק יאָר. אַ שלאַנק, איבערגעוואַקסן קינד מיט גרויסע אויגן שוועבט דורך, ווי אַ ווונדער, דורך דער נידעריקער טונקל־באַלויכטענער כאַטע, טוט אַ סקריפּ מיט דער שווערער, שטרוי־באַשלאָגענער טיר.

— וווהין, טייבעלע, אין אַזאַ הינטיש וועטער? — רייסט זיך אָפּ פּלוצעם מאַרוסיאַ פון שפּינדל — וווהין? — שרייט זי איר נאָך דורך דער ברייט־צעעפנטער טיר. אָבער אומזיסט. העליע האָט נישט אין זינען אַפילו זיך אומצוקערן, כאָטש דער וועטער איז באמת אַ „הינטישער" און אַ שניי־שטורעם האָט זיך נישט אויף קאַטאָוועס צעשפּילט איבערן צעשראָקענעם, צונויפגעטוליעטן דאָרף. מיט אַ ווילד, צעיושעט געוואַי רייסט דער ווינט די שטרויענע דעכער, הייבט אין דער לופטן גאַנצע שניי־בערג, וויל פאַרשיטן אַלץ מיט אַנאַנדער.

און העליע גייט... אָט איז זי שוין הינטערן דאָרף. מיט איין האַנט האָט זי באַדעכלט דעם פּנים און מיט דער אַנדערער קעמפּט זי פאַרביטערט

מיטן בלינדן שטורעם. שווער!.. זי שטרויכלט מער ווי זי גייט. אָבער עפּעס אַ מעכטיק געפיל שטויסט איר אַלץ ווייטער און ווייטער, דער זעלבער געפיל מסתמא, וואָס האָט געשטויסן דעם זיידן אירן, צו גיין אין שטעטל אַריין אין יענעם ווינטערדיקן שבתדיקן באַגינען, כדי צו דאַוונען מיטן מנין...

דעם גבירס יאָרצייט

מיטן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג האָבן כלערליי אָרעמע־לייט, מאַנסבילן און ווייבער, געזונטע און קאַליקעס, ווי שאָטנס, זיך געשלייכט פון אַלע עקן שטאָט צום נגידישן בית־מדרשל, וועלכער האָט זיך נאָך קוים גע־ווייסט צווישן די אַרומיקע נאַקעטע בוימער. געשענקטע, צעטרייבערטע שוכוואַרג האָבן אומברכמנותדיק, ווי אויף צו להכעיס, געברודיקט דעם קלאָר־פּוכיקן שנייעלע, מיט וועלכן די נאַכט האָט אַזוי זאָרגפול אויס־געבעט דאָס שטיל־דרימלענדיקע געסל. זיי האָבן דאָ געצייכנט די ערשטע פוס־טריט, סימנים פון קוליעס...

אַ פּאַרשפּעטיקטער איז אָנגעלאָפן אין איין אָטעם אַ צעוואַקסענער געלער בעטלער מיט אַ צעגעפּוילטער נאָז, זיך אויסגעגליכן מיט אַ קורצער, הינקענדיקער יידענע, וועלכע האָט זיך געקאַטשעט אויפן מיטן ברוק, ווי אַ צעפּאָרענער פּאַק שמאַטעס, און זיין גאָרגלדיקער קול האָט אַזש געציטערט פון פרייד:

— נאָך אַלעמען, האָב איך נאָך אָפּגעשפּילט מיט גליק... כ׳האָב דאָך אין גאַנצן פאַרגעסן, ווען עס פאַלט אויס דעם גבירס יאָרצייט, אַ טעות געהאַט אין חשבון!.. ערשט היינט באַגינען טוט עס מיך פּלוצעם אַ הייב פון געלעגער: וואָס שלאָפסטו, יאָלדישע נשמה דו? היינט איז דאָך י״ג שבט, און דער גביר טיילט דאָך גילדנס, טיילט ער... האָב איך זיך אַ כאַפּ געטאָן ווי אַן אָפּגעבריטער און אָנגעהויבן לויפן, אַזוי לויף איך נאָך!..

— אי, אָפּגעלאָזענע מענטשן, וואָס איר זענט! — האָט אים ווייך געמוסרט די באַגלייטערין, ווישנדיק בעת מעשה מיט אַ שמאַטקעלע די צעיאָטערטע אויגן אירע — אַזעלכע זאַכן טאָר מען נישט פאַרגעסן...

מ׳דאַרף עס אָפּהיטן, פּונקט ווי אַן אייגענעם יאָרצייט... אפשר נאָך מער... וואָרעם אַ קלייניקייט היינטיקע צייטן אַ גילדן! וויפיל הייזער דאַרף מען עס אויסגיין, ביז וואַנען מ׳מאַכט אַ גילדן? אפשר צוויי הונדערט הייזער! נישט יעדערער גיט דאָך היינט. אָבער אָט האָבן מיר שוין דעם מקום קדוש!

ס׳איז נאָך געווען פאַרן ערשטן מנין, אָבער דאָס בית־מדרשל איז שוין אָנגעפּיקעוועט געווען מיט אָרעמע־לייט, נישט דורכצוגיין — אַ לעבעדיקע אויסשטעלונג פון בעטלערישן דלות; אַ לופט — פאַרסמט צו ווערן. ריחות פון פייכטע, אויסגעוואַרעמטע שמאַטעס און לאַנג נישט־געוואַשענע לייבער. די באַלעבאַטישע אָפּגעפיינטע יידן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן קלייבן ביסלעכוויז צום דאַווענען, האָבן זיך געברידזשעט, גע־קרימט מיט די נעז און ניסן דער אונטער־שמש, אַ קליין געפּאַקט יידל, האָט זיך ממש פון די כוחות אַרויסגעשלאָגן, שטויסנדיק דער מאַסע אַהינטער מיט אַ הייזעריקן געשריי:

— אָבער זעט נאָר, ווי די „פּרומאַקעס״ האָבן זיך עס געפּעדערט אַ ביסל!.. דער גביר קומט ערשט צום דריטן מנין, און זיי האָבן שוין קיין צייט נישט... צום אויוון, חברה שנאָרערס, צום אויוון...

חברה שנאָרערס האָבן אים אָבער געהערט, ווי דעם קאָטער. מיט אַ מוראדיקן געפּילדער האָבן זיי זיך גערוקט אַלץ נענטער צום עמוד, גע־רויכערט פּאַפּיראָסלעך, געפירט עפּעס חשבונות איינע מיט די אַנדערע און געקלימערט מיט קופּערנע מטבעות.

אָבער אָט האָט זיך לסוף באַוויזן דער גביר — אַ הויכער, שוואַרץ־בערדיקער ייד, מיט אַ פּאָר פייכטע, אומעטיקע אויגן — און עס איז תיכף שטיל געוואָרן, ווי אין אַן אויער. פאַררוקטע אין ווינקעלעך, האָבן די בעטלערס, תמעוואַטע־דרך־ארצדיק, נאָכגעקוקט דעם גבירס איטלעכס העוויה: עפּעס זעט ער היינט אויס שלעכט, דער גביר!.. עס קנייטשט זיך דער פּנים!.. און זיין דאַווענען פאַרן עמוד איז עפּעס אויך היינט אַנדערש ווי אַלע מאָל. דער קול שטילער, דוכט זיך, פאַראומערט...

אָמן, ענטפער אָמן, אַ ניכפּה אין דיר! — האָט איינער געשטורכעט

דעם אַנדערן, וועלנדיק נושא חן זיין ביים נגיד — באַלד וועט מען זיך דאָך שוין זען מיטן גילדן!.. און, ווער ווייס, אפשר קען אים גאָר איינפאַלן טיילן היינטיקס מאָל מער... ס׳האָבן שוין אַ פּאָר מאָל געטראָפן אַזעלכע פאַלן... נישקשה, ער קען געבן, ער קען!..

אָבער וואָס טוט זיך דאָ? ממש נישט צו באַגרייפן! אַן אָפּגעדאַוונטער, לאָזט ער זיך גיין, דער גביר, ווי דער שטייגער, צווישן די צוויי שורות אויסגעשטרעקטע צעפּיבערטע הענט, נעמט זיך אָבער נישט, ווי שטענדיק, צום גראָבן טייסטער, נאָר רעדט עפּעס צו די אָרעמאַנסקע הענט מאָדנע צעפּיצלטע רייד:

— ביז איצט איז, דוכט זיך, אַזוינס קיין מאָל נישט געווען, האַ?.. אָבער פאַרפאַלן... מ׳וועט עס שוין מוזן אָפּלייגן אויף איבער אַ יאָר... גלייבט מיר, אַז איך האָב נישט קיין גראָשן ביי דער נשמה... יע, שווערע, ביטערע צייטן אָנגעקומען, יידן גייען אונטער — און אַ סוף!..

אָט אַזוי האָט דער גביר שטיל, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, גערעדט צו די אויסגעשטרעקטע הענט, נישט באַמערקט, ווי זיי האָבן זיך צעאָדערט ביסלעכווייז, זיך אָנגעהויבן ביילן, לסוף אַראָפּגעשליידערט אים אין טומל די האַרטע הוט פון קאָפּ, און אַ ווילד־פאַרוואָקסענער ייד, מיט בייזע ברע־מען, האָט זיך צעפּאָכעט איבער אים מיט אַ קוליע:

— טאָ וואָס זשע פרייערסטו מענטשן, האַלעדרילע איינער? איבער אַ יאָר־שמאַרעיאָר! מיר קענען שוין די בעל־גאווהשע רייד. ביסט אַ קבצן, ווי מיר אַלע, און דריי נישט קיין ספּאָדעק!..

— אַרויס, חברה שנאָרערס, אַרויס! — האָט ניסן דער אונטער־שמש מיט אַלע כוחות געקעמפט מיט די „צעבונטעוועטע קנעכט". מתפּללים האָבן אים צוגעהאָלפן, דער גאַנצער בית־מדרשל האָט זיך געוויגט. בלויז דער גביר איז געבליבן שטיין אַ פאַרשטיינערטער לעבן פענצטער, זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין שוואַרצן, צעטראָטענעם שניי...

אויף דער „ליבע־גאַס"

ווער האָט זיך עס געקענט פאָרשטעלן, אַז מולקע לין, אָט דער שיינער, אויסגעפּראַנטעוועטער בחור מיטן שוואַרץ־געקרויזטן שויבער, דער ליב־לינג פון דער גאַנצער שטאָט מיידלעך, גייט עס איצט, אינעם זומערדיקן פאַרנאַכט, מיט אַ שדכן, זיך זען אויף דער „ליבע־גאַס" מיט אַ כלה, עפּעס אַ פּראָסטע, קליינשטעטלדיקע מיידל ?.. אַפילו אין דער לינקער פאה האָט עס קיינעם נישט געקענט איינפאַלן...

האָבן טאַקע ס׳רוב מיידלעך, וועלכע האָבן געשטראָמט בעת־מעשה אויפן שפּאַציר אין הינטערשטאַטישן וואַלד אַריין, ווייסע, זומערדיקע, פלאַטערנדיקע מיידלעך, אַלץ באַקאַנטע זיינע, געוואָרפן צו אים אייגעלעך, געצערטלט אים, ווי תמיד, מיט זיסע שמייכלען, און יעדערערס שמייכל איז געפלאָסן אין אַ פאַרנאַכטיק, זומערדיק געבעט:

— אנו, דריי זיך נאָר אָפּ, מולקע, פונעם יידן, מיט וועלכן דו גייסט און שפּרייז צו צו מיר... מירן זיך אַוועקלאָזן וויט־וויט אין וואַלד, עס שמעקט דאָרט איצט מיט טשערעמכע און אָפּגעקאָשעטע היי... פאָלג מיך, קום... מ׳וועט עפּעס אָפּזוכן אַ שטיל, סודותדיק ווינקעלע, און מ׳וועט זיך קושן, קושן !..

מולקע לין האָט אָבער אַפילו נישט בדעה געהאַט זיך אָפּצוטראָגן פונעם שדכן, וועלכער האָט עס אים געפירט אויפן אָרט פון דער „זעונג". דאָס האָט ער זיך אַלץ געקענט שפּילן מיט די שדכנים אַ מאָל, בעת ער האָט געהאַט די „אייזערנע" שטעלע זיינע אין באַנק, אָבער נישט איצט אין קריזיס, בעת ער איז שוין אַזוי לאַנג רעדוצירט און האָט נישט ממש מיט וואָס אַ טאָג איבעצולעבן. קיינער ווייס נישט דערפון, די מיידלעך

שמייכלען נאָך צו אים, פּונקט ווי אין די גוטע צייטן, ער ווייס אָבער יאָ, ווו ער האַלט אין דער וועלט... קיין אַנדער אויסוועג איז אים איצט נישט געבליבן, ווי צו שפּילן זיין לעצטע בחורשע קאָרט, חתונה האָבן מיט אַ מיידל, וואָס זאָל אים געבן חיונה...

ער איז אומעטיק געוואָרן, מולקע, ניין!.. נישט אַזוי האָט ער געחלומט צו פאַרענדיקן זיינע פרייע בחורשע יאָרן — זיי פאַר אַ „שיסעלע" פאַרקויפן!.. אמת, ער גייט נאָך דערווייל נישט חתונה האָבן, ער גייט זיך בלויז „זען", אָבער וואָס איז דער חילוק? וועט ער נישט חתונה האָבן מיט דער, וועט ער זיך פאַרשלייערן מיט אַן אַנדער שטעטלשער קרעמערקע, מיט רויטע אָנגעהאָרעוועטע הענט און קלעצערדיקע פיס... יאָ, אַזוי איז עס!.. קוים האָט ער געשטעלט די ערשטע טריט אויף דער „ליבע-גאַס" הינטערן שטאָט-גאָרטן, ווו די שדכנים פירן צונויף זייערע „קרבנות" — אַזוי איז ער שוין אַ פאַרפאַלענער... קיין צוריקקער איז שוין פון דאַנען נישטאָ!..

די ציטערנדיקע, פאַרבענקטע טענער, וואָס דער גאָרטן־אָרקעסטער האָט געגאָסן אינעם שטילן, בלוי־געפאַרבטן בין־השמשות, האָבן אים נאָך אומעטיקער געמאַכט, געצופּט ביים האַרצן נישט איבערצוטראָגן... מאָסן מענטשן האָבן זיך דאָ געדרייט אַרום די הויכע, אייזערנע שטאַכעטן פון שטאָט־גאָרטן, נישט געהאַט קיין צען גראָשן אויף אַ בילעט. די מער „גליקלעכע" האָבן זיך, ווי די פליגן, געקלעפּט צום נידעריקן, שמאָל־געמויערטן פונדאַמענט פון צוים, זיך איינגעאָרדנט דאָ ווי עס איז מיט אַ האַלבן געזעס און זשעדנע געשלונגען פון יענער זייט גאָרטן אַ ביסל ריינע לופט און אָפּגעריסענע מוזיק־טענער.

צווישן „גליקלעכן" איינגעזעסענעם עולם, מיט די איינגעהאָרבע־וועטע פלייצעס, האָט מולקע פּלוצעם באַמערקט זיין אַמאָליקן חבר ניימאַן; ער איז געזעסן איינגעקוועטשט צווישן צוויי צעבראַשטשעטע ווייבער, אָנגעשפּאַרט דעם אויסגעקראָכענעם קאָפּ אויףביידע דלאָניעס. ווי לאַנג האָט ער אים שוין נישט געזען, אָט דעם חבר זיינעם? שוין דריי יאָר אפשר! יאָ, זינט ער האָט חתונה געהאַט, ניימאַן, און זייערע וועגן זענען

זיך פונאַנדערגעגאַנגען. איצט אָבער?.. איצט האָט עס אים אַ צי געטאָן צום איינגעהויקערטן, פאַרטראַכטן חבר מיט אַ מאָדנעם כח... יענער האָט אַזש אַ ציטער געטאָן פון זיין צו־שטאַרקן חברשן קלאַפּ אין פּלייצע:

— וואָס זשע מאַכסטו עפּעס, ברודערל ניימאַן?

— וואָס זאָל מען מאַכן, וואָס? — האָט ניימאַן אַ הייב געטאָן צו אים אַ מידן, פאַרוואַקסענעם פּנים — מ'איז אויף צרות, ברודער, אַ ים מיט צרות... אָט דיר, מולקע, איז גוט... ביסט נאָך אַ בחור, ווייסטו נישט פון דעם אַלעמען — ווייב, קינדער, חיונה!..

— האָסט דאָך, דוכט זיך, נישט שלעכט חתונה געהאַט! — האָט מולקע מיטליידנדיק געקנייטשט דעם שיינעם שטערן זיינעם און זיך איינ־געגעסן אין חבר מיט די אויגן, ווי אַן אויספאָרש־ריכטער...

— וואָרעם ווער האָט דיר געזאָגט, אַז איך האָב שלעכט חתונה גע־האַט? — האָט זיך ניימאַן מיט אַ געבייזער אַ הויב געטאָן פון אָרט — מ'רעדט דאָך אָבער, ווי עס האַלט איצט די לאַגע... און אַז איך האָב שוין גענומען אַ נדן, האָב איך עס שוין נישט געקענט, מיינסטו, צעפּטרן און בלייבן נאָך דערצו שולדיק פאַר שטייערן?.. האָב איך דאָס ווייב מיטן קינד אָפּגעשיקט צו איר מאַמען אין שטעטל, זופן דאָרט דעם שיטערן קרופּניק, און אַליין זיץ איך דאָ און האַרך, ווי איז צו מיר, מוזיק!.. עך, וואָס ווייסטו, מולקע! ביז שפּעט ביינאַכט זיץ איך דאָ אַזוי אָפּ הינטערן פּאַרקאַן... וואָס זאָל איך טאָן? אַז פון שטוב טרייבט עס מיר, ווי פון אַ גיהנום... דאָס ווייב מיטן קינד נישטאָ, די נייע מעבל האָט דער קאָמאָרניק צוגענומען, — קען מען נישט פון זינען אַראָפּ, האַ?..

מולקע איז געשטאַנען ווי אַ פּריטשמעליעטער, די אויגן גרויס, פאַר־גלעזערט, און מיט אַ מאָל האָט ער אַ קער געטאָן צום שדכן אַ פאַרענדערט פּנים:

— איך גיי נישט!.. איר הערט, וואָס איך זאָג אייך? איך גיי זיך מער נישט זען מיט קיין כלות — און אַ סוף!..

— וואָ־ס? — האָט דער ייד אויסגעצויגן דעם וואָס לאַנג ווי אַ תחום־שבת און געוויגט מיט די הענט, ווי אַ ווינטמיל — איר וועט נישט גיין?

לאָמיר טאַקע זען, ווי איר וועט נישט גיין!.. האָסט געהערט אַ ביסל? אַ מיידל קומט אַראָפּ פון שטעטל, מאַכט הוצאות, און ביי אים איז רעכט, נעמען איר פּלוצלונג און פאַרשעמען... זאָגט נאַר, יונגער־מאַן, מיט וואָס נעמט איר זיך עס אַזוי איבער — מיט דער שטעלע, וואָס איר האָט נישט?...

— גיי, נאַרעלע, גיי! — האָט אים ניימאַן, ווי אַן עלטערער, פאַר־ליטענער ברודער, אומעטיק געגלעט איבערן אַקסל — צו וואָס טאַקע פאַר־שעמען אַ יידישע טאָכטער? עס וועט דאָך דיר סיי ווי נישט מיידן!..

אַ פידעלע איז זיך דין־דין פאַרגאַנגען אין גאָרטן, געוויינט און גע־צויגן ס׳חיות פון די ביינער, ווי ס׳וואָלט געשפּילט אַ „כלה־באַזעצעניש" ערגעץ אין אַן אָרעם, פאַרוואָרפן, יידיש שטעטל...

אויף פסח אַהיים

דורך די פּייכטע שויבן פונעם האַלב־ליידיקן אויטאָבוס, וועלכער האָט אים געפירט אויף פּסח אין זיין היימשטעטל, האָט שלמה מילער אַרויסגעקוקט צו די שוואַרצע, פריליגגדיקע פעלדער, געקוקט אויף דער האַלב־חודשדיקער לבנה, וועלכע האָט גוזילבערט דעם היימישן שאָסיי מיט איר ווייסן, ערב־פּסחדיקן שיין, און ס׳האַרץ איז אים שיר אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט און פאַרדראָס.

שוין מער ווי צען יאָר, אַז ער איז אין דער היים אויף יום־טוב נישט געפאָרן! וויפל ליכטיקע פרייד האָט ער עס פאַרשפּילט, אויף אייביק פאַרשפּילט... און דער טאַטע זיינער, דער אַלטער, פשוטער, האָרעפּאַשנער מילנער, פלעגט זיך דאָך אַזוי בעטן ביי אים אין זיינע בריוועלעך מיטן דראָבנעם כתב:

„בני יקירי, קום למה״ש צו פאָרן על חג הפּסח הבא עלינו לטובה, די מיל האָט מען שוין געכּשרט, דער וואַסער אין נורעץ שטייגט, וגם אחיך זעליג עם בני־ביתו לאָזן דיר גריסן צום בעסטן געזונט. ווייסט דאָך, אַז זינט די מאַמע ע״ה איז אָפּגעשטאָרבן, בין איך צוזאַמען מיט זעליגן, און מער ווי אייךביידן האָב איך נישט. טו זשע מיר צו ליב און קום צו פאָרן אויף יו״ט״...

אָט אַזעלכע פשוטע, אָבער רירנדיקע בריוועלעך פלעגט אים דער טאַטע שיקן יאָר איין, יאָר אויס, און ער — דער אויפגעקומענער גביר — האָט זיך אַפילו רעכט נישט אומגעקוקט דערויף, אַדורכגעלאָפן איבער דעם מיט אַ ביטולדיק שמייכעלע און אין אַ מינוט אַרום געקלערט שוין וועגן אַנדערע זאַכן. פע, נישט שיין!.. אָבער אין גאַנצן שולדיק איז ער אויך

נישט געווען. דער קאָפּ האָט זיך באמת געקענט פאַרדרייען פון אַזאַ אומ־געריכטער גדולה, פון אַזאַ בליץ־שנעלער קאַריערע! געקומען אין שטאָט מיט דעם ביסל געלט, וואָס ער האָט געמאַכט אין שטעטל בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, איז ער דאָ אין משך פון אַ גאָר קורצער צייט געוואָרן דער קעניג פון דער בירזשע, אַ שותף צו די גרעסטע אונטערנעמונגען אין שטאָט. „דער פינאַנס־דיקטאַטאָרל" — האָט מען אים אין שפּאַס אַ נאָמען געגעבן, אָבער געבויגן און זיך געקנייטשט פאַר אים האָבן דאָ אַלע אויף דער אמת... אַלץ האָט צו אים אין גאַס חניפהדיק געשמייכלט: די רייכסטע פאַבריקאַנטן, די העכסטע מויערן, די שענסטע פרויען... וויפל ליבעס, גאָלד־באַרעגנטע ליבעס האָט ער עס געהאַט! ווילדע נאַכט־הולאַנקעס אין רעסטאָראַנען, שוימיקער שאַמפּאַניער, דזשאַז...

נו, איז אַ חידוש, וואָס ער האָט אַדורכגעלאָזן די פּסחדיקע נסיעות צום טאַטן אין מיל אַריין? ער האָט גרעסערע זאַכן אַדורכגעלאָזן!.. באַטויבט פונעם גערויש פון די קנאַקעדיקע אַסיגנאַציעס, וועקסלען און אַקציעס, האָט ער דערווייל דורכגעלאָזן דעם גאַנצן לעבן זיינעם, ווייסע כלות, שטילע, נישט־געפּעלשטע פרייד — אַלץ פאַרברענט מיט די אייגענע הענט, צום טייוול פאַרקויפט... און איצט, אַז ער האָט זיך געכאַפּט, איז שוין נאָך אַלעמען! וואָס איז ער איצט? אַן אַלטער בחור, אַ צעבראָכענער, אָן מוט, אָן לעבן און... אָן אַ גראָשן ביים לייב. געקראַכט שלמה מילער, און זאָל עס עמעץ פון די סך פריינט און פּלייצע־קלאַפּערס קומען צו הילף, כאָטש אַ שטעלע געבן — אַ נעכטיקער טאָג! קיינער דערקענט אים שוין גאָר־נישט! אַ גליק כאָטש, וואָס ס'איז נאָך דאָ אַן אַלטער טאַטע, אַ מילנער, צו וועמען מ'קען זיך נאָך צוטוליען אין אַן עת־צרה. ער פאָרט צו אים כלומרשט אויף פּסח, ביי זיך ווייס ער דאָך אָבער, אַז ער וועט שוין בלייבן אין מיל אויף שטענדיק... די שטאָט האָט אים אויסגעשפּיגן פון זיך, אויסגעזויגן ווי אַ לימענע און אַרויסגעוואָרפן...

אָבער ס'מאַכט נישט אויס!.. די אַלטע היים, די וואַסער־מיל, וואָס האָט אים אויסגעהאָדעוועט, וועט צוריק אַלץ גוט מאַכן. מיט וואָס פאַר אַ פרייד וועט ער עס צופאַלן צו דער מילנערישער אַרבעט, פּונקט ווי אַ מאָל,

יינגלוויז, ווען ער פלעגט פאַרשיטן די קאָרן אויפן קאַש, קומענדיק פון חדר... און אויפן ברייטן פלאַץ הינטערן מיל, ווו ס׳וואַלגערן זיך די אַלטע צעבראָכענע רעדער, וועט ער מאַכן אַ גערטל, אַליין אים צעגראָבן און פאַרזייען דאָרט די שענסטע צמחים, וואָס ער האָט ליב — מאָן און זון־בלומען... יע, און אַ באַנק וועט ער דאָרט אַוועקשטעלן, מ׳זאָל קענען אַ מאָל פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, אַ ביסל לייענען — ער האָט דאָך אין שטאָט די גאַנצע צייט כמעט ווי גאָרנישט געלייענט... פאַרגרעבט געוואָרן, אַז ס׳איז פשוט אַ חרפה פאַר לייטן !..

אָט אַזוי האָט ער געחלומט, דער אַלטער בחור שלמה מילער, אינעם האַלב־ליידיקן אויטאָבוס, איינגעדרימלט צו ביסלעך אונטער דער טרייס־לעניש פונעם צעפאָרענעם, קרעכצנדיקן „פאָרדל״ און געזען שוין מסתמא אין שלאָף דעם גערטל אַ צעבליטן. משה חיים, דער סעמיאַטיטשער קאָנ־דוקטאָר, האָט אים אַרום האַלבע נאַכט, ביים אָנקומען אין שטעטל, קוים דערוועקט...

*

די הרעבליע האָט דעם גאַסט דווקא פיין אויפגענומען, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. אַ ווינטל האָט פונעם וואַסער אַ בלאָז געטאָן, און די אַלטע, נאַקעטע ווערבעס האָבן זיך צעשאָקלט, באַגריסט, דוכט זיך, שלמהן, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן. — ווייזט אויס, אַז זיי האָבן מיר יע דערקענט — האָט ער גע־פרווט שמייכלען צו זיך אַליין; געוואָלט פאַרטרייבן דעם פלוצעם־באַ־פאַלענעם אומרו צוליב דער נאָענטער באַגעגעניש מיט די שטוביקע נאָך אַזוי פיל יאָרן.

אויך דער שטראָמיקער וואַסער, באַגאָסן מיט ערב־פסחדיקן לבנה־שיין, האָט פלוצעם אַ שלאָג געטאָן צום ברעג, געוואָלט אַנטקעגנלויפן דעם אורח, נאָר די הויכע, אָנגעשאָטענע הרעבליע האָט אים, נעבעך, פאַר־האַלטן, האָט ער כאָטש באַגלייט שלמהן מיט אַ פריידיקן געברום, ביז אין סאַמע מיל אַריין.

אָבער דערפאַר איז דער קבלת פנים אין שטוב געווען גאָרנישט קיין

געהויבענער... דער טאַטע וואָלט זיך מיט אים אוודאי געפרייט, איז ער אָבער געלעגן אַן עובר־בטלדיקער אויפן לאַנגן אויוון און אים אַפילו נישט דערקענט — די ניינציק יאָר האָבן אים, ווייזט אויס, פאַרט אונטער־געבראָכן, דעם ריזיקן דעמב. און דער ברודער זעליג? ניין... ער וואָלט קיין מאָל נישט געגלויבט, אַז אָט דער מגושמדיקער, רויט־באָרדיקער ייד מיט די שווערע בערן־טריט איז עס דער אַמאָליקער בלאָנדער, גוטמו־טיקער זעליגל, מיט וועלכן ער פלעגט זיך גאַנצענע טעג פליושקען אין טייך! וואָס פאַר אַ שפּיציקע, שנאהדיקע בליקן וואַרפט ער עס אויף אים פון אונטער דעם גרויסן, באַראַשקענעם היטל, און אויפן פנים — די טעמפּע פאַרהאַרטעוועטקייט פון אַ פּויער, וועלכער איז גרייט צו קעמפן פאַר זיין אייגנטום מיט אַ קאָסע אין דער האַנט.

ווי האָט ער עס שוין דערשמעקט, זעליג, אַז ער, שלמה, האָט בדעה זיך אין מיל צו באַזעצן?.. מסתם האָט עס די דערשלאָגנקייט זיינע אויס־געזאָגט. און איידער וואָס ווען פאַלן שוין ווערטער, ווי שווערע האַמערס אין דער לופט:

— הער נאָר, שלמה, אויב דו ביסט געקומען אַהער נאָך ירושה, האָסטו, במחילה, אַ גרויסן טעות!.. איך האָב דער מיל מיין לעבן אַוועק־געגעבן, נייע וואַלצן אַריינגעשטעלט, געמאַכט פון איר אַ לייט און כ'וועל זיך מיט קיינעם נישט טיילן!.. אַ פסחדיקער גאַסט — אַדרבא ואַדרבא, אָבער בלייבן דאָ אויף שטענדיק — קיין מאָל אין לעבן נישט... גיי זיך, ברו־דערל, פון וואַנען דו ביסט געקומען!..

שלמה האָט געוואָלט עפּעס אָפּענטפערן, די ווערטער האָבן זיך אים אָבער אין האַלדז געשטעלט, נישט געוואָלט פון דאָרט בשום אופן אַרויס־קריכן... איז ער גיך אויפן גאַס אַרויס, אַרומגעשפּרייזט מיט גלעזערנע אויגן, ווי אַ נאַכט־וואַנדלער, הינטערן מיל צווישן אָנגעוואָרפענעם כלאַם פון די אַלטע צעבראָכענע רעדער, געפילט, ווי דער מוח זיינער ווערט פאַרברענט פון איין און דער זעלבער מחשבה:

— אָט דאָ האָט עס געזאָלט זיין דער גערטל מיינער, דער גערטל מיינער!..

אַ גאַסט פון אמעריקע

דער שבת־בייטאָגיקער צעכראַשטשעטער וואַלד האָט זיך פּלוצעם אַ וויג געטאָן; נישט מיטן הויפּט־וועג, נאָר מיט דער הינטנאַרומיקער גראָזיקער שטעגעלע, וואָס פירט פון די אָרעמע יידישע געסלעך, האָט זיך באַוויזן דער אַמעריקאַנער, מיטן העלן אַנדערשדיקן הילוך זיינעם און מיט דער בלוט־רויטער צעפלאַטערטער בינדע.

— אָט גייט ער!.. אָט גייט ער! — האָט זיך אַ געמורמל דורכגעטראָגן צווישן עולם, ווי אַ ווינט צווישן צווייגן. ווייבער אין די בלויזע אונטער־קליידלעך האָבן זיך געכאַפּט אין געאייל פאַרשטעקן ערגעץ צווישן די בוימער די טעפּלעך טשאָלנט, וואָס זיי האָבן, ווי תמיד, מיטגעבראַכט אַהער פון שטוב, כדי צו עסן עס דאָ געמיטלעך אויפן גרינעם גראָז, און פאַר־שוויצטע, פונאַנדערגעשפּילעטע מאַנסבילן, וואָס זענען מיט אַ מאָל געבליבן זיצן ווי גולמים מיט די בלעכענע לעפל אין די הענט, האָבן זיך לייכט געבייזערט אויף זייערע שעמעוודיקע יידענעס:

— קוקט נאָר אָן, ווי זיי האָבן זיך עס צעיאַכמערט אַ ביסל! וועמען האָבן זיי דאָ דערזען? יאַנקעלע דראָנג האָבן זיי דערזען! שימעלע בוצס שמייסער און דעם אַמאָליקן מאַרעוויכער פון קרייטשאַקס געסל! אַ קליי־ניקייט!.. פּפש... פּפש...

דער אַמעריקאַנער, אַ הויכער, אַ ברייטער, מיט אַ פּאָר גרויע, אַרומ־לויפנדיקע אייגעלעך און אַ ביסל צוגעפּלאַטשטעטער נאָז, איז נישט גע־גאַנגען אַליין. ווי אַן ערן־וואַך, האָבן אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן קרובים, אָן אַ שיעור קרובים. באַיאָרנטע בעלי־עגלות און טרעגערס און וועגעלעך־פירערס האָבן זיך שווער געוויגט מיט אַ צעוואָרפענעם פייערלעכן

טראָט. אָקעגן זשע האָבן די ווייבער זייערע, אין שוואַרצע שבתדיקע שאַלן, אונטערגעטענצלט פון גרויס נחת, פאַרלאָפּן אַלעמען דעם וועג. די קנייטשן אויף זייערע אויסגעמוטשעטע פּנימער האָבן געלויכטן, און פון די מויל־ווינקלען האָט אַ שטילע גאווה ארויסגעוווּנקען צום גאַנצן עולם ארום: נאָט, זעט, דער אַמעריקאַנער איז טאָקע אונדזערער, אונדזערער... און איר קוקט אונדז אָן און פּלאַצט באַדאַי פון קנאה!..

באָרוועסע, אָפּגעריסענע קינדערלעך זענען נאָכגעלאָפן, ווי מעקענדיקע שעפּסעלעך, — אויך מיטגלידער פון דער משפּחה. בלויז איין שימעלע בוק, דער אַלטער, טויבער בעל־עגלה מיט די פאַרזשמורעטע, יאַטערדיקע אויגן, וועלכער איז געגאַנגען פוס אין פוס מיטן אַמעריקאַנער, האָט נישט אָנגעהערט צו דער פאַרצווייגטער משפּחה פון די דראָנגעס. אים איז דאָ בייגעשטאַנען אַן אַנדער זכות:

ביי אים, ביי דעם אַ מאָל רייכן בעל־עגלה, האָט עס דער אַמעריקאַנער מיט אַ יאָר אַכצן־צוואַנציק צוריק, זייענדיק אַ שמייסער, זיך צוגעקראָגן איין מאָל צום פולן שופלאָד מיטן זילבער־געלט, האָט דאָרט נישקשהדיק אַ ראַם געטאָן און איז אַנטלאָפן פאַר דעם געלט קיין אַמעריקע. קען ער עס אים איצט, דער אַמעריקאַנער, גאָר די טובה נישט פאַרגעסן! ווי נאָר ער איז נעכטן, פרייטיק פאַרנאַכט, דערציילט מען, געקומען פון באַן, אַזוי האָט ער זיך ס׳ערשטע נאָכגעפרעגט אויף זיין אַמאָליקן באַלעבאָס, שימעלע בוק, געלאָפן צו אים אין שטיבל געוווּר ווערן, וואָס ער מאַכט, און איצט גייט ער עס מיט אים אין היימישן וואַלד, הערט אים נישט אויף צו קוקן אין די אויגן אַריין.

די מאַנסבילן אויפן גראָז האָבן דאָך געהאַט געכעסט אויף די יידענעס, הלמאי זיי האָבן אויפגעראַמט די טשאָלנטן, זיך געכראַברעט: „יאַנקעלע דראָנג״... „מאַרעוויכער״ — און אַז דער אַמעריקאַנער איז דאָ אָנגעגאַנגען, זענען זיי אויך געבליבן זיצן מיט אַרויסגעכמאַליעטע, דרך־ארצדיקע אויגן און נישט געקענט אַ וואָרט אַרויסרעדן, — פאָרט אַן אַמעריקאַנער!..

אַ גליק, וואָס „מאָטיע די באָרד״, דער קליינער פאַרוואַקסענער יידעלע, וואָס שטייט מיטן וועגל אויף גומיענער גאַס, האָט זיך אָנגענומען מיט מוט,

איז אַרויסגעלאָפן, ווי אַ וועוורקע פון גראָז, דורכגעריסן זיך מיט מסירת־נפש דורך דער „סוויטע" און איז אַרויפגעפאַלן דעם אַמעריקאַנער אויפן האַלדז, אַזש דער וואַלד האָט געקלונגען פון זיינע כראַמטשעטשענדיקע קושן:

— יאַנקעלע, „טאָוואַרישטש" (חבר) מיינער, וואָס מאַכסטו? יאַנקעלע, וואָס מאַכסטו?..

געזען, אַז דער פראַנט איז דורכגעבראָכן, האָבן זיך שוין די איבעריקע אויך אַ ריר געטאָן. וואָסי? זיי זענען דען מיט אים קיין חברים נישט געווען? פון אַלע זייטן זענען געקראָכן בערישע יידן מיט פאַרלעגענע שמייכעלעך און מיט זיך נאָכבאַמבלענדיקע בענדלעך פון גאַטקעס. זיי האָבן זיך אויך געשמאַטשקעט מיטן אַמעריקאַנער אין די פּיסקעס, און „מאַטיע די באָרד" האָט זיך פּלוצעם צעלאָזן מיט זיין גאָרגלדיק קולכל:

— ווייבער, איר קענט שוין אַרויסוויקלען די טשאָלנטן פון די שמאַטעס! נישטאָ זיך וואָס צו שעמען, נישטאָ... און לאָמיר טאָקע אונדזער אַמעריקאַנער אויך מכבד זיין מיט אַ ביסל „פּאָסטנע" קאַרטאָפליעס! — וועסט עסן! וועסט עסן!

ער האָט אַ נעם געטאָן דעם אַמעריקאַנער אונטערן אָרעם, צוגעפירט אים צום בערגל, וווּ די ווייבער האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פּאָרען אַרום די טעפּלעך. דער אַמעריקאַנער האָט זיך אָבער געווערט מיט אַן אומעטיקן גלאָנצל אין די גרויע אויגן:

— וואָס פאַר אַ עסן? ווּעמען קריכט עס אין האַלדז איצטער עסן? דו זאָג מיר בעסער, ברודער־מאָטיע, וווּ איז דאָ ערגעץ דער „גרינער וועג", וווּ מיר פלעגן גיין שבת מיט באַלאַלאַיקעס? איך דערקען דאָך נישט אונדזער וואַלד, דערקען איך דאָך נישט... וואָס האָט מען דאָ געמאַכט פון אים? מ'האָט דאָך אים צעכיטשקעט צו אַלדי־רוחות! און אפשר קענסטו געפינען, ברודערל, דעם צעפוילטן דעמב, וווּ מיר פלעגן באַהאַלטן אַ מאָל די געגנבעטע זעקלעך פון באַן?.. עך, מאָטקע, מאָטקע!.. ס'האַרץ גייט אויס אין מיר פון בענקשאַפט, און די דרייסט מיר אַ קאָפּ מיט עסן... אָט אַ קאַלטן טרונק, זעסטו, יע! עס ווערגט עפּעס אין האַלדז, ס'טריקנט!..

דער שוואַרצער יידל, וואָס דרייט זיך אַרום אין וואַלד מיטן „קאַלטן

טרונק" אויפן קאָפּ, האָט שוין געהאַט דעם טאָג אַ גוטן פּדיון... אָן הענט איז ער ממש געבליבן, טיילנדיק דעם גאַנצן עולם גלעזלעך וואַסער מיט ציטרין, וואָס דער אַמעריקאַנער האָט געהייסן געבן אויף זיין חשבון. גאָר אַז עס איז געקומען די ריי צו שימעלע בוץ, האָט ער פאַרזשמורעט, דער אַלטיטשקער, די קאַליע אויגן זיינע און זיך פאַרקרימט:

— עפּעס ביסטו מיר גאָר קאַליע געוואָרן, יאַנקל!.. וואָס טיילסטו אונדז? וואַסער טיילסטו אונדז? אַ שיינע מעשה, כ'לעבן!.. דו הייס בעסער ברענגען פון שטאָט אַ טרונק בראַנפן, וועט מען וויסן, אַז מ'לעבט אויף דער וועלט... העי, יאַנקל! יאַנקל!..

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען שוין אַ פּאָר באָרוועסע יאַטלעך געלאָפן מיט אַ קאָשיק איבערן זאַמדיקן וועג. אַ לייכטער שטויב האָט זיך גע־מיניעט אויף דער ליכטיקער שבתדיקער זון, און דער עולם איז געזעסן אַרום אַמעריקאַנער מיט צעגלאַנצטע אויגן און זיך דערציילט מעשיות פון אַמאָליקע טעג.

אין ראש־השנה־טעג

אַ מאָל, מיט יאָרן צוריק, אין דעם היימשטעטעלע, פלעגט מיך דער ציטערנדיקער, פאַרבענקטער שופר־קלאַנג אויפוועקן אין די אלולדיקע באַגינענס. דאָ, אין דער פרעמד, האָט מיך אינעם רעגנדיקן פרימאָרגן אויפגעריסן פון שלאָף אַ הויכע בייזע קריגערײַ צווישן דער באַלעבאָסטע פון מיין צימער מיט מאַניטשקען, איר שיין יונג טעכטערל, וועלכע האָט זיך די טעג אומגעקערט פון דאַטשע.

— אהאַ, איך האָב געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט קיין דאַטשעס! — ליאַרעמט די מאַמע מיט איר מאַנסבילשן קול, פאַרגעסנדיק אין גאַנצן, אַז דאָס ווענטל פון מיין צימער איז אַזוי דין.

מאַניעטשקע, אַפּנים, געדענקט עס אָבער יאָ, ווייל זי וויינט אַזוי שטיל און פאַרשטיקט, אַז קוים וואָס מען קאָן הערן. זי האָט, ווייזט אויס, פאַרנורעט איר זוניק, אָפּגעברוינט פּנימל אין קישן...

איך ווייס אָבער סיי ווי די געשיכטע פון דער קריגערײַ און געוויין אינעם אלולדיקן פרימאָרגן:

פאַר די פינף און צוואַנציק דאָלער, וואָס אַ קרוב פון אַמעריקע האָט זיי נישט לאַנג געשיקט, האָט די מאַמע געהייסן מאַניעטשקען מאַכן זיך דורך אויס אַ מאַנטל. מאַניעטשקע האָט געהאַלטן פאַר גלייכער, צו פאָרן פאַר דעם געלט אויף אַ חודש אין די בערג, געהאָפט אויף עפּעס... און איצט, צוריקקומענדיק פון דאָרט, האָט זי נישט קיין קליידל אויף איר ברוינעם לייב...

האַלטן זיי זיך צוליב דעם אין איין גריזשען, די מאַמע מיט דער טאָכ־טער, אפילו באַגינען. איך טוליע אויך מיין קאָפּ אין דעם מאָגערן היי־

מישן קישן, כדי נישט צו הערן מאַניעטשקעס געוויין. איך האָב זי אין דער שטיל ליב, דאָס מיידל, און ווען זי איז געווען אויף דאַטשע, האָב איך נאָך איר אויפריכטיק געבענקט.

*

גיי איך שוין ארויס אויפן גאַס מיט אַ שווער געמיט, און איטלעכס פאַרבראָנדזעוועטע מיידל, וואָס איך באַגעגן, דאַכט זיך מיר רק, אַז זי האָט געדאַטשעוועט אויפן חשבון פון איר מאַנטל און באַלד אין דער פרי קריגט זי זיך מיט דער מאַמען און וויינט...

ווער ווייסט?

און נאָך עפּעס פאַרקלעמט אַזוי שווער דאָס האַרץ:

דאָס ברוין־מיידלשע לייב דערמאָנט נישט־ווילנדיק אין וואָכן־לאַנגער זאָרגלאָזיקייט, צעכוואַליעטער יוגנטפרייד אין שטילע סודותדיקע וואַלד־ווינקעלעך, ווּהין דו קלויבסט זיך פאָרן יעדן זומער, נאָר צוליב „סודות פון מאַטעריעלן כאַראַקטער" קאָנסטו זיך אַלץ נישט דערקלייבן...

איצט איז שוין סתם שפּעט!.. מער שאָטן ווי ליכט, און אַז די זון קריכט אַפילו יאָ אַרויס פון די גרוילעכע וואָלקנס, האָט שוין אויך אַ פּנים פון חוזק דער גוי מיט זיין קעסטל „מאָראָזשענע" (אייזקרעם) און דער ייד מיטן קרוג געפאַרבטע וואַסער אויפן אַקסל, וועלכער שרייט, „אַ קאַלטן טרונק" מיטן ניגון פון ימים־נוראימדיקן קדיש...

דער שמייסיקער רעגן שפּילט אַן אמתע צו להכעיס־שפּיל מיט די ווייבער אויפן מאַרק: אַ ווײַלע הערט ער אויף און אין אַ מינוט אַרום צע־טרייבט ער זיי ווידער מיט די קוישן צעפּוילטע פּרוכטן. אַ ווינטל טרייסלט די ביימער־שפּיצן, בלעטלעך פאַלן, און ס'האַרץ פאַרדריקט נאָך שטאַרקער:

— נאָך אַ גאָלדענעם זומער פאַרשפּילט... אָן פרייד, אָן זון, אָן ליבע!..

*

אָבער ווייזט אויס, אַז נאָך נישט אַלץ איז פאַרשפּילט!.. פאַרנאַכט, ווען עס לויטערט זיך אויס אַ ביסל און די זון זעצט זיך שטיל, פלאַמיק, גאָר מעשה־זומער, פאַלט צו מיר צו מאַניעטשקע, איך זאָל גיין מיט איר אין

אַלטן שטאָטישן פּאַרק זעו דעם זון־אונטערגאַנג הינטער די הויכע ליפּעס. אין די בערג, זאָגט זי, האָט זי זיך איינגעוווינט צו די פּרעכטיקע זון־אונ־טערגאַנגען און זי קאָן זיך דערפון נישט באַפרייען...

זי נעמט מיך דערביי אַזוי היימיש אונטערן אָרעם און די שיינע גלאַנ־ציקע מאַנדל־אויגן שמייכלען צו מיר מאָדנע זיס, צוזאָגנדיק, ווי קיין מאָל נישט... עס טראַכט זיך, נישט־ווילנדיק: יאָ, אין די בערג ווערט מען עפּעס אַנדערש... פרייער, צוגעלאָזענער...

און אָט שפּרייזן מיר שוין איבער די ברייטע אַלייען פונעם אַלטן בראַניצקי־פּאַרק. ס׳איז באמת שיין; די בלאָנדע הויכע ביימער זענען ארומ־געכאַפּט ווי פון אַ שריפה. אָבער ווער האָט עס אין זינען צו קוקן דערויף? די פיס פאַרנעמען זיך פון זיך אַליין צו דער האַלב־טונקעלער, סודות־פולער „ליבע־אַלייע״. מיר זעצן זיך אויף אַ טיף־אַריינגערוקטער, פאַרשטעל־טער באַנק, און איך שעם זיך אַזש פאַר מאַניעטשקען, פאַר וואָס איך ציטער אין גאנצן פון נישט־אויסגעלאָדענער זומערדיקער בענקשאַפט...

וואָס איז דער וווּנדער? אַז פון איר יונגן בויגיקן גוף גייט אויף אַזאַ פרישער ריח פון מאַלינעס און דער אָפּגעברענטער נאַקן איז ווייך, ווי סאַמעט! זי שאָקלט ווילעריש מיט אירע שיינע שלאַנקע פיס אין די געלע אַנגעהויפטע בלעטער, זי פלאַפּלט און דערציילט מיר אַלערליי ניסים פון איר דאַטשע און איך פיל, אַז זי ווערט ביסלעכווייז ארומגענומען מיט אַ ציטער, פונקט ווי איך...

אָבער פּלוצעם טוט זי זיך אַ הייב פון אָרט: — איר ווייסט? שוין גוט קאַלט! — טוליעט זי זיך צאַרט אינעם קורצן, זומערדיק אָפּגעטראָגענעם מאַנטל, לאָזט זיך גיך, אין די העלע שיכלעך, צום אַרויסגאַנג און פון הינטער די פאַרלאָזענע געדיכטע קוסטעס לאַכט פון מיר, דאַכט זיך, עפּעס אַן אומגעזעענער האַרבסטיקער פּאַיאַץ:

„דאָס האָט זי געציטערט פון קעלט און נישט פון ליבע״...

ריחות פון פרישן געהילץ

אַלץ אין שטעטל פרייט זיך, אינעם ליכטיק־צעבליטן זומערדיקן פאַר־נאַכט, מיטן חנוכת־הבית פונעם נייעם הילצערנעם בית־מדרשל אויף דעם נייעם שול־הויף.

צעפלאַמטע יידן און יידענעס, חדר־ייִנגלעך און מיידלעך, אפילו קינ־דערלעך ביי מאַמעס אויף די הענט פילן אָן פון ברעג ביז ברעג דעם נייעם בנינדל, וואָס שמעקט מיט קדושה און פריש געהילץ, פילן אָן דעם גאַנצן רחבותדיקן באַגראַזטן שול־הויף, שפּרינגען אונטער יעדעס מאָל און פּאַטשן צו מיט די הענט צום טאַקט פון די פריילעך־באַנגע יידישע ניגונים, וואָס טוביה קלעזמער, מיט זיין קאַפּעליע, ברייטלעך צעזעצט הינטער דער בימה, דערלאַנגט איינס נאָך איינס מיט דער פולער האַנט.

נישט געקוקט, וואָס דער פאַרנאַכט איז אַזאַ ליכטיקער, פונקט ווי עס וואָלט נאָך געווען גרויסער טאָג אין דרויסן, ברענט און בלענדט לעבן ארון־קודש דער בליץ־לאָמפּ אויף בענזין, וואָס מען האָט לכבוד דער שמחה עקסטראַ אַראָפּגעבראַכט פון דער גרויסער שטאָט. רייסן זיך אַהער צו מחנות פליגן דורך די ברייט־צעעפנטע פענצטער, דרייען זיך ארום שיין אויף און אָפּ, ווי אין אַ מצווה־טענצל, זשומען, דאַכט זיך, אַ ספּעציעל זמרל לכבוד דעם חנוכת־הבית...

אַלץ פרייט זיך, בלויז שלמה ביטקעווער, דער הויכער שוואַרץ־באָרדי־קער ייד מיטן ענערגישן פאַרבראַנדזעוועטן פּנים, דער רייכער סוחר פון ראַדאָם, וועלכער האָט דאָ די גרויסע אָסטאַשער וועלדער אַרום שטעטל, וואָס ער האָט אָפּגעקויפט ביים גראַף פאַר 150 טויזנט רובל — בלויז ער זיצט אומעטיק, פאַרטראַגן, ביים אויבנאַניקן טיש לעבן ארון־קודש, צווישן

רב און דיין, ווי ער וואָלט געווען עפּעס אַ נישט־דאַיקער, אַ פרעמדער צו דער גאַנצער שמחה.

און אין דער אמתן איז שלמה ביטקעווער אפשר דער הויפּט־מחותן אויפן חנוכת הבית, מחמת דאָס גאַנצע געהילץ פאַרן מקום קדוש האָט ער געשענקט פון זיינע וועלדער. געשענקט די שענסטע, אויסגעקליבענע בערוועגעס און באַצאָלט אַפילו די „פאַרמאַנקע״, ס'הייסט די גויים, וואָס האָבן געפירט דאָס געהילץ פון וואַלד אין שטאָט אַריין.

אָט דערציילט עס טאַקע איצט דער רב אין זיין פייערלעכער דרשה. גיט איבער מיט אַ ניגון דעם גאַנצן פאַרלויף דערפון, ווי אַזוי ער, דער רב, מיט אַ פּאָר חשובע באַלעבאַטים האָבן זיך איין מאָל אויסגעקליבן אין וואַלד אַריין צו ר' שלמה ביטקעווער, ער זאָל זיך באַטייליקן מיט זיין נדבה אויפן בוי פון נייעם בית־מדרש, און דער גביר האָט תיכף ומיד פאַרגעלייגט דאָס גאַנצע געהילץ אויף זיין חשבון, ווי אַזוי ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, מ'זאָל צוקלאַפּן אַ ברעטל מיט זיין נאָמען אויפן ארון־קודש, — „איך האָב עס נישט געטאָן פון כבוד וועגן — האָט דער גביר געטענהט — איך האָב פיינט כבוד!..״

— מה טובו אהליך, יעקב, ווי גוט זענען דיינע געצעלטן, יעקב!..

— שפּינט דער רב ווייטער זיין דרשה, און שלמה ביטקעווער שטרענגט אָן אַלע זיינע כוחות, זיין גאַנצע ווילנסקראַפט, נאָכצוגיין נאָכן רבס צו־געניגנטע פּסוקים און משלים, אדורכצונעמען זיך מיט דער הייליקייט פון מאָמענט, אָבער אומזיסט. און ווער איז שולדיק דערין? שולדיק דערין זענען די שאַרפע ריחות פון דעם נייעם געהילץ. די צעגאָסענע זשיוויצע־ריחות, וואָס שפּאַרן זיך דאָ אין בית־המדרש פון יעדן ווינקל, זעצן מיט אַ מאָדנעם כוח אין זיינע ברייטע צעפליגלטע נאָז־לעכער און ווענדן אָפּ זיינע רעיונות אין אַן אַנדער ריכטונג.

עפּעס, ווי אַ בייזע שפּיל פון שטן, ברענגען זיי אים אַלץ פאַר די אויגן די נייע שיינע הילצערנע שטוב אין וואַלד, די שטוב, וואָס ער האָט נישט לאַנג אויסגעבויט, אַ מתנה פאַר נאַסטיען. ווער איז דאָס די נאַסטיע? דאָס איז אָסיפּס, דעם אַלטן וואַלד־וועכטערס שיין טעכטערל, די יונגע

אלמנה, מיט די צעשאָטענע פלאַקסענע האָר אויפן ליכטיקן נאַקן, מיט די גרויסע ברוינע, צעשפּילטע אויגן, וועלכע האָבן אָנגעצונדן אין אים אַ זינדיק פייער, זינט דעם ערשטן טאָג וואָס ער האָט זי אין וואַלד דערזען, אַז ער האָט אַזש פאַרגעסן אַ סך שבתים אַראָפּצופאָרן צו דעם ווייב אין ראַדאָם, צו דעם קראַנקן ווייב...

און אָט שטייט זי איצט, די שטוב, ווי אַ לעבעדיקע פאַר זיינע אויגן, מיטן בלענדיקן שינדל־דאַך, מיטן ווייסן גאַניקל, און עס שלאָגן פון איר די זשיוויצע־ריחות — פאַרשיכורט צו ווערן!.. אָבער די שטוב ווי די שטוב — ערגער איז, וואָס עס מיניען זיך אים אין די אויגן נאָך אַנדערע בילדער, וואָס איצט איז נישט קיין צייט פאַר זיי און דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר זיי... „יענע" נאַכט קומט אים אַלץ אויפן זינען, די ערשטע נאַכט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט מיט נאַסטיען אין דער נייער שטוב אין וואַלד. — „לכבוד אונדזער נייער ליבע־נעסט!" — האָט זי אים, ווי קיין מאָל נישט, ווילד געקושט, געגאָסן זיס־באַרוישנדיקן סם אין זיינעביינער. און פון אַלץ האָבן געשלאָגן די פאַרשיכורטע זשיוויצע־ריחות, פון די ווענט, פון נאַסטיעס האָר, די צעשאָטענע, פון איר צעפלאַקערט לייב...

„קדושה און טומאה באַגעגענען זיך", — דערמאָנט זיך שלמה ביט־קעווער אַ ווערטל, וואָס ער האָט געהערט בחורוויז אינעם גערער שטיבל און פילט, ווי דער גאַנצער פּנים זיינער ברענט מיט אַ פריקרען פייער. שווערע, פאַרדראָסיקע שוויס־טראָפּנס רינען אים איבערן שטערן, איבער די באַקן, איבער דער שוואַרצער באָרד, און די אויגן, פאַרנעפּלטע, בלאָנ־דזשען אין חלל.

ער הערט אפילו נישט ווי דער רב פאַרענדיקט זיין דרשה און פרעגט אים שטיל, הכנעהדיק, וואָס אים איז, וואָס ער איז אַזוי צעטראָגן.

— אַ שרעקלעכער קאָפּ־ווייטיק, רבי! — כאַפּט ער זיך לסוף, וואָס דער רבי מיינט — פונעם בליץ־לאָמפּ, מסתמא... פון דעם בענזין... — הייבט ער זיך ראָש אויף פון אָרט און שפּאַרט זיך דורכן געדיכטן עולם צום אַרויסגאַנג.

— סטייטש! סטייטש! — פּראָטעסטירט דער רב. באַלעבאַטים פּרוּוון

אים פֿאַרהאַלטן, בייזערן זיך אויף שאַמקע דיליזשאַנס, הלמאי ער האָט געבראַכט אַזאַ קאַליקע־לאָמפּ פון ביאַליסטאָק. אָבער אומזיסט, שלמה ביט־קעווער איז שוין אויף יענער זייט, כאַפּט זיך פלינק אַרויף אויף דער געלער פריצישער ברישקע און אין אַ רגע אַרום טראָגן זיך שוין די פאָר פערד צו די שטיקער בלויע נעפּלען אויף מזרח, טראָגן זיך צו די אָסטאַשער וועלדער.

אויפן אַלטן מאַרק

אַזאַ בראַך איז שוין אין שטעטל לאַנג נישט געווען. מער ווי אַ העלפט קרעמערס האָבן צו ניי־יאָר נישט אויסגעקויפט קיין פּאַטענטן און נישט געעפנט די קרעמלעך. שווער געווען צונויפצוקלאַפּן די עטלעכע גילדן אויפן פּאַטענט, כאָטש טו זיך אַ מעשה אָן.

דרייען זיי זיך אַרום, די קרעמערס, גאַנצענע טעג אויפן פּוסטן פאַר־שנייטן מאַרק, ווי אבלים אויף אַ בית־הקברות, די היטלען ביז אַראָפּגע־רוקט איבער די אויגן און די צעפליקטע פאַרבלאַטיקטע פּאַלטעס צעשפּילעט, פּונקט ווי זיי וואָלטן שוין קיין זאַך נישט פילן, אַפילו די קעלט אויך נישט...

אַ ביסל לעבעדיקער ווערן זיי נאָר דעמאָלט, ווען עס פאָרט אָן אויפן מאַרק אַ געפרוירן אָרעם ווייסרוסיש פּויערל מיט אַ שליטן האָלץ צו פאַר־קויפן. רינגלען זיי אים אַרום פון אַלע זייטן, נעמען ביי אים פון זעקל שטרויעלעך צו קייען, פרעגן אים אויף צו פלייסן וויפל ער וויל, אַ שטייגער, פאַר דעם ביסל האָלץ, און, דער עיקר, הערט מען זיך צו צו זיינע קלאָגרייד.

שלעכט אין דאָרף, קרעכצט דער פּויער, שוועבעלעך שפּאָלט מען שוין אויף דער העלפט, די „באַבעס" (די ווייבער) נוצן שוין אָנשטאָט נאָפט קינעלעך ביים שפּינען, פּונקט ווי פאַר הונדערט יאָר, און קאַרטאָפל עסט מען שוין אָן זאַלץ.

— און מיר, זעסטו, וואָלטן מסכים געווען צו עסן אפילו אָן זאַלץ! — שפּאַרט אים אָפּ עפּעס אַן אויסגעדאַרטער ייד פון געזעמל — ווו נעמט מען אָבער דאָס ביסל קאַרטאָפל, ווו נעמט מען?.. און בכלל קלאָגט איר זיך, פּויערימלעך, אומזיסט. אין דאָרף איז דווקא גוט... קיין הונגער ליידט איר קיין מאָל נישט, אָבער אונדז, שטאָטישע, איז ביטער ווי דער טויט!..

אַט אַזוי שמועסט מען זיך דורך לעבן דעם פורל האַלץ, פונקט ווי דער גוי וואָלט עס לכתחילה גאָרנישט געבראַכט צום פאַרקויפן, נאָר צו כאַפּן מיט יידן אַ שמועס אויפן מאַרק... בלויז אין די אייגעלעך זיינע, אין די תמעוואַטע, פויגלשע אייגעלעך, ליגט אַ שטיל געבעט:

— קופיטע, האַלובאַטשקי, קופיטע! (קויפט, טייבעלעך, קויפט!)...

ווער האָט עס שוין אָנגעזאָגט אין ציוניסטישן לאָקאַל, אַז עס איז דאָ אַ פור האָלץ אויפן מאַרק? פון דער נייער גאַס דער געבערגלטער לאָזן זיך אַראָפּ אַ פּאָר חלוצים, חיימקע דעם גבירס און אלתר דעם מלמדס תכשיט, וועלכע מאַכן איצט דורך די הכשרה, כדי צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. אויף די יונגע שמאָלע פּלייצעס — האָלץ־העקערישע מכשירים און די שוואַרצע אויגן זייערע נישטערן פלינק צווישן עולם דעם קומענדיקן קויפער פון די האָלץ, ער זאָל עס געבן זיי צו צעהאַקן, זיי קאָנען אים אָבער דאָרט, ווייזט אויס, נישט געפינען... שטעלן זיי דערוויל אַוועק די „סטאָלויגע" לעבן פלומפּ, כמאַליען פון קעלט איין האַנט אין דער אַנדערער, אויפן שטייגער פון די גויישע האָלץ־העקערס, און שמועסן אויפן קול וועגן די דעקלאַסירטע יידן, וואָס ווערן ארויסגעשטויסן פון דער געזעלשאַפט...

עס וואַקסט דאָ אויס פלוצלונג דער דיקער שטעטלדיקער פּאָליציי־קאָמענדאַנט און מאַכט קולות אויפן פויערל, הלמאי ער האָט צעשאָטן אַ ביסל שעטשקע אויפן מאַרק, געבנדיק דעם פערד די טאָרבע, ער סטראַשעט אים מיט אַ פּראָטאָקאָל, פאַר נישט אָפּהיטן די ריינקייט... קנייטשט זיך שוין איצט דעם גויס ערדענער פּנים אין אַ טאָפּל־געבעט: דער קאָמענ־דאַנט זאָל אים דעם פּראָטאָקאָל שענקען און די יידן זאָלן שוין סוף־כל־סוף צונעמען דאָס ביסל האָלץ ביי אים.

אָבער איצט וויל שוין קיינער אפילו אין זיין זייט נישט קוקן. עס איז שוין דאָ בילכערס, וואָס צו זען... עפּעס אַזוי פיל זאַכן זענען מיט איין מאָל אַראָפּגעפאַלן אין שטעטל און אַלץ איז אַזוי פאַרכאַפּנדיק, אַזוי איב־טערעסאַנט.

אַט איז פון ביעלסקער טראַקט אָנגעפאָרן אויף זיין בריטשקע דער עקזעקוטאָר (טאַקס־מאַנער), וועלכער קומט דאָ אַראָפּ צוויי מאָל אין וואָך

טרייסלען די קרעמערס — און פּונקט ווי פּרייטיק צו שול־רופן, אַזוי הייבן אָן זיך צומאַכן איינע נאָך דער אנדערער די ביסל איבערגעבליבענע קרעמלעך און די צעשראָקענע קרעמערס צעלויפן זיך ווי פון אַ מגפה... בלויז די אַלטיטשקע, חנה־גיטעלע, וואָס האַנדלט מיט בעזעמלעך, איז אַליין געבליבן אויפן גאַנצן מאַרק. זי האָט פאַרן עקזעקוטאָר קיין מורא נישט — ער וועט אירע באָד־בעזעמלעך נישט נעמען!..

נאָך נישט באַוויזן אַנצוזעטיקן ווי געהעריק די נייגעריקייט מיטן עקזעקוטאָר, און עס איז שוין דאָ אַ פרישע „אַטראַקציע". ווי אַ ווילכער טראָגט זיך פון הינטער די יאַטקעס הילקע דער קצב, אינעם שמוציקן פאַרבלוטיקטן פאַרטעך, די רויטע צעפּייערטע באָרד צעפּעכערט, און מיטן זעלבן צעגוואַלדעוועטן קול, מיט וועלכן ער דאַוונט שטענדיק פאַרן עמוד די ערב יום־כפּורדיקע מנחה, שניידט ער די פּראָסטיקע לופט:

— צום רב, יידן, לאָמיר גיין צום רב!.. וואָס שוויגט ער, וואָס? אַ שטאָט מיט יידן טרינקען זיך און ער שלאָפט, דער רבי׳ל... א תענית זאָל ער רופן, אַ תענית!

און צום רומל און אויף די קולות איז אויך אַרויסגעקומען אויפן מאַרק, מיטן פעדער אין קאַפּעליוש, זלמן דעם מילנערס, דער געוועזענער סטודענט פון ווילנער אוניווערסיטעט, דאָרטן טאַקע איז ער פאַר אַ פּאָר יאָרן אַראָפּ פון זינען בעת די ענדעקישע סטודענטן האָבן געשלאָגן זיינע יידישע חברים און ער, זלמן, האָט געקראָגן מיט אַן אייזן איבערן קאָפּ. דרייט ער זיך איצט ארום איבערן מאַרק, מיט די אויגן פאַרגלאָצט צום נידעריקן ווינטערדיקן הימל און ציט מיט אַ הייזעריקן קול דאָס שטענדיקע לידל זיינע:

ברידער, שוועסטער האָט רחמנות,
גרויס און שרעקלעך איז די נויט;
נישט די טויטע אויף תכריכים,
נישט די לעבעדיקע אויף ברויט!

אָט אַזוי זינגט ער, זלמן, און ביי די יידן קרימען זיך די פּנימער בעת־מעשה, און מען ווייסט נישט, צי זיי ווילן לאַכן, צי וויינען.

ביים נישט פֿאַרענדיקטן בילד

שטענדיק, ווען אַ צעפֿלאַקערטער ווינטערדיקער זונען־אונטערגאַנג צעשפּילט זיך אומעטיק אין מערב און שלאָגט זיך אָפּ, ווי אין אַ מעשהלע, אין די שטילע פֿאַרטראַכטע ביימער־שפּיצן — שווימט פֿאַר מיר, ווי פֿון נעפּל אַרויס, די געשטאַלט פֿון פּיאַטרוש דעם מאָלער, דער ייִנגסטער זון פֿון שטעטלשן פּריץ.

אַ סטודענט איז ער געווען, פּיאַטרוש, געטראָגן ברייטע, מיט גאָלד געשנירלטע עפּאָלעטן פֿון דער אָדעסער קונסט־אַקאַדעמיע, און אין דער צייט פֿון וואַקאַציעס פֿלעגט ער זיך מער ארומדרייען אין שטעטל, ווי ביי טאַטע־מאַמע אין הויף, און דווקא אין די ייִדישע געסלעך, ווו ער פֿלעגט זיך גאַנץ אָפּט פֿונאַנדערלייגן מיט זיין פּענדזל און פֿאַרבן, און זייענדיק אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנצער מחנה פֿון חדר־ייִנגלעך, פֿלעגט ער מאָלן און מאָלן.

אַלץ איז פֿאַר אים געווען אַ סחורה: די אַלטע שול מיטן קרומען דאַך, דאָס באָד־געסל מיט די בערגלעך, אַפֿילו יונה דער בעדער מיטן אויס־געדרונענעם אויג און מיט די ווילדע פֿאַרוואָקסענע ברעמען. און מיט חנה־גיטעלען, די איינגעשרומפּענע אַלטיטשקע, וועלכע האָט געהאַנדלט מיט ערדענע כּלים אויפֿן מאַרק, האָט ער אויך נישט בראַקירט...

שטעטלשע ייִדן האָבן אַפֿילו רעכט נישט פֿאַרשטאַנען, צו וואָס ער דאַרף עס די אַלע „פֿאַרטרעטן״ פּיאַטרוש. זיי האָבן חוזק געמאַכט אין דער שטיל פֿון זיינע טועכצן, מען האָט אים אָבער ליב געהאַט פֿאַר זיין גוטן פּנים, פֿאַר די בלויע אויגן, וועלכע האָבן שטענדיק געשמייכלט און פֿאַרן

אַריינלאָזן זיך אָפּט אין אַ פריינדלעכן שמועס מיט דעם אָדער יענעם קרעמער אויפן מאַרק, גאַרנישט ווי אַ פריץ...

מיטן גאַנצן האַרצן האָבן זיי דעריבער באַדויערט און געשאָקלט מיט די קעפּ אויפן גרויסן בראָך, וואָס האָט פּיאַטרושן געטראָפן. איין מאָל, אין מיטן ווינטער, איז ער פּלוצלונג אַראָפּגעקומען אַהיים פון אָדעס אין גאַנצן אַ פאַרענדערטער. דער פּנים איינגעצויגן, שוואַרץ ווי די ערד, און די גרויסע בלויע אויגן אַרויסגעכמאַליעט, ווי ביי אַ משוגענעם. וואָס איז געשען? וויבער האָבן, ווי זייער שטייגער איז, געטענהט: אַן אומגליקלעכע ליבע... מאַנסבילן האָבן אָבער איבערגעגעבן, אַז דאָס האָבן קאָזאַקן אים שטאַרק צעשלאָגן, פּיאַטרושן, מיט די נאַהייקעס, פאַר אָנטיילנעמען אין אַ סטודענטישער רעוואָלוציאָנערער דעמאָנסטראַציע, אָבער אַזוי שטאַרק, אַז ער איז אַזש געווירט געוואָרן אַ ביסל פון זינען. אויף אַלע וועגן פלעגט מען אים איצט זען ארומלויפן אַ צעשויבערטן, אָן אַ היטל, מיטן מאָל־בערט אונטערן אָרעם. ער האָט נישט געגעסן, נישט געטרונקען, נאָר געהאַלטן אין איין נישטערן אין דער געגנט שיינע ערטלעך צום מאָלן. דער פּענדזל אין זיינע דאַרע הענט האָט געציטערט און די אויגן האָבן גע־ברענט מיט אַ מאָדנעם פייערל.

און איין מאָל, אין אַ פראָסטיקן פאַרנאַכט, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן אין סאַלאָוויאָווקער וואַלד מאָלן דעם זון־פאַרגאַנג צווישן די פאַרשנייטע ביימער. האָט ער זיך אָבער אַזוי פאַרטיפט אין דער אַרבעט, אַז ער האָט נישט געפילט ווי די קעלט נעמט אים אַדורך אַלע גלידער. דער פראָסט האָט זיך אַלץ געשטאַרקט, געגלעט אים, פּיאַטרושן, מיט זיינע ווייסע איי־זערנע פינגער און אים איינגעשלעפערט ביסלעכוויז לעבן זיין נישט־פאַרענדיקטער ווינטער־לאַנדשאַפט.

אַ געשיכטע פון מיינע יינגל־יאָרן — אָבער פּיאַטרושעס גוטער פּנים שווימט נאָך ביז היינט אַרויס פאַר מיר, ווען אַ רויטער ווינטערדיקער זון־אונטערגאַנג צעשפּילט זיך אומעטיק אין מערב...

פרוכט

עס האָט נאָך קיין מאָל נישט געטראָפן, אַז ניימאַן, דער יונגער טאַ־לאַנטפולער יידישער מאָלער זאָל דורכלויפנדיק די גאַס, נישט פאַרהאַלטן זיך אויף אַ מינוט אָדער צוויי לעבן גרויסן פרוכט־געשעפט, פון וואַנען עס שמייכלען צו אים אזוי זוניק דורכן שויב די שיינע דרום־פרוכט: די באַנאַנעס, וויינטרויבן און אַפּעלסינען.

— אַך, ווען איך קען דערפון מאָלן אַ בילד! — טראַכט יעדעס מאָל מיט בענקעניש ניימאַן, קוקט מיט צעגליטע אויגן אין שויב אַריין און... גייט אַוועק אַ פאַרביטערטער, הלמאי עס פעלן אים שטענדיק אויס די פּאָר גילדן איינצוקויפן די דאָזיקע טייערע פרוכטן, וואָס ער דאַרף אַזוי נייטיק האָבן צו זיין קינסטלערישער אַרבעט.

אַן אַנדערש מאָל, באַמערקנדיק ארויסגיין פון געשעפט עפּעס אַ רייכע גווידערדיקע דאַמע, באַלאָדן מיט פּעקלעך פרוכט, פילט ניימאַן, ווי ער צינדט זיך אָזש אָן פאַר כעס: פאַר וואָס זאָל עס זיין אַזוי?.. אים אַרט נישט, חלילה, וואָס ער אַליין קאָן נישט געניסן פון אָט די אַלע זאַכן, אויך נישט אַפילו דערפאַר, וואָס זיין איוואַטשקע, דאָס קליינע שוואַכע קינד, זעט עס קיין מאָל פאַר די אויגן נישט, נאָר ער נעמט זיך אָן די קריוודע פון דער קונסט... עס איז אַ הימל־שרייענדיקער אומרעכט — און אַ סוף!..

אָבער אָט אַן אַנגענעמער צופאַל. צו איוואַטשקעס געבורטסטאָג האָט אַ שכנטע געבראַכט דער קליינער אַ מתנה — אַ היפשן פּעקל באַנאַנעס, אַפּעלסינען, פאַין־עפּל און אפילו וויינטרויבן, און ביים טאַטן, דעם קינסט־לער, האָבן זיך, דוכט זיך, מער צעגלאַנצט די אויגן, ווי ביים פינף־יאָריקן קינד...

פאַר די אויגן האָט אים שוין געשוועבט זיין קומענדיק בילד, וואָס וועט אים פאַרשאַפן אזוי פיל רום...

קיין פולע פרייד איז עס אָבער נישט געווען! דאָס האַרץ האָט אים מוראדיק אַ שטאָך געטאָן יעדעס מאָל, ווען איוואָטשקע פלעגט זיך אַ ציטאָן מיט די בלאַסע קינדערישע הענטלעך צו די פרוכט.

— מען טאָר נישט, טאָכטערקע! — פלעגט ער קוים באַווייזן אָנכאַפּן איר ביים הענטל און זיך איילן וואָס גיכער אַרויסענדיקן די אַרבעט, כדי דאָס קינד זאָל שוין נישט דאַרפן אַזוי פיל ליידן.

אָבער — מאָדנע — דווקא דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געאיילט האָט זיך די אַרבעט נישט גערירט פון אָרט. געשלעפּט זיך ווי פון פעך און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ניימאַן צו זיין גרויס שרעק דערזען, אַז די טרויבן הויבן אָן צו פוילן — געפילט זיך, ווייזט אויס, נישט איבעריק גוט אין דער באַסער, ווילגאָטנער דירה פון ניימאַן דעם יידישן קינסטלער.

איוואָטשקע האָט געוויינט און ניימאַן האָט אַ פאַרווירטער איבערגע־זאָגט זיין ווערטל:

— הימל־שרייענדיקער אומרעכט — און אַ סוף!..

צו דער כלה אויף שבת

דער פרייטיק־פּאַרנאַכטיקער בלויער אויטאָבוס, וועלכער איז פול מיט אויפגערוימטע, צוגעשוירענע יונגע־לייטלעך, וואָס פאָרן אויף שבת צו זייערע ווייבער אויף דער דאַטשע, איז פול מיט פּעקלעך און פּעקעלעך, מיט פּעפערדיקע וויצן און גלייכווערטלעך.

בלויז שמעון זיצט דאָ ווי אַ נעכטיקער, אַ ווילד־פרעמדער צו דער גאַנצער שמחה. דער קאָפּ זיינער אַריינגערוקט אין אָפענעם פענצטער און די שוואַרצע, גרויסע אומעטיקע אויגן איינגעגעסן אין דעם העגנענדיקן שטיק נעפּל. אַנטקעגן — דער זובראַווקער וואַלד, וווּ עלזא, די כלה זיינע, פּראַוועט היי־יאָר דאַטשע און זי האָט עס אים איצט אַראָפּגעבראַכט צו זיך אויפן שבתדיקן טאָג.

אייגנטלעך האָט זי אים שוין נישט איין מאָל געבעטן און אפילו אויפגעפּאָדערט (רייכע כלות פאָדערן), ער זאָל דאָ אַראָפּקומען צו איר אויף שבת, און ער האָט עס אַלץ אָפּגעלייגט פון מאָל צו מאָל, זיך אויסגעדרייט מיט פאַרשידענע תירוצים, אָבער אָט פאָרט ער דאָך צו איר, פאָרט צו דער רייכער כלה און טראַכט — וועגן חוהטשען. וועגן דער שיינער, שלאַנקער טייערער באַשעפעניש מיט וועלכער ער איז אַזוי לאַנג ארומגעגאַנגען, שטאַרק זי ליב געהאַט, דאָס מיידל, און די שבתדיקע ליכטיקע אויספלוגן זייערע אין זובראַווקער וואַלד וועלן אים שוין דוכט זיך אייביק בלייבן אין האַרצן, וועקן דאָרט אייביקן אומרו און בענקשאַפט.

מאָדנע, ווי ביז די תנאים זיינע מיט עלזען האָט ער עס גאָרנישט געשפּירט, געמיינט, אַז מיט חוהטשען איז עס סתם אַזוי אַ ליבעלע, וואָס מען פירט אזוי לאַנג, ביז וואַנען עס רוקט זיך אונטער אַ כלה מיט אַ סך

נדן... אָבער דערפאַר פילט ער עס שוין איצט צו גוט... גייט ארום די גאַנצע צייט, ווי אויף יענער וועלט. און די פאַנטאַזיע, ווי אַ בייזער נקמה־נעמער, מאָלט אים די צוויי געשטאַלטן פאַר די אויגן, שטעלט זיי אַוועק איינס לעבן אַנדערן: חוהטשען, מיט די ווייסע, זינגענדיקע גלידער און דער כלה מיטן ברייטן שוואַרץ־טייגיקן פּנים, מיט די שווערע אומגעלומפּערטע פיס.

אַט פאַר וואָס ער האָט אַלץ אָפּגעלייגט דעם שבתדיקן אַרויספאַר צו דער כלה אין זובראַווקע. דאָס האַרץ האָט אים שוין באַצייטנס ווי געטאָן. וואַנדערוועו מיט איר איבער די זעלבע וועגן און שטעגן, פליושקען זיך אין זעלבן טייכל און בראָטן זיך אויף דער זעלבער זון — שווערלעך אַ ביסל!.. און ווי אויף צו להכעיס, האָט זי, עלזע, אויסגעקליבן דווקא היי־יאָר זובראַווקע. ער האָט זי געפּרוווט אָפּרעדן דערפון, געזאָגט אַפילו אַ ליגן, אַז לויט ווי ער האָט געהערט, איז דאָרט פייכטלעך אַ ביסל, אין זובראַווקע, פייכטלעך און צו רוישיק — צו נאָענט צום שטאָט!.. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן... זי איז אַרויסגעפאָרן אַהין מיט דער גאַנצער משפחה, פונקט ווי זי וואָלט וויסן זיינע באַהאַלטענע מחשבות און אים בכיוון וועלן פייניקן פאַר זיין העזה צו טראַכטן וועגן עפּעס אַן אַרעמער שניי־דערקע, ווען זי, עלזע, האָט באַצאָלט פאַר אים אַזוי פיל געלט...

אָבער ניין, איצט וועט ער זיך נישט לאָזן פייניקן! ער האָט זיך געבעטן ביי איר נישט צו פאָרן אַהער אויף דאַטשע, האָט זי אים געדאַרפט פאָלגן... ער וועט דאָ מיט איר אַ גאַנצן שבת אַפילו קיין טריט נישט טאָן אין ערגעץ — ער וועט שוין געפינען עפּעס אַן אויסרייד — און אויפן ברייטן ליכטיקן פלאַץ, הינטערן באַרג — אויף דער „ליבע־לאַנקע", ווי מען רופט עס, וועט ער מיט איר אַוודאי נישט גיין! דאָס איז געוועזן דער באַליבטסטער ווינקל חוהטשעס, און איין מאָל, אַ שבת, געדענקט ער, האָט זי דאָרטן די זון צעבלענדעט, דוכט זיך זיבן מאָל מער ווי שטענדיק. עפּעס אַ פאַרבאָרגענער ליכט־אוצר האָט אַ פלייץ געטאָן פון ערגעץ, פאַרפלייצט די קעפּ זייערע, די נשמות, אַראָפּגעריסן זיי פון דער ערד און פאַרטראָגן ערגעץ אין דער פיינלעך־זיסער אייביקייט אַריין... זי האָט זיך אים דעמאָלט ס׳ערשטע מאָל אָפּגעגעבן, דאָס מיידל, און אַלץ האָט

אַזוי געבלענדעט און שעמערירט, אַפילו חוהטשעס טרערן נאָך דעם האָבן געלויכטן, צעהאַנגענע ווי ברילִיאַנטן אויף אירע שוואַרצע וויעס. ער האָט דאָס איר טאַקע דעמאָלט, געדענקט ער, געזאָגט. פאַרגליכן אירע טרערן צו ברילִיאַנטן. האָט זי זיך, אַ באַטרערטע, צעשמייכלט ווי אַ קינד:

— בין איך אַצינד, הייסט עס, אַ רייכע כלה, גאָר גאָר אַ רייכע!..

און ווידער אויסגעקושט אים די אויגן, די ליפּן, ווי אין חלום געשעפּטשעט:

— ניין, מיר אַרט נישט קיין שום זאַך, אז איך האָב דיך ליב, ליב, ליב!..

אָבער וואָס טוט זיך דאָ? שוין זובראָווקע? ווי גיך דער וועג איז עס אַריבער! און ווען האָט שוין עלזע, די כלה, באַוויזן ארויסגיין אַנטקעגן, ארומכאַפּן אים און קושן אין די ליפּן? אָט דערפילט ער דעם האַר־וואָרצל אונטער איר גאָמבע און טוט אַ ציטער... אָבער אין דער מינוט טוט זי אים פעסט אַ נעם אונטערן אָרעם און רעדט גיך־גיך, גרילצנדיק און באַפעלעריש:

— דו ווייסט, שמעונקע, דורך וואַנען מיר וועלן גיין צו אונדזער דאַטשע? דורך דער „ליבע־לאָנקע" וועלן מיר גיין... וועסט זען, אויף טשיקאַוועס, ווי שיין דאָרט איז — אַ וווּנדערבאַרער פּלאַץ!..

— נו, וואָס טראַכסטו? — נעמט זי אים נאָך פעסטער אונטערן אָרעם און שלעפּט אים, ווי אַ פאַרמשפּטן, צו דער „ליבע־לאָנקע", וווּ די זון זעצט זיך אזוי אומעטיק הינטערן בערגל...

עטל מיט די וואַזאַנעס

די שוואַרצע איינגעגראָבענע פענצטערלעך פון געסל, וואָס איז באַוווינט מיט בעלי־עגלות, טרעגערס, וועגעלעך־פירערס און הענדלערס אויפן „טאָלטשאָק״, אויפן מאַרק פון אַלטוואַרג, האָבן זיך מיט קיין סך וואַזאַנעס נישט געקאָנט באַרימען.

ווו נישט ווו בלויז האָט זיך קרענקלעך געררויטלט אַ נידעריקער פאַר־שטויבטער „מושקאַט״, ווי אַ קאַרטאָפל־שטענגל, מיט פאַרחלשטע בלי־עכץ: אַ פּראָסטער אָפּגעפליקטער „קאַקטוס״ האָט ערגעץ אומעטיק ארויס־געקוקט פון אַ שייבל, געוויינט, דאַכט זיך, אין דער שטיל, וואָס מען רייסט פון אים אומברחמנותדיק גאַנצע שטיקער: ווי נאָר עמעץ צעקאַליעטשעט דאָ אַ פינגער, אַזוי שינדט מען אָפּ פון אים אַ פּאַסעק גרינס און מען לייגט עס צו צו דער וווּנד אויף אַ רפואה און עפּעס אזוי פיל פינגער צעקאַ־ליעטשעט מען אין געסל, אַז מען האָט אים שוין באַלד אין גאַנצן צעפּטרט...

אָבער אַפילו אַזעלכע אָרעמע וואַזאַנעס, צעשטעלט אין ערדענע צע־שטשערבעטע טעפּ, האָט דאָס געסל נאָך וויניק פאַרמאָגט, און פון „גבירי־שע״ פּאַלמעס און אלעאַנדרעס איז דאָך אָפּגערעדט! גרויע נאַקעטע פענצטערלעך האָבן געגלאָצט אַרום, באַזעצט בלויז מיט זאָרג און — מיט שמאַטעס אָנשטאָט די צעבראָכענע שייבעלעך, וואָס האָבן כמעט תמיד געפעלט דאָ.

און פּלוצעם האָט דאָ איין מאָל, ווי אַ ליכטיקער נס, אַ בלענד געטאָן אין די צוויי פראָנט־פענצטערלעך פון שיימע דעם שניידערס שטיבל אַ גרינער געפלעכט פון זאַפטיקע ברייטע בלעטער, צווייגן און בלומען, וואָס דאָס געסל האָט עס נאָך אויף זיין לעבן נישט אָנגעזען.

ווי קומען עפּעס צו שיימע שניידער, דעם עלטערן אלמן, מיט די רויטע, יאַטערדיקע אויגן און שטענדיקן הוסטל אַזעלכע גרויסאַרטיקע וואַזאַנעס? איז דער תירוץ: ער איז שוין מער נישט קיין אלמן, שיימע, ער האָט זיך אָפּגעפרישט אויף דער עלטער און חתונה געהאַט מיט עפּעס אַ מיידל פון אַ קליין שטעטל, עטל הייסט זי און זי האָט עס אַראָפּגעבראַכט פון איר היים, פון דער מאַמעס שטוב, אַ גאַנצע פור מיט וואַזאַנעס, אַז עס קלעקט אַזש נישט קיין אָרט פאַר זיי ביי שיימען אין שטיבל, שפּאַרן זיי זיך, די הויכע צעוואַקסענע פּאַלמעס מיט די אָלעאַנדרעס אין די קליינע פענצ־טערלעך, רייסן זיך, דוכט זיך, צוריק אין דעם קליין שטעטל אַריין, צו די בלויע הימלען דאָרטן, צו דער ליכטיקער זון!..

אָבער עס מאַכט נישט אויס! עס איז זיי דאָ אין שטיבל אויך נישט שלעכט געווען. קיינער אין דער גאַנצער וועלט האָט, דוכט זיך, אַזוי נישט ליב געהאַט וואַזאַנעס און איז נישט געווען אריינגעטאָן אין זיי מיט אַזוי פיל לייב און לעבן, ווי דעם שניידערס ווייב, עטל, אָדער, ווי די ווייבער פון געסל האָבן איר אַ נאָמען געגעבן: „עטל מיט די וואַזאַנעס".

אַ קליינינקע, אַ בלייכינקע, מיט אַ פּאָר גרויסע קינדערישע, גרינע אויגן, ווי עס וואָלט זיך אָפּגעשלאָגן אין זיי די גרינס פון די וואַזאַנעס — האָט מען איר געזען גאַנצע טעג זיך פּאָרען אַרום די פענצטער. דאָ האָט זי מיט אַ שמאַטקע אָפּגעווישט דעם שטויב פון די בלעטער און דאָ האָט זי געגאָסן אויף זיי וואַסער פון דעם בלעכענעם קענדל, צוזינגענדיק דערביי איר אייביק לידל:

„איך האָב געטאָן אַזאַ זאַך,
איך האָב זיך גאָרנישט באַטראַכט:
איך האָב געמיינט, ליובעניו, אַז ס'איז טאָג,
צום סוף איז גאָר נאַכט!..

דאָס דאָזיקע לידל פלעגט עטל גאָר פון מויל נישט אַרויסלאָזן. זינגען עס מיט אַ מאָדנעם האַרצרייסנדיקן ניגון, האָבן עס שוין די ווייבער פון געסל, וועלכע ווייסן פון אַלע שווערע הערצער, אויסגעטייטשט, אַז דאָס

באַווײַנט זי אַזוי, עטל, איר אײגענעם ביטערן גורל, וואָס זי איז, נעבעך, צו שײמען דעם שנײדער אַרײַנגעפאַלן. „עך, מײדלעך, מײדלעך!״ — האָבן װײַבער געשאָקלט מיט די קעפּ — „וואָס פאַר אַ דאַליע ס'האָט אײַך געטראָפן! עס איז רעכט אַן אַלטער יאַדישליוועט שנײדער, אַ שײמעלע בלאָפער — אַבי נאָר דעם קאָפּ פאַרדעקן!.. וואָס זשע איז אָבער דער סוף? ער הוסט מער ווי ער אַרבעט, שײמע, און זי, „עטל מיט די וואַזאָנעס״, ווערט בלאָסער פון טאָג צו טאָג, וועלקט און גײט אײַן אין די אויגן!..

צו די וואַזאָנעס האָט עס אָבער נישט געהאַט!.. זײ האָבן זיך דווקא אַלץ מער צעבליט און פאַרשײנט דאָס גאַנצע געסל. רײַכע מאַדאַמען, וועל־כע פלעגן דורך אַט דעם געסל פאַרבײַגײן מיט זײערע גױישע דינסטן מיט די שווערע קאָשיקעס פון פיש־מאַרק, פלעגן פאַרבליפּטע שטײן בלײַבן לעבן עטלס נידעריקע פענצטערלעך און בעטן, זי זאָל זײ פאַרקויפן אַן אַלעאַנדער, צי אַ פּאַלמע. עטל פלעגט אָבער אַזש פאַרקריצן מיט די צײן פון אַזאַ פאַרשלאַג און דערלאַנגען די גבירטעס די אמתע פאַרציע, הלמאי זײ ווילן אַלץ אײַנשלינגען, די גאַנצע וועלט, פלעגט זי זאָגן, ווילן זײ!

ווו זשע זענען זײ פּאָרט פאַרשוווּנדן געוואָרן, די וואַזאָנעס, פון דעם אײנציקן ראַגאָוון שטיבל אין געסל? גאַנץ פשוט! ווען דער קריזיס, צו־זאַמען מיטן הוסט האָבן צוגענומען ס'לעצטע ביסל אַרבעט בײַ שײמען, און דערנאָך האָט מען אים אַ קראַנקן אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל, איז עטל בעסער געוואָרן און פאַרקויפט די וואַזאָנעס אויף ברויט. פריער האָט זי, פאַרשטײט זיך, אויסגעפאַרקויפט אַלע אַנדערע שטוב־חפצים, אָבער שפּע־טער האָט זי זיך געמוזט נעמען צו אירע געליבטע אַלעאַנדרעס און פּאַלמעס, אויף וועלכע די גבירטעס האָבן שוין לאַנג געוואָרפן אַן אויג, גײענדיק פון פישמאַרק.

און די לעצטע פּאָר יונגיטשקע בלימעלעך־צווײַגעלעך האָט זי נאָך אַלעמען אַוועקגעטראָגן צו איר מאַן אויפן קבר און זי איז צוריק אַוועק־געפאָרן צו דער מאַמען אין שטעטל, איבערלאָזנדיק אין געסל בלויז דעם נאָמען אירן — „עטל מיט די וואַזאָנעס״!..

גיכע „הילף״

און ווען צום נישט־דערעסן איז אויך צוגעקומען די קעלט, און דער פראָסט איז ווי אַ ווייסער בער געקראָכן אויף דעם נישט־געהייצטן שטיבל פון מנשה דעם וועבער: געקראָכן אויף דעם קראַנקן ווייב מיט די וויינענ־דיקע קינדער — האָט מנשה איין מאָל אַ פרימאָרגן באַשלאָסן:

— יע, אזוי בלייבט עס!.. ער וועט צוגיין צום באַן אַ שמעק טאָן, וואָס מען הערט דאָרטן עפּעס וועגן קוילן!..

פאַרשטייט זיך, אַז נישט קויפן קיין קוילן האָט דאָ מנשה אין זינען געהאַט, ווי אַזוי? אַז ער האָט שוין אַזוי פיל חדשים נישט געאַרבעט. נאָר וואָדען? מנשהס כוונה איז געווען, נאָכגיין נאָך די פורן קוילן, וואָס ציען זיך פון באַן, אַריינוואַרפן די „שוואַרצע בריליאַנטן״ אין פרעמדע שטאַלן אַריין און פאַרדינען אַזוי אַרום אַ גילדן אָדער צוויי אויף אַ ביסל האָלץ צום קויפן.

די דאָזיקע מלאכה — אַריינוואַרפן די קוילן צו די קויפערס אין די שטאַלן — איז לעצטנס זייער פאַרשפּרייט אין שטאָט, און יעדן פרימאָרגן איילן זיי, די אַרבעטסלאָזע, אין די הונדערטער צום באַן, ווו מען לאָדט אויס די קוילן, כדי נאָכצוגיין באַצייטנס נאָך די פורן: וואָס זשע איז ער מער יחסן פאַר זיי?..

דער עיקר איז, נישט טרעפן כאָטש אויפן ערשטן אַרויספאָר קיין באַקאַנטע מענטשן! — האָט מנשה געטראַכט, לויפנדיק צום באַן, אין דינעם צעפליקטן אויבער־מלבוש — שפּעטער, אַז מען געוווינט זיך צו, איז שוין גאָרנישט!..

אָבער שוין ביי די ערשטע וואַגאָנעס האָט ער געטראָפן גאָלדשטיינען,

אַ רייכער, רויט־קאַרקיקער ייד, מיט וועמען ער האָט נאָך געלערנט אין חדר צוזאַמען און ביז פאַר עטלעכע יאָרן פלעגן זיי זיך אַפילו צייטנווייז גריסן ביים באַגעגענען זיך אין גאַס. מאָדנע, אַזוי לאַנג האָט ער אים שוין נישט געטראָפן, גאָלדשטיינען, און גראָד איצט, אויף צו להכעיס, איז ער דאָ!.. שטייט מיט אַ צעקנעפלטן פוטער און שמועסט אַזוי האָפערדיק מיטן קוילן־סוחר, שניידט ווי מ׳׳ז אַ חלף די פראַסטיקע לופט:

— אָבער קיין שלעכטער קונד בין איך נישט, האַ?.. איך געדענק שוין נישט, בנאמנות, די וויפלסטע פור קוילן איך נעם היינט? די פערטע צי די פינפטע? כע־כע־כע! זעקס צימערן באַהייצן איז, משמעות, קיין שפּילעכל נישט... היינט ווו איז האַלץ?..

מנשה, אַ צענויפגעקנייטשטער אין אַ ווינקל, האָט זיך דערמאָנט בעת־מעשה אין דעם פורל יעגלעכע העלצלעך, וואָס ער האָט אַנהייב ווינטער געקויפט ביי אַ פויער פאַר דריטהאַלבן גילדן. ווי שווער איז דאָס אים אָנגעקומען עס צו וועגן, ברענגען! און ווי דאָס ווייב האָט עס געציטערט איבער יעדן העלצל, איבער יעדן שפּענדעלע! און איצט איז שוין דאָס אויך נישטאָ. טוליען זיך די קינדער אַ גאַנצן טאָג אין די בעטן, געשוואָלענע פון קעלט.

און פּלוצעם האָט זיך מנשה אַ ריס געטאָן פון אָרט, געמאַכט עטלעכע טריט צו גאָלדשטיינען: — „האַלט זיך ווירדיק, ברודער!״ — האָט ער זיך אַליין צוגעגעבן מוט, אָבער שוין זיינע ערשטע פּאָר ווערטער, האָט ער געפילט, זענען נאַריש און הכנעהדיק: צי געדענקט ער, הער גאָלד־שטיין, ווי זיי האָבן געלערנט אין חדר צוזאַמען?

— איך געדענק יע, צי איך געדענק נישט — האָט אים גאָלדשטיין אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן בליק — אָבער וואָס פאַרלאַנגט איר, יונגער־מאַן?

— וואָס איך פאַרלאַנג — האָט שוין מנשה געשטאַמלט אין גאַנצן אַ צעטראָגענער — איך פאַרלאַנג איר זאָלט מיר געבן אַרבעט. פאַרלאַנג איך... מען לאָדעוועט פאַר אייך אַ פור קוילן, זע איך, וואָלט איך עס וועלן אַריינוואַרפן אין שטאַל צו אייך!

— טאָ רעד זשע אַזוי! — איז מיט אַ מאָל גאָלדשטיין איבערגעגאַנגען מיט אים אויף „דו" — איך ווייס אָבער נישט, וואָס מען מאַכט מיט דיר? די חזקה אויף דעם, פאַרשטייסטו מיך, האָט שוין פון שטענדיק אָן ווינ־צענטי, דער סטרוזש פון הויף, כ'ווייס באמת נישט, וואָס צו טאָן... פּרוביר, אַלנפאַלס, צוגיין מיט דער פור, אפשר וועט עס פּאַרט עפּעס געלינגען צו מאַכן, ער וועט זיך אפשר טיילן מיט דיר אויף דער העלפט?..

— אָט אַזוי זעט עס אויס מיין „קאמף פאַר אַרבעט!" — האָט מנשהן אַ ברי געטאָן אַ געדאַנק... פון דעסטוועגן איז ער נאָכגעגאַנגען נאָך דער פור, נאָכגעגאנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ווי אַן אבל נאָך א לוויה.

ווינצענטי, דער הויכער שכורלעכער גוי מיט די פאַרדרייטע וואָנצעס, האָט אָבער אפילו נישט אין זינען געהאַט נאָכצולאָזן אַ האָר פון זיין חזקה און ווי נאָר מנשה איז צוגעטראָטן צו דער ארבעט, האָט ער אים אַ זעץ געטאָן מיט אַ שווער שטיק קויל אין קאָפּ און מנשה האָט זיך, ווי אַ סנאָפּ, אויסגעצויגן אויפן ווייסן שניי.

דער בלוטיקער קרייז ארום מנשהס קאָפּ איז געוואַקסן מיט יעדער מינוט. אַ גליק, וואָס גאָלדשטיין האָט אָנגעקלונגען צו דער „גיכער־הילף", האָט אים די קאַרעטקע אוועקגעפירט, מנשהן, מיט אַן אומעטיקן פּיין אין יידישן שפּיטאָל.

קאַלאָשן מיט וואַליקעס

מיטן אָנקום פון ווינטער זענען צוויי פּרוּיען אַרומגעגאַנגען אין שטוב, איינגעוויקלט אין אַ נעפּל פון רויזיקע חלומות.

בערמאַנטשיכע, די ברייטע, יוסטע בעל־הביתטע האָט געחלומט וועגן אַ נייעם קאַראַקולענעם מאַנטל און די אַלטע דינסט, שיינע דאָבע — וועגן אַ פּאָר וואַליקעס מיט קאַלאָשן פאַר אירע שוואַכע מיט רעמאַטעס דורכ־געפּרעסענע פיס.

אַזוי שווער איז עס צוצוקומען צו אַ פּאָר וואַליקעס מיט קאַלאָשן? איז אָבער די מעשה, וואָס שיינע דאָבע ווערט דאָ שוין מער געהאַלטן אין דער גבירישער שטוב פון מצווה־וועגן — פּאָרט אַזוי פיל יאָרן געטריי געדינט דער משפחה — קיין געלט אָבער קריגט זי נישט, ווייל צו איר, קלאָגט זיך בערמאַנטשיכע, מוז מען ערשט האָבן די אמתע געזונטע גויע, וואָס זאָל איר אַרויסהעלפן אין די שווערע מלאכות; און אסור, מאַכט די גבירטע אַ פרום מינעלע, צי זי פאַרדינט, שיינע דאָבע, דעם עסן אירן: מען איז דאָך אָבער עפּעס יידישע מענטשן — האַלט מען זי...

האָרעוועט זי, די אַלטע דינסט, מיט אירע לעצטע כוחות, ווי אַן אויס־געפּראַצעוועטער פערד און קיין גראָשן ביי דער נשמה האָט זי נישט. זענען דעריבער אַ פּאָר וואַליקעס מיט קאַלאָשן ביי איר אַ ווייטער זיסער חלום און זי קוקט מיט שרעק אויף דער באַלעבאָסטעס אַלטע צעקרימטע שיך אויף אירע פיס, מיט וועלכע זי וועט דאַרפן באַגעגענען דעם האַרבן ווינטער.

מיט בערמאַנטשיכען, זעט איר, שטעלט זיך שוין פאַר דער ענין אַ ביסל אַנדערש. אין געלט פעלט זי דווקא קיין מאַנגל נישט, דער מאַן אירער

קלאָגט זיך אפילו לעצטנס, אַז די טעקסטיל־פּאַבריק גייט נישט אַזוי גוט, פּאַלט נאָך אָבער אַריין געגוג דירה־געלט פון די שכנים — דער גרעסטער מויער אין שטאָט — און מאַכן אַ נייעם קאַראַקולענעם מאַנטל פאַר אַ וועלכע 300—400 דאָלאַר איז ביי איר פשוט אַ געלעכטער. נאָר וואָס דען? זי שעמט זיך אַ ביסל איבערצורעדן עס פאַרן מאַן, בעת אין דער שאַפע הענגען אַזוי פיל מאַנטלען מיטן פאַר אַ יאָריקן פוטערנעם בראָש... ווו נעמט מען אַ ביסל דרייסטקייט, האַ?

אָבער אָט, אַ גליקלעכער צופאַל: קומט ארויף אזוי איין מאָל אַן אויפ־געלייגטער פון הויף דער מאַן אירער און שמייכלט זיגעריש, צופרידן:

— נו, וואָס זאָגסטו, ווייב מיינע, דאַרף מען זיך איילן, צי נישט? אָט איז זי אַלץ געשטאַנען די נייע פּראָנטאָווע דירה, געשטאַנען — און לסוף זיך פּאָרט דערוואַרט! מאַכן זיך נאַריש עפּעס אַ בחור מיט אַ מיידל, גייען חתונה האָבן ביי היינטיקע צייטן, האָבן זיי אָוועקגעלייגט פאַר דער דירה קנאַקעדיקע דריי הונדערט דאָלאַר, אַז עס גייט אַ רויך — כאַ־כאַ־כאַ.

באַמערקט ביים מאַן אַ „גוטע מינוט", האָט בערמאַנטשיכע אַרומ־געוויקלט ארום זיין רויטן נאַקן אירע ווייסע אויסגעצאַליעטע אָרעמס, געלאַשטשעט אים ווי אַ קליין קינד, און — אין אַ וואָך אַרום איז די שאַפע פולער געוואָרן מיט נאָך אַ מאַנטל, אַ גלאַנציקן קאַראַקולענעם מאַנטל.

און אויך דער אַלטער שיינע דאָבען האָט אין דער זעלבער צייט גע־טראָפן אַ מאָדנער גליק.

עס איז איר גראָד אָנגעקומען אַ בריוול פון אַ וויטן קרוב פון „נעוו־יאָרק" און זי איז געשטאַנען מיטן בריוול לעבן פאַרנאַכטיקן פענצטער און זיך געמאַטערט איבער די פרעמדע אַמעריקאַנער ווערטער. פּלוצעם, איבערגייענדיק אַ בויגעלע פּאַפּיר, האָט איר אַ שלאָג געטאָן אין די אויגן עפּעס אַ גרינער שיין — אַ דאָלאַר — אַ קליינער, האַרציקער דאָלאַר.

טרערן האָבן אָנגעהויבן קאַפּען פון אירע אויגן. אַראָפּגערונען פון די אויסגעטריקנטע פּאַרמעט־באַקן, ווי פון בלעכענע רינעלעך און שיער נישט אויסגענעצט דעם ליבן, טייערן פּאַפּירל.

אָבער עס מאַכט נישט אויס... אין שיך־קראָם האָט מען אים אַ כאַפּ

געטאָן, ווי אַ מאַלינקע, און אַנטאָענדיק די וואָליקעס מיט די קאַלאָשן, האָט די אַלטע אַזש אַ קרעכץ געטאָן פון תענוג, גלייך ווי אין אָט דער רגע וואָלט זיך פלוצעם אַנטפּלעקט פאַר איר דער גאַנצער זינען און שיינקייט פון לעבן...

*

פאַר וואָס גייט עס אָבער אין דער וועלט אַלץ אַזוי מיטן קאָפּ אַראָפּ? — אָט אַזוי האָבן אין אַ פּאָר טעג אַרום „פילאָסאָפירט" יידן, לייענענדיק אין דער שטאָטישער צייטונגל אונטערן קעפּל „אַ גליק פון אַ גביר", אַזאַ מין געשיכטע!

„אין דער נאַכט פון דינסטיק אויף מיטוואָך האָבן גנבים זיך אַריינגע־בראָכן אין דער וווינונג פון פאַבריקאַנט און הויז־באַזיצער בערמאַן און אָנגעהויבן דאָרט אויסראַמען דער גבירטעס מאַנטלען פון שאַפע. צום גליק האָט זיך גראָד אויפגעכאַפּט די אַלטע דינסט, זי האָט געמאַכט אַ געוואַלד און די גנבים האָבן געמוזט מאַכן פליטה, באַווייזנדיק בלויז מיטצונעמען מיט זיך אַ פּאָר נייע וואָליקעס מיט קאַלאָשן, וואָס האָבן באַלאַנגט טאַקע צו דער דינסט שיינע דאָבע ספּיוואַק".

אָט די דאָזיקע שטאָטישע סענסאַציע האָבן יידן געלייענט אפשר צענ־דליקער מאָל און געשאָקלט מיט די קעפּ:

„פאַר וואָס גייט עס אין דער וועלט אַלץ אַזוי קאַפּידרעך, מיטן קאָפּ אַראָפּ?".

יאַכע

— „איר נעמט צו די כאַליערעדיקע באָרד אייערע, צי נישט? געזען אַ ביסל? אַן אַלטער ייד זאָל זיך נאָך טשעפּן צו מיידלעך! וואַרט, וואַרט, משה בערל! איך וועל דערציילן געדאַלקען, וועל איך דערציילן, וועט ער איך שוין ווייזן ווי צו קריכן מיט די הענט ווו מען דאַרף נישט... נו, געגאַנגען, משה בערל, געגאַנגען!"

אָט אַזוי פּלעגט יאַכע דאָס אדלער־בלאַסע מיידל מיטן קאַרטאָפליע־נאָז און אָנגעקוואָלענעם בוזעם, וואָס דינט שוין פון קליינוויז אָן ביים רייכן שוך־קרעמער פון געסל, מכבד זיין איטלעכס מאָל מיט איר פאַרשלאָפן קול משה בערל דעם שוסטער, אַן עלטערן, נידעריק־געפּאַקטן, געשטופּלטן יידל, וואָס פּלעגט מיט זיין ברייטן אַרויסשטאַרצנדיקן געזעס „אָקאָפּירן" כמעט אַ האַלבע קיך. ביים אָפּטראָגן אַ ביסל אַרבעט פּלעגט ער שוין תמיד אויפזוכן זיך עפּעס אַ תירוץ, אַריינצוקלייבן זיך צו יאַכען אין קיך, קנייפּן זי ווילד אין ווייכן פלייש און שטופּן זיין האַרטע ברודיקע, געל־אָפּגע־בליאַקעוועטע באָרד אין איר בלאַסן טייגיקן פּנים אַריין, באַהאָנגען שטענ־דיק מיט שטיקער שלאָף פונעם וויגן גאַנצע נעכט דער באַלעבאָסטעס מיזיניקל „לייבעלע שרייער".

און ווער איז עס גדאַלקע, מיט וועלכן זי פּלעגט אזוי סטראַשען משה בערלען? דאָס איז געווען דער חתן אירער, אַ שיינער שוואַרצער יאַט מיט אַ טשופּרינע, מיט פאַרשווירענע וואָנצעלעך, אַ שמייסער ביים רייכן דראָזשקער, שלמהלע בוץ, פאַרט ארום ביינאַכט מיט זיין דראָזשקע. אויף אַ שבת־בייטאָגיקע פאָרשטעלונג אין יידישן טעאַטער האָבן זיי זיך איין מאָל באַקאַנט, ביידע אויסגעגאָסן איינער פאַר דער אַנדערער די הער־

צער, געקלאָגט זיך אויפֿן ביטערן ברויט, וואָס לאָזט זיי נישטביידע צוטאָן ביינאַכט מין אַן אויג: ער מוז אַרומפֿאָרן ביז באַגינען מיט דער דראָזשקע און זי, ווידער, וויגט דאָס קינד אַ גאַנצע נאַכט, בלייבט אָן כוחות וויגנדיק... וואָס דאַרף מען אַ סך?.. און די טעאַטער־שפּילן די איצטיקע מיטן פֿאַלשן מאַקס און דער אומגליקלעכער ליזען גייט זיי דען איין פּונקט ווי אַנדערע? אַז די אויגן האַלטן זיך איין קלעפּן, ווי מען וואָלט זיי מיט סמאָלע אויסגעשמירט... עד, שלאָפֿן, שלאָפֿן, שלאָפֿן!..

איר מידער קאָפּ האָט פֿון זיך אַליין, נישט ווילנדיק, אַ פֿאַל געטאָן אויף זיין אַקסל. ער האָט פּאַמעלעך געגלעט מיט זיין האַרטער האַנט די דינע אויסגעצוואָגענע האָר, און פֿון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן וועבן די ליבע זייערע, וועבן, דער עיקר, אין די באַגינענס, ווען ער פֿלעגט צוריקפֿאָרנדיק פֿון גאַס מיט דער דראָזשקע אָנקלאַפּן איר פּאַרזיכטיק מיטן בייטש־שטעקל אין פֿענצטער. אַ מאָל, ווען „לייבעלע־שרייער" איז געווען גנעדיק צו איר, פֿלעגט איינשלאָפֿן אַ ווײַלע, פֿלעגט זי אים אַרײַננעמען אין קיך, גדאַלקען, מכבד זיין מיט הייסע טיי, מיט הייסע צערטלעכקייטן און שפּעטער, שטייענדיק איבערגעבויגן איבערן געוועש ווינדעלעך, חלומען וועגן אַן אייגענעם געשעפֿט, אַ דירהלע אויף כאַנאַיקעס, אַ ביסל מעבל, אַ חתונה...

אָט מיטן דאָזיקן גדאַלקען פֿלעגט עס יאַכע סטראַשען דעם אַלטן משה בערעלען. איצט אָבער סטראַשעט זי שוין מער נישט מיט אים, ווייל... פּונקט ווי דער פֿאַלשער מאַקס, דער שאַרלאַטאַן, האָט אין דער דעמאָלטיקער שבתדיקער טעאַטער־פֿאָרשטעלונג פֿאַרלאָזן זיין אָרעמער געליבטער ליזען און זיך פֿאַרקויפֿט פֿאַר געלט — אָט אַזוי איז אויך גדאַלקע אָוועק פֿון איר און גענומען שמעונקע בוצס טאָכטער מיט אַ סך נדן. אַוודאי, טראַכט זי, וועט זי נאָך דערלעבן אין אים „ראַכע", פּונקט ווי ליזע האָט דערלעבט אין מאַקסן, אָבער דערווייל איז ביטער... זי האָט שוין מער קיין כוח נישט אַזוי פֿיל צו ליידן. און ווי אויף צו להכעיס גע־וואַלדעוועט היינט, דוכט זיך, „לייבעלע שרייער" מער ווי אַלע מאָל, לאָזט

אַפילו אַ מינוט נישט כאַפּן אַ דרימל, פאַרגעסן אַ ביסל אין די צרות...

סטראַשעט זי שוין מער נישט מיט גדאַלקען, ווען משה בערל טשעפּעט זיך צו איר אין קיך, איצט זאָגט זי אים בלויז ווייכן מוסר, — „איר דאַרפט זיך דאָך באַגראָבן פון חרפה — טענהט זי צו אים מיטן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ איבער דער באַליע. נאָך קיין האַלב יאָר נישטאָ, ווי דאָס ווייב איז אייך אָפּגעשטאָרבן און אייך ליגן שוין אין קאָפּ אַזעלכע זאַכן!.. ווי קען מען עס? געוואַלד, ווי קען מען עס?..״

פאַרענטפערט זיך משה בערל, אַז דאָס ווייב, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, האָט געקרענקט די גאַנצע יאָרן און ער האָט אַפילו איין טאָג קיין רעכט ביסל נחת פון איר נישט געהאַט. חוץ דעם, „נישט קיין קינד, נישט קיין רינד״, וואָס זשע איז ער ערגער ווי אַ בחור?.. אַדרבא, זאָגט ער, ער איז נאָך בעסער ווי אַ בחור, ווייל די היינטיקע חברה זענען דאָך בלויז אויסן זיך אַ שפּיל טאָן אַ ביסל און אַז ס׳קומט צו עפּעס, ווערט מען אַ האָז און מען אַנטלויפט... אָבער ער, משה בערל, איז גרייט כאָטש אין דער מינוט גיין און שטעלן מיט איר אַ חופּה!..

דאָ ווערט שוין יאַכע אין כעס — געזען אַ העזה פון אַן אַלטן תרח? — און גיט אים אַ וואָרף אַ נאַסע ווינדל אין פּנים, שרייט און יאָגט אים פון קיך אַרויס. ער ווערט אָבער קנאַפּ וואָס נתפּעל און „אָקאָפּירט״ ווידער עטלעכע מאָל אַ טאָג מיט זיין ברייטן געזעס אַ האַלבע קיך, רעכנט אויס יעדעס מאָל אויף ס׳ניי, וויפל קופּערנע פאַנען ער פאַרמאָגט, מערזשלען, שטויסלען, פּראָזשעטענע לייכטערס, אַ טולער סאַמאָוואַר...

און ביים אויסרעכענען יעדן חפץ, — אַ ווילדן קניפּ אין ווייכן פלייש, אַ ראַץ מיט דער האַרטער באָרד איבערן פּנים, ווי ער וואָלט וועלן מיט גוואַלד אַראָפּסקראָבען די שטיקער שלאָף פון דאָרטן...

און יאַכע? וואָס ווייטער, פּראָטעסטירט זי און מוסרט אַלץ ווייניקער. זי איז אַזוי מיד און שלאָפט שוין כמעט, שטייענדיק איבער דער באַליע. און איין מאָל, ווען משה בערל פירט דורך פאַר איר צום וויפלסטן מאָל אַ סך־הכל פון זיינע קופּערנע פענדלעך, הייבט זי אויף אויף אים אַ פּאָר מאַטע, רויטע, האַלב־צוגעשלאָסענע אויגן:

— אָבער שלאָפן שפּעט וועט איר מיך לאָזן, משה בערל?.. שפּעט, גאָר שפּעט... און נישט וועקן, קיין מאָל נישט וועקן!..

איר צעפּאַטלטער קאָפּ טוט אַ פאַל אויף זיין אַקסל און משה בערל פאַרכליניעט זיך אַזש פאַר גדולה, שפּאַצירט אומברחמנותדיק מיט דער באָרד איבער איר פּנים, איבערן האַלדז... אָבער יאַכע פילט עס אַפילו נישט. זי איז גאָר איצט אין שבתדיקן טעאַטער, דער קאָפּ צוגעפאַלן צו גדאַלקען, און דער הויכער בוזעם וויגט זיך פון תענוג, פון שלאָף...

די רויטע מאַלינעס

אין די הייסע זומערדיקע טעג, ווען אין דושנעם אַמעריקאַנער שאַפּ איז נישט געווען ממש מיט וואָס צו אָטעמען און גאַנצע ריטשקעלעך שווייס זענען גערונען איבערן פּנים, איבערן האַלדז, געקלעפּט דאָס העמד צום לייב — פלעגט לייבל דער שניידער זיך אָפּט אָפּחייען מיט דעם קילן, שמעקעדיקן שאָטן פונעם יונגן סאָסנע־וועלדל, וואָס איז געוואַקסן — פאַלג מיך אַ גאַנג — הינטער דעם היימשטעטל זיינעם, אויף יענער זייט ים.

יאָ, יאָ, נישט קיין געלעכטער! פאַר זיין הייסן פאַרנעפּלטן בליק פלעגט כמעט תמיד אין אַזעלכע רגעס אַרויסשווימען, ווי אין אַ קינאָ־בילד, דאָס היימישע ליכטיקע סאָסנע־וועלדל, וווהין דאָס גאַנצע שטעטל, מאַנסבילן, ווייבער און קינדער פלעגן זיך אַוועקלאָזן שבת נאָכן עסן שעפּן פרישע לופט. עלטערע יידן פלעגן דאָ צו ערשט אַריינקוקן אין אַ ספר, אונטער־ברומען עפּעס אַ ניגונדל און נאָך דעם אַריינפאַלן הינטער דיביימער אין אַ זיסן, שבתדיקן דרימל. ווייבער אין שייטלען, אין שוואַרצע זיידענע שאַלן, פלעגן לייענען דעם טייטש־חומש, ניאַנטשען די קינדער, און יונג־וואַרג פלעגט ארומשטיפן צווישן די סאָסנעס, זינגען לידער, שפּילן ליבעס און זוכן ווילדע מאַלינעס צווישן די קוסטעס.

ער איז שוין אין אַמעריקע אַ קימאַ לן פון אַ יאָר צען, לייבל... גע־קומען אַלס אַכצן־יאָריקער בחורל און בעת די גרויסע היצן, ווען אין שאַפּ ברענט עס ווי אין אַ גהינום, קילט ער זיך נאָך אַלץ אינעם שאָטן פון זיין היימישן סאָסנע־וועלדל און צייטנווייז האָט ער בפירוש דעם איינדרוק, אַז אַ פריש, שמעקעדיק ווינטל בלאָזט אים אַ ווילע אין פּנים אַריין, ברענגט אַפילו צו טראָגן אַ ריח פון מאַלינעס אויפן קוסט...

אָט די ווילדע מאַלינע־קוסטעס געדענקט ער בעסער פון אַלץ. ביים צווייטן עק װעלדל זענען זיי געוואַקסן, נעענטער צום טייך, און יעדעס צווייגל שטייט אים ווי לעבעדיק פאַר די אויגן. פאַר וואָס געדענקט ער דאָס עפּעס בעסער פון אַלץ? ווייל שפּעטער, זייענדיק אַ דערוואַקסן בחורל, שוין ביי שעפּסל שניידער אויף די לער, פלעגט ער אָנשטאָט מיט די חברים פון חדר, שפּאַצירן שוין דאָ יעדן שבת מיט באַשקע דעם שמידס, די ערשטע „ליבע" זיינע, — וועלכע איז נאָך דעם אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע, — און זוכן מיט איר מאַלינעס צום רייסן, זוכן און... נישט געפינען, מחמת דער וואַלד דער האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט שפּאַ־צירער און מען האָט זיך שוין ס׳רוב געהאַט געפּעדערט פאַר די חדר־יינגלעך, שטיפערס, פלעגן עס נישט לאָזן אַפילו צייטיק ווערן ווי גע־העריק...

אָט אַזוי האָט דער היימישער סאָסנע־וועלדל אין די הייסע טעג גע־שוועבט און געלויכטן פאַר די אויגן פון לייבל דעם שניידער, אַזוי ווי אַן אַאַזיס־פאַרבלענדעניש פאַר אַ מידן וואַנדערער אין דער מידבר... פאַר־לייכטערט אים, דוכט זיך, די שווערע שאַפּ־אַרבעט און געצופּט ביים האַרץ מיט אַזוי פיל זיסן־ביטערן טויט־ווײ...

אָבער נישט בלויז אינעם דושנעם, ענגן שאַפּ, אויך אויף דער קילער רחבותדיקער שיף, בעת לייבל איז, סוף־כל־סוף, אַ פאַרבענקטער, געפאָרן באַזוכן זיין אַלטע היים און געטראַכט מיט אַ ציטער אין האַרץ פון די ליבע, נאָענטע זאַכן, וואָס ער וועט אַלץ טרעפן אין שטעטל — האָט זיך אויך בראש פון אַלע וויזיעס ארויסגערוקט אויבן אָן דער וועלדל, אַ גרינער, אַ ליבער, אַ שבתדיקער, מיט דער שפּיל פון ליכט און שאָטן צווישן די ביימער מיט די שמעקנדיקע ווילדע מאַלינע־קוסטעס ביים ברעג...

און אָט איז ער שוין אין זיין שטעטל, לייבל, און — מאָדנע! אין משך פון די עטלעכע טעג האָט ער שוין באַוויזן צו זיין אין אַלע נאָענטע געדענקפולע ערטער, אַלץ געזען און באַטראַכט: די אַלטע שטיבל אויף „זאַריעטשע", מיטן שטרויענעם דאַך, ווו זיי האָבן אַ מאָל געוווינט; די חדרים, ווו ער האָט געלערנט, געקראָגן שוין אַפילו שבת אַ מפטיר אין

בית־המדרש; און אין ווערלדל, אינעם שענסטן אָרט פון זיינע חלומות האָט ער נאָך אַלץ נישט פאַרשמעקט.

וואָס איז די סיבה דערפון? אַ פשוטע סיבה. די קרובים, וואָס רינגלען אים אַרום די גאַנצע צייט, דעם אַמעריקאַנער, ווי אַן ערך־וואָך, ווילן מיט אים נישט גיין אַהין און לאָזן אים אַליין אויך נישט גיין.

— מיינסטו אוודאי, לייבל, אַז עס איז דער זעלבער וועלדל ווי אַ מאָל? — טענהט מען צו אים מיט פאַרטייעטן שרעק אין די אויגן — האָסטו אַ גרויסן טעות. דער וועלדל איז טאַקע דער זעלבער, אָבער מ׳לאָזט דאָרט איצט קיין יידישן פוס נישט אַרויף. ל״ג בעומר האָבן עס די כולי־גאַנעס געמאַכט דעם אָנהייב. ווען די חדר־יינגלעך זענען אַוועק אין וואַלד זיך שפּילן, האָט מען זיי באַוואָרפן מיט אַ האָגל שטיינער, און צעבלוטיקטע זענען די קינדערלעך געקומען צו לויפן אין שטאָט אַריין. וואָס דאַרפסטו אַ סך? שוין דאָ אַפילו אַ קרבן אויך. מענדל דער שוסטער, אים האָט זיך דווקא פאַרוואָלט היינטיקן שבעות ווייזן גבורות, איז ער אַוועק אַהין שפּאַצירן מיט זיין כלה און איז שוין מער נישט צוריקגעקומען. ער האָט זיך טאַקע נישט געלאָזן, זיך אַנטקעגנגעשטעלט, האָט מען אים אָבער אַזוי צעשטאָכן מיט מעסערס, אַז ער איז אין אַ פּאָר טעג אַרום אויסגעגאַנגען אין ביאַליסטאָקער שפּיטאָל. יע, יע, לייבעלע, מען מעג שוין פאַרגעסן וועגן וועלדל... מען דאַרף דאַנקען גאָט, וואָס מען לאָזט אונדז כאָטש שפּאַצירן, זיך דורכגיין אַ ביסל איבערן שול־הויף... וואָס טוען מיר, אַ שטייגער, ווען מען שטערט דאָרט אויך?

— „און איך האָב אַזוי געבענקט נאָך דעם וואַלד!" — האָט לייבל ווי אַן אָפּגענאַרט, טיף באַליידיקט קינד, זיך געקלאָגט מער פאַר זיך, ווי פאַר די קרובים, געקוקט אַלץ מיט פאַרפייניקטע אויגן צום בלוילעכן שטיקל נעפּל אַנטקעגן, צום סאָסנע־וועלדל. און איין מאָל, אַ שבת בייטאָג, ווען עס איז אים געלונגען ווי עס איז אויסצודרייען זיך פון דער „ערך־וואָך", האָט ער זיך געמאַכט הארץ און גיך, גיך אַוועקגעלאָזט זיך אַהין מיט דעם באַקאַנטן שמאָלן הויפישן שטעגעלע צווישן דעם קאָרן.

נישט קיין וועלדל — אַ גרין, טויט בית־עולמל, דאַכט זיך, האָט זיך

געשפּרייט פאַר זיין פייכטן פאַרלאָפּענעם בליק. סאַראַ אָנגעשטרענגטע שרעקעוודיקע שטילקייט, און קיין לעבעדיקער נפש ארום. אַ פּאָר פייגעלעך בלויז האָבן מיט שוואַכע שטימעלעך, ווי קליינע צעשלאָגענע קינדער, געפּישטשעט קוים צווישן די צווייגן. אַ שוואַרצע קראָ האָט אַ פלאַטער געטאָן פון אויבן מיט אַ בייז געשריי...

ער איז ווייטער געגאַנגען, לייבל, געטראָגן זיך אַליין, נישט פילנדיק, צום צווייטן עק וואַלד, צו די מאַלינע־קוסטעס. און, מיט אַ מאָל — סאַראַ גרויסע רויטע מאַלינעס ווינקען צו אים פון אַלע זייטן... ווען האָט עס דער וואַלד אָנגעזען אַזעלכע פולע, צייטיקע מאַלינעס? קיין מאָל נישט! די אָרעמע חדר־יינגלעך פלעגן עס שוין באַצייטנס צו רעכט מאַכן. די איינציקע נאַשוואַרג זייערע איז עס געווען. און איצט אַזאַ גרויסע, אַזאַ ווילדע גערעטעניש!..

ווי טרויעריק ס'איז אים געווען.

סוכות דערמאָנט מען זיך די געשיכטע

קומט סוכות־צייט, אַזוי ווערט יאָר־יערלעך אָפּגעפרישט אין שטעטל די טרויעריקע געשיכטע מיט פּראָיטשיקן און אסתרקען; עפּעס פון זיך אַליין שווימט זי, דוכט זיך, אַרויס, די געשיכטע, — פון דער דורכזיכטיקער, נאָגנדיק־לויטערער האַרבסט־לופט, פון די דינע וואַסער־שטעקעלעך, מיט וועלכע שטעטלשע יידן זענען זיך דאָ נוהג צו באַדעקן זייערע סוכות.

משה הערש דער מילנער, דערמאָנט מען זיך, האָט געשמט דעמאָלט פאַרן גרעסטן גביר אין דער גאַנצער געגנט. חוץ דער גרויסער וואַסערמיל האָט ער אויך צוגעהאַנדלט מיט וואַלד, און אויפן ברייטן פּלאַץ פאַר דער מיל האָבן הויכע, געזונטע גויים, פון זון־אויפגאַנג ביז זון־פאַרגאַנג, געזעגט פאַר אים לאַנגע סאָסנע־קלעצער, צוגעגרייט ברעטער אויף אָפּצושיקן קיין פרייסן.

גאַנצע בערג פון ווייסע, שמעקעדיקע זעגעכץ זענען געווען אָנגעשאָטן אַרום, און פרייטיק פלעגן זיך אַראָפּלאָזן אַהער ווייבער פון שטעטל, אָנ־קלייבן פולע פאַרטוכער, כדי צו הייצן דערמיט די אויוונס אויף טשאָלנט.

אויפן דאָזיקן פּלאַץ טאַקע איז געשטאַנען, פאַררוקט אַ ביסל אין אַ זייט, אַ קליין, ווייס שטיבעלע, וווּ עס האָט געוווינט מנשה לייבעס, דעם מילנערס לאַנג־יאָריקער „מענטש”, מיט זיין ווייב הדס און זיין בת־יחידה אסתרל, דאָס שענסטע און גראָטנסטע מיידל אין שטעטל.

ווער זשע פאַרליבט זיך אין איר? — דעם בעל־הביתס מיזיניק, פּראָיטשיק.ביידע נאָך יונגע קינדער, קיין אַכצן יאָר נישט אַלט — אָבער די ליבע ברענט, נישט אויף קאַטאָוועס. אָוונט נאָך אָוונט ווערן זיי פאַר־פאַלן אויפן נאָענטן מאָהילניק, זיצן אָפּ שעהען לאַנג, ווי די טייבעלעך, אויף

דער ברייטער באַנק לעבן איר טאַטנס שטיבעלע, אָדער לאָדקעווען זיך גאָר אַוועק אין די העלע נעכט אויף דער גרינער מיל־לאָדקע, איבער די שטילע, בלויע וואַסערן.

דער זומער האָט זיך אַזוי געצויגן, ווי אַ ליכטיקער חלום, נישט פאַר־טונקלט געוואָרן אַפילו, ווען אסתרל האָט אים, פּראַיטשיקן, איין מאָל, פאַרטרויט אַ סוד אין אויער...

— נו, וואָסי? — איז דער יונג נישט נתפּעל געוואָרן — וועלן מיר חתונה האָבן!.. אָט וועל איך איבעררעדן מיטן טאַטן.

אָבער ווו? ווען? משה הערש האָט אַפילו הערן נישט געוואָלט דערפון. „וואָס? האָט ער, אַ צעקאָכטער, געטרייסלט מיט דער פאַרמעלטער באָרד זיינער, — איך זאָל ווערן אַ מחותן מיט מנשהן? — ניין! מעג זיך אַפילו די גאַנצע וועלט איבערקערן!..״

דאָס גראָבע ווייב, די משה הערשיכע, האָט נאָך געמאַכט אַ גרעסערן גוואַלד; געוואָלט אים שוין נעמען, דעם „תכשיט״, און אָפּשיקן אין דער פרעמד, ווי עס פירט זיך אין די גבירישע ערטער... פּראַיטשיק האָט זיך אָבער נישט געלאָזן.

— אַן ערלעכער בחור! — האָט מען גערעדט אין שטעטל, און מיט־געפילט אים אינעם קאַמף, וואָס ער האָט געפירט מיטן טאַטן.

אָבער העלפן האָט מען אים גאָרנישט געקענט. און דערווייל זענען זיי ביידע, פּראַיטשיק און אסתרל, אַרומגעגאַנגען ווי אונטערגן וואַסער. דער זומער דערנענטערט זיך שוין צום סוף, און קיין אויסוועג פון דער לאַגע זעט זיך נישט!..

עס איז געווען ערב סוכות. אַ לויטערער, ליכטיקער פרימאָרגן.

צוגעטוליעט צו דער מיל, האָט שוין געבלאַנקט משה הערשס גבירישע סוכה, פון הויכע ברעטער געמאַכט. בלויז אַ באַדעקנס האָט איר נאָך גע־פעלט. האָט פּראַיטשיק, מיט אַ סערפּ אין האַנט, זיך אַוועקגעלאָדקעוועט צו דערפילן זיין יאָר־יערלעכן פליכט: אָנשניידן וואַסער־שטעקלעך צו באַדעקן די סוכה.

אָבער אָפּשווימענדיק אַ ביסל פון ברעג, האָט ער סודותדיק פאַרקירע־

ווען דאָס שיפל צום אויסגעבויגענעם, פאַרוואַקסענעם בערגל, לעבן וואַ־סילס קוזשניע, ווו צווישן די ביימלעך האָט זיך געמיניעט אַ ווייס פאַר־טעכל. פונאַנדערנעמענדיק מיט די קלאָרע הענט די צווייגן האָט זיך אסתרל פון דאָרט אַרויסגעשלייכט, און איידער נאָך די לאָדקע איז רעכט צוגע־שווומען צום ברעג, איז זי שוין אריינגעשפרונגען אין איר, אַ בלאַסלעכע, מיט בלישטשענדיקע אויגן.

אַצינד האָט זי איבערגענומען ביי פראַיטשיקן דעם לאַנגן פאַר־שטעקן און גיך־גיך געפירט דאָס שיפל, ווו עס רעדלט זיך שוימענדיק די „קעסל־גרוב״, וואַרפט אָן אַן אימה און גלייכצייטיק לאָקט זי צו זיך, ווי עפּעס אַ ווייסער, ווייכער געלעגער...

צוריק זענען זיי שוין פון דאָרט נישט געקומען... האָט משה הערש, זעענדיק נאָך אַ האַלבן טאָג, ווי זיין סוכה שטייט נאָך אַלץ אָן אַ גרינער יאַרמלקע, אַ זאָג געטאָן מיט כעס:

— וואָס דערלעבט ער נישט צו קומען, דער יונג?

און ווען עס איז אַריבער נאָך אַ שטיקל צייט, האָט ער שוין, צופּענדיק אומרויק די פאַרמעלטע באָרד, געהייסן אַנטלייען ביים גלח די לאָדקע און ארויספאָרן אים אַנטקעגן.

אַנטקעגן איז שוין אָבער אָנגעשווומען בלויז דאָס איבערגעקערטע מיל־שיפל, זיך געקאַטשעט אויף די כוואַליעס און זיך געדרייט אַלץ אויפן זעלבן אָרט, ווי זי וואָלט דאָ געזוכט אירע קרבנות.

*

מיט פישערשע נעצן האָט מען זיי ערשט פאַרנאַכט אַרויסגעצויגן פון וואַסער. איינגעקלאַמערטע, אַרומגענומענע, זענען זיי געלעגן אויפן ברעג און גאַנץ שטעטל, יידן, גויים, זענען דאָ טרויעריק פאַרבייגעגאַנגען, אָנגעקוקט, ווי די פאַרנאַכטיקע, ערב־סוכותדיקע זון שפּרייט זיך מיט אַזאַ רחמנות און וויי אויף די בלויע פּנימער. מ׳האָט געמוזט ווייִנען אויפן בראָך, אפילו די האַרטסטע מענטשן.

אַ פאַרשטערטער סוכות געווען דאָס מאָל אין שטעטל; ס׳זאָל זיך שוין

מער נישט אומקערן אַזוינס! — אָט אַזוי פֿאַרענדיקט מען דאָ די מעשה מיט אסתרקען און פּראָיטשיקן. געוועז אויך אַ ליד וועגן דער טרויעריקער געשעעניש, וואָס לייבל דעם שוחטס האָט פֿאַרפֿאַסט, מען האָט שוין דאָס אָבער בּיסלעכווייז פֿאַרגעסן...

אַ שיקסל אין אַלטן בית־מדרש

...דערציילן איך וועגן מיין ערשטער ליבע? מיין ערשטע ליבע איז געבוירן געוואָרן ביי מאָדנע אויסטערלישע אומשטענדן, אין אַ שפּעטער ווינטערדיקער נאַכט, ווען אַ שניי־שטורעם האָט, פּונקט ווי איצט, געבושעוועט אין דרויסן, געקערט הימל מיט ערד.

איך בין נאָך דעמאָלט אַ קליין ייִנגל געווען, נאָר אין בית־מדרש געזעסן, די ערשטע נעכט וואָך געווען ביי דער גמרא. אָט פּונקט אַזוי ווי איצט, געדענק איך, האָט אויך דעמאָלט געוואָיעט דער ווינט, געפלויגן גאַלאָפּ איבער דעם ווייסן נאַכטיקן שטעטל, איבערן קרומען דאַך פון אַלטן בית־מדרש.

האַלבע נאַכט, און בלויז צוויי לערנערס זענען דאָ געזעסן, איך מיטן „סלאָנימער", אויך אַ בר־מצווה־בחור, וועלכער איז געקומען נאָך סוכות אין אונדזער שטעטל עסן „טעג" און לערנען אין אַלטן בית־מדרש. זענען מיר, ביים שיין פון עמעצנס אַ יאָרצייט־ליכט, געזעסן ביי די אָפענע גמרות און געשוווּמען מיט טומל און ליאַרעם אין ברייטן „ים פון תלמוד", געוואָלט איבערשרייען דעם ווינט אין דרויסן.

דער אויוון, אונטער וועלכן מיר זענען געזעסן, האָט געזעצט מיט דער פרייגיביקער היץ פון קהלשע אויוונס, ווו מ'זשאַלעוועט נישט קיין האָלץ. די ליבע וואַרעמקייט האָט געקלעפּט ווי מיט סמאָלע אונדזערע אויגן. מיר האָבן זיך אָבער געשעמט איינער פאַרן אַנדערן צו כאַפּן אַ דרימל, און מיט די לעצטע ייִנגלשע כוחות געלערנט אַלץ ווייטער און ווייטער...

און פּלוצעם — וואָס רודערט זיך עפּעס דאָרטן אַזוי שטאַרק אין פּאָליש? זאָל עס דער ווינט אַזוי אָנגעבן מעשים? אַ וואַזשנער ווינט!..

אָבער, אָט פּראַלט אויף די שווערע, פֿאַרפֿרוירענע טיר און דריי ווייסע, מיט פּראָסט־פֿאַרוואַקסענע, משונהדיקע באַשעפֿענישן פֿאַלן אַריין אין בית־מדרש — אַ גוי, אַ גויע און אַ קליין שיקסעלע. אומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן מיט מורא און דרך־ארץ, רוקן זיי זיך פֿאַמעלעך, ווי פֿאַרשטאַרטע, צו אונדזער טיש, און צוקומענדיק צום אויוון, טוט זי אַ פֿאַל, דאָס שיקסל, ווי אַ סנאָפּ, אויפֿן באַנק, באַשיטנדיק מיך אין גאַנצן מיט שניי.

— זי איז דאָך שיער נישט געפֿרוירן געוואָרן, ס׳פּיגעלע! — קרעכצן אויס טאַטע־מאַמע, צופֿאַלנדיק מיט גרויס אַפּעטיט צום הייסן קהלשן אויוון.

קומענדיק אַ ביסל צו זיך, דערציילן זיי אונדז, ווי זיי האָבן זיך פֿון אַ דאָרפֿישער חתונה אומגעקערט, און פּלוצעם האָט זיי דער שטורעם פֿאַר־כאַפּט. זיי האָבן דעם וועג פֿאַרלוירן, געמיינט, אַז דער שניי וועט זיי שוין פֿאַרשיטן מיטן פֿערד אין איינעם, אָבער זיי האָבן זיך געראַטעוועט, ווי עס איז צום שטעטל דערשלעפּט. דערזען אַ פֿייערל אין פֿענצטער, זענען זיי דאָ אַריין די גלידער אָנוואַרעמען. אומעטום איז פֿינצטער, פֿאַרמאַכט.

— און דאָס, וואָס דאָ איז אַ „מאַלעלניע״ (בית מדרש) מאַכט נישט אויס? — פֿרעגט אונדז דער גוי, פֿינטלענדיק מיט תמעוואַטע אויגן אויף דער יאָרצייט־ליכט.

— עס מאַכט נישט אויס, אַדרבא! — ענטפֿער איך אָפּ מיט אַ טאָן פֿון אַ גרויסן. איך ענטפֿער שוין אויך פֿאַרן „סלאָנימער״, וועלכער קען קיין גוייש נישט רעדן. און כדי ארויסצווייזן וואָס מער גאַסט־פֿריינד־שאַפֿט און „דערהייבן דעם יידישן נאָמען״, ברענג איך צונויף די אַלטע, צעריסענע טליתים, וואָס וואַלגערן זיך אין אַלטן בית־מדרש, וויקל זיי אויף אין אַ קנויל און לייג זיי אונטער דעם שיקסל צוקאָפּנס.

זי שמייכלט צו מיר מיט אירע פֿינקלדיקע אייגעלעך און איך פֿיל, אַז אין דער אָ מינוט וואָלט איך געטאָן פֿאַר איר אַלץ אין דער וועלט. ווען איך וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט איך אַפֿילו דעם שלעסל אַראָפּגע־ריסן פֿון שמשס שאַפֿע, דעם קידוש־וויין פֿון דאָרט ארויסגענומען און דעם געפֿרוירענעם מיידעלע עס געגעבן.

אָבער אָט איז זי אַנטשלאָפֿן געוואָרן, דאָס שיקסל, אויפֿן באַרג שמו־ציקע טליתים, די פֿלאַקסענע האָר צעפּאַטלט און די בעקלעך גליען, ווי אַ פּאָר רויטע ווינטערדיקע עפּל... איך נעם פֿון איר די אויגן נישט אַראָפּ און טראַכט, אַז אַזוי האָבן מסתמא אויסגעזען די טעכטער פֿון מדין און מואב, מיט וועלכע די יידן האָבן אַ מאָל, ווי עס שטייט אין חומש, גע־זינדיקט...

און ווען דער גוי מיט דער גויע האָבן זיך צעשנאָרכט איבערן בית־מדרש און מיין חבר, דער „סלאָנימער", האָט איינגעדרימלט מיטן קאָפּ אויפֿן פּויסט, האָב איך זיך מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ צוגעזעצט לעבן דעם שיקסל, געגלעט איר מיט ציטערדיקע הענט די פֿלאַקסענע האָר, דעם הייסן פּנים און געפֿילט ווי עפּעס אַ ניי, מעכטיק געפֿיל גייט אויף אין מיר; אַ געפֿיל, פֿון וועלכן איך האָב ביז דעמאָלט נישט געוווּסט.

די ערשטע ליבע מיינע — אַ שיקסעלע, אין אַ ווינטערדיקער שטו־רעמדיקער נאַכט, אין אונדזער אַלטן שטעטלשן בית־מדרש!..

עס ציט אים צום יידנס פרנסה

שלמהקעס זיידע, שמואל שעקליקער, איז זיינע גאַנצע יאָרן געווען אַ סאַדאָווניק, געהאַלטן ביי גויים סעדער אין אַרענדע. ער איז געווען אַ הויכער ייד, מיט אַ ברוין־צעקאַרבטן פּנים, מיט אַ ברייט־צעפּלאַטערטער באָרד, און שטענדיק האָט זיך געטראָגן פון אים אַ פּרוכט־ריח, אַפילו ווינטער.

אין שטעטל זענען געווען נאָך יידן סאַדאָווניקעס, פלעגן זיי זיך אָבער כמעט אַלע קלאָגן אויפן געמוטשעטן לעבן אין דעם שטרויענעם ביידל, אין רעגן און שטורעם. שמואל שעקליקער אָבער, איז ממש פאַרליבט געווען אין סעדעריי און נאָך פּאַר שבועות פלעגט ער פאַרשווינדן אָפּט פון דער היים מיטן טלית און תפילין, היטן אין דאָרף דעם געדונגענעם סאָד.

ערשט מיטן צייטיק ווערן פון די ערשטע געלע „צוקרוווקעלעך" (אַזעלכע זיסע באַרנעלעך), פלעגט ער זיך צוריק באַווייזן אין שטעטל. אָבער בלויז פרייטיק און זונטיק. ער פלעגט זיך אַוועקשטעלן דעמאָלט אויפן מאַרק מיטן וועגעלע אויבס, די האָלאָבליעס אין דער הויך, און פאַרקויפן די פרישע באַרנעלעך, מיט דער ראָסע פון אויבן, פאַר ווייבער און גויים אויפן קוואָרט.

שלמהקע, דער אייניקל זיינער, פלעגט שוין דעמאָלט נישט רוען; ווו חדר, ווען חדר? אַ גאַנצן טאָג איז ער אָפּגעזעסן אויפן וועגל און מיט ייִנגלשער פרייד געהאָלפן דעם זיידן פירן דעם מסחר.

זייענדיק שוין אפילו אַ היבשער בחור, אַ שטעטלשער „אינטעלי־גענט", וואָס טראָגט פּענסנע און לייענט רוסישע ביכלעך, האָט ער נאָך

אַלץ ליב געהאַט צוצוכאַפּן זיך אָפּט צום זיידנס וועגעלע פּרוכט, אַז מען פלעגט אים גאָר נישט קענען אָפּרייסן פון דאָרטן.

זיין טאַטע, אַ שיינער יוסטער באַלעבאָס, אַ שניט־קרעמער, האָט זיך געשעמט דערמיט. פלעגט ער, ביז הייזעריק ווערן, שרייען צו שלמהקען פון הויכן בריקל אַראָפּ:

— איך רוף דיך, שלמהקע, צי ניין ?..

ער האָט בכלל מורא געהאַט, דער טאַטע, אַז דער אַלטער מיטן וועגעלע זאָל אַ מאָל נישט שאַטן שלמהקען אין שידוכים.

עס האָט אים גאָרנישט געשאַדט; שלמהקע האָט דווקא געטאָן אַ רייכן שידוך אין דער נאָענטער גרויסער שטאָט, פאַרלייגט דאָרטן פאַרן היבשן נדן אַ גרויסן מאַנופאַקטור־געשעפט און עס איז אים אַוועק נישט שלעכט, גאָר נישט שלעכט.

קומענדיק אין שטאָט, פלעג איך אַ מאָל אַריינגיין צו אים, געוואָר ווערן. פלעגט ער, אַ צעשמייכלטער, מיט נגידישער זעלבסטצופרידנקייט, נאָכפרעגן זיך אויף דעם שטעטעלע, אָפּפרישן אַלטע זכרונות. ווען ער פלעגט דערמאָנען אָבער דעם זיידנס וועגעלע פּרוכט (ער האָט עס שטענדיק געמוזט דערמאָנען), פלעגט מיט אַ מאָל די נגידישע אָנגעצויגנקייט פאַרשווינדן. אדרבה, אַן אומעט־וואָלקנדל פלעגט זיך דעמאָלט פאַרציען איבערן אויסגעכאַליעטן פּנים, עפּעס אַ שיינער אומעט...

*

אַ פּאָר יאָר האָב איך שלמהקען נישט געזען, און אַדורכגייענדיק נישט לאַנג, אָוונט־צייט, די גאַס, ווו ער האָט געהאַט זיין גרויסן געשעפט, האָט מיר אַ ציִ געטאָן, אַריינצוגיין צו אים.

אָבער צו דער זעלבער צייט האָט צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט אַן אָריגינעלע פּרוכט־שטעל אין ווינקל גאַס. נישט אַ טישל, ווי ביי אַלע שטאָטישע פּרוכט־הענדלער, נאָר אַ וועגעלע, פונקט אַזאַ וועגעלע, ווי ביי שלמהקעס זיידן אין שטעטל, מיט די האַלאַבליעס פאַרקאַטשעט אין דער הויך; נישט מער, די פּרוכט זענען דאָ נישט אַזעלכע פרישע, נישט מיט דער שמעקנדיקער ראָסע פון אויבן. בייכיקע קוישן מיט צוגעפוילטע עפּל און

באַרנעס שטייען אויפֿן וועגעלע און אַ שווינדזוכטיקער שיין פֿון אַ נאַפֿט־לעמפּל פֿאַלט אויף זיי און מאַכט זיי נאָך נעבעכדיקער.

אָבער דאָס וועגל איז פּונקט אַזאַ ווי יענער, און — מערקווירדיק — די באַוועגונגען פֿונעם פּרוכט־הענדלער, עפּעס אַ פֿאַרוואַקסענער יונגער־מאַן אין אַן אויסגעריבן פֿאַרשמאַדערט רעקל, דערמאָנען אַזוי שטאַרק אין שמואל שעקליקער, פּונקט ווי יענעמס שאָטן וואָלט זיך דאָ באַוועגט ארום וועגעלע אויבס אין ווינקל גאַס...

איך האָב זיך צוגעקוקט אַ ביסל נענטער, און פּלוצעם האָט עס מיר אַ האַק געטאָן אין קאָפּ: שלמהקע... יאָ, נישט קיין אַנדערער, שלמהקע!..

— נו, וואָס פֿאַרלאַנגט איר, יונגער־מאַן? — האָט ער זיך מיט אַ מאָל אַ קער געטאָן צו מיר אינעם האַלב־טונקל — אפשר אַ פֿונט גוטע עפּל, באַרנעס?.. און אָט אין דעם קאָש האָט איר צוקראָווקעלעך, זיסע טייערע צוקראָווקעלעך!..

ער האָט מיך לסוף דערקענט, געשוויגן אַ ווײַלע, געווישט אַלץ די האַלב־צעבראָכענע פּענסנע און זיך ביטער צעשמייכלט:

— נו, וואָס זאָגט איר, וואָס דער קריזיס האָט פֿון מיך געמאַכט? אַ מאַרק־יידענע האָט ער פֿון מיך געמאַכט!.. כאָטש, דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך געהאַט די ברירה זיך צו נעמען צו עפּעס בעסערס אויך, ארומטראָגן, למשל, רעשטלעך איבער די הייזער, ווי אַנדערע געפֿאַלענע שניט־קרע־מערס... אָבער אַ מאָדנע זאַך, ס'האָט מיר אַלץ געצויגן צום פּרוכט־מסחר... איך ווייס אַליין נישט פֿאַר וואָס... אַ ירושה געפֿיל פֿון זיידן, מסתמא. די „גאָלדענע קייט” פֿון שמואל שעקליקער, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט דעם סאָד, מיט די צוקראָווקעלעך, מיטן וועגעלע...

א גאַסט ביי זיין אַמאַליקער געליבטע

„זשאמע באַנקיר", דער אַלטער, אַ ביסל געהויקערטער, געלער בחור מיטן קליין פויגלש פּנימל און לאַנגע אַראָפּגעהאָנגענע אויערן, פאַר־ברענגט שוין כמעט שטענדיק דעם שבתדיקן טאָג ביי זיין ברודער זעליק אין דער גרויסער רייכער דירה אויף דער נגידישער גאַס.

אַ מאָדנע זאַך: אין מיטן דער וואָך לאָזט אים נישט דער ברודער, דער אויפגעקומענער שוך־קרעמער, אפילו אויפן שוועל אַרויף. ער שעמט זיך מיט אים פאַר די סוחרים. אָבער שבת איז ער אַן אָנגעלייגטער גאַסט. די מעשה איז, וואָס שבת הייבן זיי זיך אויף ביידע, זעליק מיט זיין יונג ווייבל ביילקע, און גייען אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג שפּאַצירן, אָדער אין געסט ערגעץ — מאַלע ווו עס איז דאָ צו פאַרברענגען אין אַ שיינעם, שבתדיקן טאָג? — און אים, זשאַמען, לאָזן זיי איבער, צו היטן די שטוב; די דינסט, אַ יידיש מיידל, וויל אויך אַ ביסל אַרויסגיין שבת, און פאַר־שליסן ווילן זיי נישט. האָבן רק מורא, מען זאָל זיי נישט באַגנבענען.

וואָס זשע קריגט ער דערפאַר, זשאַמע? אַ פּאָר אַלטע שיך, אַן אָפּ־געטראָגן רעקל, און אַ מאָל דאָס אויך נישט. „דער טייערער „בראַטאָקל" — טראַכט דעמאָלט זשאַמע אַ געל־צעקאָכטער — מיינט מסתמא, אַז ער מאַכט מיר גליקלעך, וואָס ער לאָזט מיר כאָטש אַריין אין דער גבירישער שטוב זיינער! אָבער איך לאַך פון אים מיט זיין גבירישקייט אין איינעם. ווען נישט די מלחמה, וואָלט איך געוועזן רייכער פון אים און אַ ווייב וואָלט איך אויך געהאַט אַ שענערע!.."

אָט אַזוי טראַכט ער, זשאַמע, כאָטש זי געפעלט אים דווקא, די שוועגערין ביילקע, אַזאַ שוואַרץ־חנעוודיקע איז זי, אַ פּוכלינקע, מיט אַ ליכ־

טיקן שמייכל, און אַז מען וויל זאָגן, טוט ער דאָס אפשר אין גאַנצן צוליב איר, וואָס ער לאָזט זיך פאַרשפּאַרן אויף אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג און היט די שטוב, ווי אַ הונט. „ווועסט דאָך זיין אַ פּאָר שעה, זשאַמעלע, אַ יאָ?״ — פאַרבלענדט זי אים תמיד מיט איר ליכטיקן שמייכעלע, און ער בלייבט אַ געפּלעפטער, קען איר נישט אָפּזאָגן...

נאָר וואָס דען טראַכט ער אַזוי, זשאַמע? ווייל ער וויל איר זיך אַליין פאַרמיאוסן. יאָ, אַזוי איז עס!.. ער האָט זי אַ מאָל ליב געהאַט, ביילקען, שטאַרק ליב געהאַט. פאַר דער מלחמה איז עס געווען, בעת ער איז געווען אַן אָפּטער אַריינגייער ביי איר טאַטן דעם שוסטער, אויף אָדעסער געסל. ער, זשאַמע, האָט נאָך פאַרמאָגט דעמאָלט די אמתע מאַטניאַ און כמעט גאַנץ כאַנייקעס, דער אָרעמער, נידעריקער טייל שטאָט, האָט געליען ביי אים געלט אויף פּראָצענט. „דער באַנקיר פון כאַנייקעס״, האָט מען אים גערופן, „זשאַמע באַנקיר״. איז ער אָבער, בשעת דער דייטש האָט אַ שפּאַר געטאָן אַהער, אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, און צוריקקומענדיק פון דאָרטן האָט ער שוין נישט געהאַט צו וועמען צו ריידן. נישט די בעלי־חובות האָבן געוואָלט פון אים הערן און געדענקען, און אויך, דאָס גלייכן, ביילקע האָט זיך שוין נישט געלאָזט דערקענען...

אמת, צו איר קען ער קיין טענות נישט האָבן. זי האָט אים קיין מאָל גאָרנישט צוגעזאָגט. אדרבה, נישט איין מאָל פלעגט זי אים אַפילו געבן אָנצוהערעניש, ביילקע, אַז קיין „סקראַגעס״, קיין קאַרגע מענטשן לײדט זי נישט, בפרט נאָך אַזאַ איינעם, וואָס פאַרגינט זיך נישט דעם ביסן אין מויל און די קאָסטיומען זיינע האַנדלט ער איין אויפן „טאָלטשאָק״, אויפן מאַרק פון אַלטוואַרג... דאָס האָט זי געמיינט אים, פאַרשטייט זיך, אָבער — עס מאַכט נישט אויס! שפּעטער וואָלט זי גערעדט אַנדערע דיבורים — מ׳קען זיי שוין, די מיידלעך!.. איז אָבער נישט באַשערט געווען. ער איז אַוועק קיין רוסלאַנד, פאַראַרעמט געוואָרן, האָט זיך דאָ דערוויייל „אונטער־געפּוצט״ צו איר דער ברודער. זיי האָבן חתונה געהאַט און... ער היט זיי די שטוב!

— פיין דערלעבט! — טראַכט זשאַמע, אומדרייענדיק זיך מיט זיין

שלאָבעריקן גאַנג, איין פוס אַהער, איין פוס אַהין, פון איין צימער אין אַנדערן, באַטראַכט צום וויפלסטן מאָל איטלעכס שטיק מעבל, טראָגט צו נאָענט צו די שפּיציקע, קורצזיכטיקע אייגעלעך יעדע קליינינקייט, וואָס איז אָנגעשטעלט אויפן בופעט; טצו־טצו־טצו! — שמוצערט ער מיט די ליפּן, צופּט פאַרזאָרגט די געל־שטעכיקע פאַרוואַקסנקייט אונטער דער גאָמבע און ברענגט אַרויס אַלע ווײלע אַ באַדויערנדיק כאָרכלען:

— עך, ווען נישט די מלחמה! ווען נישט די מלחמה!

שווערער אַ ביסל איז אין שלאָף־צימער; דערזעענדיק די צוויי גלאַנציקע דעמבענע בעטן, הויך און שטיל פאַרבעט מיט די גרינע, פּלושענע דעקעס, פילט ער, ווי ער קען זיך פון אָרט נישט רירן, עס פאַרדרייט זיך אים דער קאָפּ און דאָס האַרץ האַמערט. אַגב, זעצן דאָ טאַקע אין די נאָזלעכער עפּעס אַזעלכע שאַרפע, משונהדיקע ריחות, אָדעקאָלאָן און סתם ווייבערשע ריחות, און אויפן קליינעם נאַכט־טישעלע אין מיטן ווינקען מיט אויסגעוואָרעמטן סוד עטלעכע האָר־נאָדלען; נעמט ער עס מיט שטילן ציטער אין האַנט אַריין, צערטלט עס מיט די בלייכע פייכטע פינגער און פילט, ווי די ליבשאַפט זיינע צו ביילקען איז נאָך אָן אַ גרענעץ... אָבער באַלד פאַרשעמט ער זיך פאַר זיין „יאָלדישקייט", וואַרפט אַוועק די נאָדלען מיט אַ דריבנעם, קאַרגן שפּייעלע און הייבט אָן קלאַפּן מיט די פינגער אין אַ ווענטל פון בעט, ווי ער וואָלט וועלן אויספּרובירן די שטאַרקייט.

— און איך זאָג, אַז עס וועט נישט אויסהאַלטן — שמייכלט ער קרום, פינטלענדיק מיט אַן אויגל — האָסט זיך פאַרנומען צו ברייט, ברודערקע. בעטן, בופעט, פאַרפומעס... ניין, נישט אַזוי פירט מען אַ וועלט, ס'וועט מוזן פּלאַצן, און דעמאָלט וועט זיך נאָך ביילקע בעטן ביי מיר... יאָ, מ'קען גאָרנישט וויסן!..

אַרומקוקנדיק זיך, אַן אויפגערודערטער, אין אַלע זייטן, טאַפּט ער אָן אונטערן וואַטאָוון לייבל, וואָס ער טראָגט סיי ווינטער, סיי זומער, דעם נייעם קניפּל, וואָס ער האָט שוין באַוויזן אָנצוקלויבן, זינט ער איז געקומען פון רוסלאַנד. אַ פּאָר הונדערטער איז שוין דאָ!.. אַ ביסל האָט זיך אים איינגעגעבן ארויסצורייסן ביי די בעלי־חובות, און דאָס רעשט האָט

ער אָנגעקליבן פונעם ברודערס געשענקטע בגדים, וואָס ער פאַרקויפט אויפן מאַרק. עסן עסט ער אין דער ביליקער קיך און קיין דירה־געלט קאָסט אים אויך נישט. ער ווינט אויף אַ בוידעם־שטיבל ביי אַן אַלטער מאַרק־הענדלערין, וועלכע האָט ביי אים געליען אַ מאָל 10 רובל, ווינט ער ביי איר איצט אָפּ פאַר דעם פּראָצענט...

— יאָ, מען דאַרף וויסן, ווי צו לעבן אויף דער וועלט! — פירט ער זיינע ציטערדיקע פינגער איבערן לייבל און זיינע שפּיציקע אייגעלעך גלאַנצן, ווי ביי אַ קאַץ, קעגן די בעטן. און אַז עס קומען צו גיין פון גאַס דער ברודער מיט דער שוועגערין, גליטשט ער זיך ארויס מיט אַ זייטל שטיל, אָן אַ „זיי־געזונט" — נאָך דער מתנה וועט ער שוין קומען אין מיטן דער וואָך. אונטערן טיר שטייט ער נאָך אָבער אַ לאַנגע צייט, די לאַנגע אויערן אָנגעשפּיצט, און ער הערט טאַקע אַ מאָל, ווי דער ברודער טוט אַ זאָג צו דעם ווייבל מיט אַ נגידיש ברייט געלעכטערל:

— ווּעסט נאָך זען,ביילקע, אַז דער אַמאָליקער „ליובאָוויניק" דיינער, „זשאַמע באַנקיר", וועט דיר נאָך לאָזן אַ ירושה אויך... יאָ, יאָ, לאַך נישט, לאַך נישט!.. מ׳קען גאָרנישט וויסן!..

און ער ברומט אונטער הרחבה׳דיק אַ שבת צו נאַכטיק ניגונדל.

זימל דער מלמד קלייבט שטשאַוו

אַזוי שוין יעדן פרילינג; ווי נאָר עס באַווייזן זיך אין שטעטל די ערשטע גרינע שטשאַוו־בלעטלעך, אַזוי שווימט דאָ אַרויס אַלעמען פאַר די אויגן די געשטאַלט פון זימל דעם דרדקי־מלמד, אָט דער קליינער, יאַדישליוועער יידל מיט דער גרויסער, קאָלטענעוואַטער באָרד און מיט דער גרויסער ליבשאַפט צו שטשאַוו, ווייל עס וואַקסט פראַנק און פריי אויף גערטנער און לאָנקעס, און ווער עס וויל, פלעגט ער זאָגן, קען קומען און עס זוכה זיין פון הפקר...

אין שטעטל האָט מען אים דערפאַר גערופן „זימל מיט די שטשאַוו", און די ווייב זיינע, „שרה די עקרה", האָט שוין געהאַט פון אים צו זינגען און צו זאָגן.

אַריינגענומען זיך אין זינען אַריין שטשאַוו, האָט שוין זימל אַ גאַנצן זומער קיין אַנדער מאַכל אין מויל נישט געוואָלט נעמען. עס איז רעכט געווען אַפילו אָן ברויט און אָן קאַרטאָפל, בלויז די גרינע בלעטלעך אַליין.

און געטאָן האָט ער עס נישט אַזוי מחמת אָרעמקייט, ווי צוליבן „פרינ־ציפּ": ער האָט געהאַלטן, זימל, אַז אַ מענטש דאַרף נישט זיין קיין בעל־הוצאה אויפן עסן, עלעהיי אַ פויגל אין הימל, אַ טויב...

שטשאַוו מיט לחם דאַרף זיין פריי פאַר אַלעמען, — פלעגט זימל טענהן זיין אייביקן ווערטל, — ווילסט עפּעס בעסערס, טאָ גיי אַרבעט!

דעם דאָזיקן „לאָזונג" זיינעם פלעגט ער ביי יעדער געלעגנהייט פריי־דיקן פאַר די שטעטלשע יידן, מוסרן זיי, הלמאי זיי צאָלן די גויעס צוויי און אַפילו דריי גראָשן פאַר אַ בינטל שטשאַוו, בעת גאָטס וועלט איז פול מיט די דאָזיקע טייערע גרינינקע בלעטעלעך, וועלכע בעטן זיך ממש: קומט און רייסט אונדז, מיר פאַרלאַנגען ביי אייך גאָרנישט, גאָרנישט!..

די קרעמער פון מאַרק און די באַלעבאַטישע בחורים, וועלכע האָבן נישט געוווסט, וואָס צו טאָן מיט די גלות־לאַנגע זומערדיקע טעג, איז זימל מיט זיין תורה דווקא געווען צום האַנט... זיי פלעגן אים שוין מיט כלערליי קונציקע מיטלען אַרויסנאַרן פון חדר, און ער פלעגט שטיין און דרשענען פאַר זיי, אַז „שטשאַוו מיט לחם דאַרף זיין פריי פאַר אַלעמען"; ער פלעגט אַזוי לאַנג ריידן, ביז וואַנען אויפן מאַרק פלעגט, ווי אַ שטורעם, אַראָפּפאַלן פּלוצלונג די ווייב זיינע, „שרה די עקרה", און בעשמעטערן דעם מאַנס דרשה מיט אירער נישט־וויניקער פּאָפּולערע פּראָזע:

— עך, זימל, זימל, דאַרפסט האָבן אַ משוגעים־הויז נייטיק ווי ס'לעבן!..

אַ הויכע, אַ דאַרע, פלעגט זי אָננעמען פאַר אַ האַנט איר קליין מאַנעלע און ווי אַ קינד אַוועקפירן אים אין חדר אַריין, פּונקט ווי ער וואָלט געווען נישט קיין רבי, נאָר אַליין אַ תלמיד.

זימל איז אָבער קנאַפּ־וואָס נתפעל געוואָרן פון דעם אַלעמען, און אין אַ פּאָר טעג אַרום ווידער געטאָן דאָס זייניקע. און ער איז נישט אָפּגעקומען בלויז מיט שעהען ריידעריי. פרייטיק נאָך האַלבן טאָג, פריילאָזנדיק זיינע „פויערשע קעפּ", פלעגט זימל די אידעע זיינע פאַרווירקלעכן אין לעבן: אַוועקשפּאַצירן דורך אַ הינטער־וועגל אויף די „אסטאַשעס", די גרויסע לאָנקע, וואָס ציט זיך הינטערן בית־עולם, אָנקלייבן דאָרטן אַ פולע טיכל מיט שטשאַוו און מיט אַ פאַרשוויצט, אָבער שיינענדיק פּנים זיך אומקערן אַהיים.

קיין וויסטער חוזק און געלעכטער האָט שוין דעמאָלט אין שטעטל נישט געפעלט. קרעמערס און באַלעבאַטישע בחורים פלעגן שוין אָפּוואַרטן זימלען מיטן אָנגעקליבענעם פּעקל שטשאַוו אין האַנט, אַריינגעמען אים אין מיטן און לצעוען מיט אַ גמרא־ניגון:

— נו, גוט, מיט די שטשאַוו זענט איר שוין, ר' זימל, דורכגעקומען — פריי פאַר אַלעמען — אָבער וואָס וועט איר מאַכן מיט ברויט, וואָס וועט איר מאכן?..

פלעגט זימל שמייכלען מיט אַ גוטמוטיקן מאַרטירער־שמייכל:

— נישט געדאגהט, יידן, מ'וועט נאָך דאָס אויך דערלעבן!

אָבער זימל האָט גראָד וויניק געלעבט... קלייבנדיק שטשאַוו אויף דער

פייכטער לאַנקע האָט ער זיך איין מאָל שטאַרק צוגעקילט, אָפּגעלעגן עטלעכע טעג אין גרויס היץ, געפּרעפּלט אַלץ מיט פאַרטריקנטע ליפּן: „שטשאַוו מיט לחם — פריי פאַר אַלעמען״, און איז לסוף אָוועקגעשטאָרבן...

דאָס ווערטל זיינס לעבט נאָך אָבער אין שטעטל עד היום, און אַ סך יידן גייען דאָ אפילו לעצטנס אין זיינע וועגן, קלייבן אַליין די גרינע שטשאַוו־בלעטעלעך אויף לאַנקעס. און וועגן „לחם״ חלומען זיי אויף דער וויטער צוקונפט...

דער סוד אויפן פעלד

דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געוויגט, געטומלט, אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט די אמתע סיבה, פאַר וואָס דער אַלטער קרעמענטשוגער חזן, וועלכער איז דאָ אָראָפּגעקומען אויף שבת דאַווענען מיט זיין גרויסער משור־רים־קאַפּעליע, האָט פאַרשפּעטיקט אויף אַ גאַנצע שעה צו קבלת שבת; דער פייערלעך־אָנגעפּראָפּטער בית־מדרש וואַרט, די קאַפּעליע אויפן בימה וואַרט — און ער איז נישטאָ! מען שיקט שליחים אויף דער אכסניא צו דער געלער איטע, ענטפערט די יידענע, אַז דער חזן האָט איר פאַרנאַכט געבעטן אַ שיסל הייסע וואַסער מיט זייף, זיך איינצווואַשן לכבוד שבת, נאָך דעם האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז ערגעץ אַוועק, איינגעוויקלט אין דער שוואַרצער פּעלערינע. ווו זשע האָט ער זיך ערגעץ אַהינגעטאָן, דער אַלטער קרעמענטשוגער חזן?

קיינער האָט קיין אַנונג נישט געהאַט, בלויז איך, אַ קליין בר־מצווה־יינגל, האָב געוווּסט ווו דער חזן איז פאַרשוווּנדן אין יענעם פּרייטיק־צונאַכטס. געוווּסט און געשוויגן אַ טיף־צעגומענער... איך האָב אַפילו פאַר־שטאַנען, הלמאי דער חזן, אַ שיינער גלייכער זקן, איז נאָך דעם געשטאַנען אַזאַ געבויגענער ביים פאַרשפּעטיקטן מעריב, אַליין אַן אומעטיקער און דער קול אַן אומעטיקער...

ווי קום איך דאָס אַלצדינג צו וויסן? ווייל מיר האָבן געוווינט אין שכנות מיטן שטעטלשן יידישן אַפּטייקער, אַ טיר לעם אַ טיר, און צום אַפּטייקער איז אויך דאָס מאָל, פּונקט ווי אַלע זומער, געקומען זיין מאַמע פון די ווייטע גובערניעס ערגעץ, ווו מען רעדט אויפן „רייש". אַן עלטערע שוין, אפשר ביי די זעכציק, אָבער שענער איז זי געווען, ווי מען האָט גע־

זאָגט, פון אַלע יונגע ווייבלעך אין שטעטל, שענער אַפילו פון דער אַנדרע־יאַנקער פּריצטע... זי איז טאַקע, אַגב, מער ענלעך געווען צו אַ פּריצטע, ווי צו די אַרומיקע שטעטלשע ווייבלעך. אַ הויכע אַזאַ און אַ שלאַנקע, אויף אַ פּאָר זגראַבנע פּיס, אַרום וועלכע עס האָט זיך געוויקלט און גרויס־שטאָטיש געשורשעט אַ שוואַרץ זיידן קלייד. די האָר ווייס־צעבליט, אָבער אין די אויגן, אין די גרויסע ברוינע אויגן — אַ פרישער מיידלשער גלאַנץ, און שטענדיק האָט זיך געטראָגן פון איר אַ שטילער ריח פון פּערפום, וואָס דאָס שטעטל פלעגט עס זשליאָקען אין זיך מיט גרויס הנאה, נאָכמורמלענדיק דערביי:

— וואָס איז דער חידוש, אַז מען האָט אַ זון אַן אַפּטייקער און פּאַר־פומע קאָסט אים קיין געלט נישט!..

וואָס זשע פאַר אַ שייכות האָט דעם אַפּטייקערס מאַמע צום אַלטן קרע־מענטשוגער חזן? אַ, ס'האָט שוין גאָר אַ גרויסע שייכות!.. די מעשה איז אַזוי געווען:

פּאַר ליכט־בענטשן האָב איך זי געזען זיצנדיק אויפן הויכן אַפּטייק־בריקל מיט אַ בוך אין האַנט. זי האָט אָבער נישט געלייענט, נאָר געקוקט פאַרטראַכט אויף דעם פלאַמיקן פרייטיק־פאַרנאַכטיקן זון־פאַרגאַנג, וועלכער האָט זיך אין רויטע פּאַסן צעלייגט אויף די קרומע שטעטלשע דעכער, געבלישטשעט סודותדיק אין די רעגנבויגנדיקע שייבעלעך פונעם אַלטן בית־מדרש אנטקעגן. פּלוצעם האָט זי מיך צוגערופן מיטן פינגער און שטיל געפרעגט, צי איך ווייס, ווו עס שטייט איין דער קרעמענטשוגער חזן.

דערהערנדיק פון מיר, אַז איך ווייס, האָט זי נאָך שטילער, צובויגנדיק זיך צו מיר, אַ זאָג געטאָן:

— אויב אַזוי וועל איך דיך בעטן אַ טובה, יינגעלע. גיי צו צו אים אויף דער אכסניא און זאָג אים, ער זאָל ארויסקומען אויפן „שטילן" שאָסיי, הינטערן ווינט־מיל... ער וועט אפשר נישט וויסן ווו, וועסטו אים צופירן... וועסט זאָגן, אַז חנהלע וואַרט אויף אים, אַ קרובה זיינע... ער וועט שוין וויסן...

אָט אַזוי האָט זי גערעדט צו מיר, דעם אַפּטייקערס מאַמע אויפן „רייש", און איר טיפע לאַשטשענדיקע שטים האָט דערביי מאָדנע געציטערט. איך

האָב עפּעס נעפּלדיק פאַרשטאַנען... סאַראַ אומעט עס איז געווען אין די גרויסע שיינע אויגן!.. און אין אַ פּאָר מינוט אַרום בין איך שוין געווען ביי דער געלער איטע אויף דער אכסניא, שטיל אַריינגעשלייכט זיך צום חזן אין צימער.

כ׳געדענק, ער האָט זיך געוואַשן דעם קאָפּ, און ווען איך האָב אים אַ זאָג געטאָן, וואָס דעם אַפּטייקערס מאַמע האָט מיר געהייסן, איז אים דאָס שטיקל זייף פון האַנט ארויסגעפאַלן.

— חנהלע ? — האָט ער אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט, ווי נישט גלייבנדיק.

— חנהלע ?.. און, אַ צעטראָגענער, גיך־גיך, אָנגעהויבן רייבן מיטן האַנטעך די מילינעס פון קאָפּ, פאַרקעמען די לאַנגע קינסטלערישע האָר ביים אָפּגעריבענעם וואַנט־שפּיגל.

איצט בין איך שוין געווען זיכער, אַז דאָ איז עפּעס אַ מעשה... און כ׳האָב אין מיין יינגלשער נייגעריקייט געטאָן אַ זאַך, וואָס איך האָב אפשר נישט געדאַרפט טאָן. ארויספירנדיק דעם חזן צום „שטילן״ שאָסיי, בין איך נישט אַוועק צוריק אין שטאָט, נאָר איך האָב זיך באַהאַלטן אין די הויכע קאָרן, כדי צו זען די באַגעגעניש זיינע מיטן אַפּטייקערס מאַמע.

און איך האָב טאַקע אַלץ געזען און געהערט... אויף אַ גרויסן מאָכיקן שטיין זענען זיי בידע געזעסן און געוויינט. וואָס האָבן זיי געוויינט ? ווייל זיי האָבן זיך אַ מאָל, ווייזט זיך אַרויס, זייענדיק בחור־מיידל, ליב געהאַט, נאָר אירע טאַטע־מאַמע האָבן געשטערט. א בחור אַ זינגער, אַ שפּילער האָבן זיי נישט געוואָלט. ער האָט דעמאָלט געחלומט וועגן גרויסע זאַכן, פאָרן אין אַ קאָנסערוואַטאָריע לערנען, ווערן אַן אָפּערע־זינגער ; זי האָט אים צוגערעדט דערצו. איז ער אבער, ערשטנס, געווען אָרעם, און, צווייטנס, האָט ער מורא געהאַט זי איבערצולאָזן — אַ גבירישע טאָכטער, ווער ווייס ?.. וואָס זשע האָט ער געטאָן ? איז ער פון פאַרצווייפלונג גאָר אַוועק קיין אַמעריקע, געמיינט זיך דאָרט אַרויפצואַרבעטן, און צום סוף געמוזט ווערן אַ חזן אין אַ קליין שולעכל. ווען ער איז געקומען צוריק, איז שוין אַלץ געווען נאָך אַלעמען... זי, חנהלע, האָט שוין חתונה געהאַט ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט, און ער האָט זיך אַפילו נישט געוויזן פאַר איר, נישט געוווסט, אַז זי בענקט

פונקט ווי ער... און די יאָרן דערווייל לויפן... איצט איז ער אַ וואַנדערנדער חזן און ער פאַרט פון שטאָט צו שטאָט און האָט אַ ווייב מיט אַכט קינדער...

זענען זיי אַזוי געזעסן, דער חזן מיט דעם אַפּטייקערס מאַמע, אויפן פעלד, פאַרטיפט אין די אַמאָליקע זכרונות און נישט באַמערקט, ווי די זון לעשט זיך און עס פאַלט צו די זומערדיקע נאַכט. די גרילן האָבן זיך צעטשוויטשעט אין די קאָרן, אַ בלייכע לבנה איז אַרויסגעשווומען פון הינטערן ווינטמיל און זיי זענען אַלץ געזעסן אויפן שטיין, ווי זיי וואָלטן געווען צו־געשמידט איינע צום אַנדערן.

קיינער אין גאַנצן שטעטל האָט נישט געוווּסט אָט דעם גרויסן סוד. בלויז איך, אַ קליין בר־מצווה־ייִנגל, האָב עס געוווּסט. איך האָב אויך פאַר־שטאַנען, פאַר וואָס דעם חזנס קול איז געווען אַזאַ אומעטיקער ביים פאַר־שפּעטיקטן מעריב, און איך האָב זיך רק געשראָקן, ער זאָל זיך נישט פונאַנדערוויינען פלוצלונג, ווי אויפן שאָסיי דאָרט, אויפן שטיין...

דאָס קינדער־וועגעלע

ווען די טעג וואָלטן ווייטער געשטאַנען אַזעלכע טריבע און רעגנדיקע, ווי עס האָט אָנגעהאַלטן די עטלעכע וואָכן, זינט דאָס נפשל איז אויף דער וועלט געקומען און זיין מירל איז, אַן אָפּגעשוואַכטע פון קימפּעט, אין בעט געלעגן — וואָלט אפשר לייב כאַלעפּן אַזוי נישט ווי געטאָן דאָס האַרץ, פאַר וואָס ער קען נישט ברענגען אַ וועגעלע פאַרן קינד. אין אַ רעגן, ווייס ער, טאָר מען סיי ווי נישט גיין מיט קיין עופעלעך אין גאַס, בפרט נאָך מיט אַזאַ שוואַך קינד, ווי זייערס.

האָט אָבער, ווי אויף צו להכעיס, אַ שיין געטאָן פּלוצעם די פרי־האַרבסט־טיקע זון, פאַרפלייצט די שטאָט מיט אַזוי פיל אויסגעפּוצטע קינדער־וועגעלעך, וועלכע ציען, ווי אַן אויסשטעלונג, צום אַלטן שטאָטישן פּאַרק.

לייב כאַלעף זעט עס אַלץ דורכן גרויסן פראָנט־פענצטער פון זיין פאַראייך־אָרגאַניזאַציע, ווו ער האָט לעצטנס, אַ דאַנק זיין לאַנג־יאָריקער איבערגעגע־בענער פאַרטיי־אַרבעט געקראָגן אַ ביסל באַשעפטיקונג. ער קוקט אויף די מאַרשירנדיקע וועגעלעך, און אין געדאַנק שוועבט דורך, פאַרשטייט זיך, דאָס אייגן, ליב קינד, מיטן איינגעשרומפּט פאַרגעלט פּנימל; דאָס ענגע, פאַרשטיקטע בוידעם־שטיבל; די פּאָר שטראַלן, וואָס שלאָגן אָפּ פון אַנט־קעגנדיקן מויער אויפן קינדס שטרויענעם וויגל... וואָס טוט זי איצט, די קליינע? שלאָפט, אָדער רייסט זיך מיט די לעצטע כוחות? גיכער מסתם וויינט עס, ווי דער שטייגער איז, און מירל פלאַנכעט אויך צו צו ביסלעך. די שטענ־דיקע טענה אירע: אָקאָרשט געבוירן געוואָרן — און פילט אויך אויף דעם יונגן הייטל דעם שרעקלעכן אומרעכט פון לעבן... פאַר וואָס? פאַר וואָס?..

— אַוודאי איז זי גערעכט, מירל, — טראַכט לייב כאַלעף אַ צערודערטער,

אַזש די פעדער ציטערט אים אין האַנט — אָבער... אַ ביסל איז זי אַליין אויך שולדיק, די יונגע ציג... וויפל מאָל האָט ער עס איר געוואָרנט, זיך געבעטן ביי איר: פאָלג מיך, מירל, לאָז עס איבער אויף בעסערע צייטן! אַ קינד איז אַ לוקסוס, ס׳איז נישט פאַר אונדז!

זי האָט אָבער נישט געוואָלט הערן און געדענקען; זאָל זיין וואָס עס וויל זיך — האָט זי געטענהט — כ׳מוז האָבן אַ קינד, אַ פּופּעלע מיט בלויע אייגעלעך און בלאָנדע לאָקן!..

אָט אַזוי לאָזט ער דורך, לייב כאַלעף, צום וויפלטסטן מאָל דורך זיין געדאַנק „די געשיכטע פון אַ פּראָלעטארישער זינד״, ווי ער רופט עס אָן; פאָלגט נאָך מיט פאַרפּייניקטע בליקן די איילנדיקע, אויסגעפּוצטע ווע־געלעך. דער ברייטער, ווייסער, מיט זון־פאַרפלייצטער טראָטואַר רייצט אים און שטעכט אַזוי שטאַרק די אויגן, אַז ס׳איז רעכט, זיי זאָלן אָנהויבן צו טרערן. אַזאַ שאַרפע, בלענדנדיקע ליכטיקייט!

*

אָבער אָט האָט אין איינעם פון די דאָזיקע טעג דער הייזעריקער, אָפּיצ־יעלער טעלעפאָן־גלעקל פון פאַראיין זיך צעקלונגען פלוצעם מיט העלער פרייד; לייבעלע, גראַטוליר! — האָט מירל כמעט אַריינגעזונגען אין טריי־בל — דאָס קינד האָט שוין אַ וועגעלע, אַ שיין, ווייס וועגעלע, טאַקע פּונקט אַזאַ ווי איך האָב געוואָלט... דער מומע הינדעס אַ מתנה! געדענקסט נישט דער אַלטיטשקער מומע, וואָס קריגט געלט פון אַמעריקע? געקומען היינט אַהער צום אויגן־דאָקטאָר, און גלייך געקויפט אַ וועגעלע פאַר פּופּציק גילדן. נו, דאַרף מען זאָרגן, האַ?..

— געוויס דאַרף מען נישט זאָרגן! וואָס עפּעס פאַר אַ זאָרגן? — האָבן די בינטלעך קנייטשן אַרום זיינע אויגן זיך מיט אַ מאָל צעשיינט, צעשמיי־כלט — כאַפּ זיך אָבער נישט, מירעלע, אַליין אַראָפּפירן דאָס וועגעלע פון די טרעפּ, ביסט נאָך צו שוואַך, קינדעלע... אָט קום איך באַלד צו לויפן אויף מיטאָג, וועל איך דיר העלפן אַראָפּטראָגן!

דער גאַנג אַהיים איבער די ווייטע יידישע געסלעך האָט דאָס מאָל גענומען אַ קורצע ווײלע... אָקאָרשט געווען אין פאַראיין — און אָט קאַראַב־

קעט ער זיך שוין מיט טאַטעשן ציטער אויף די צעפּוילטע, קרומלעכע טרעפּ, וואָס פירן אין זיין משפחה־נעסט. ער עפנט די טיר און — וואָס טוט זיך דאָ, וואָס ?..

די מומע הינדע, אַ צעמאַרשטשעטע, אָבער זשוואַווע אַלטיטשקע, אין אַ שוואַרצן, זיידענעם קאָפּ־טיכל, פאַרבונדן אונטער דער שפּיציקער גאָמבע, האָט, אונטערהייבנדיק לייכט דאָס קליידל, ארומגעטענצלט איבערן איינציקן צימער, געיאָגט זיך נאָך דער געלער, מאָגערער קאַץ, און כאַפּנדיק זי לסוף ביים ווידל, אַריינגעשליידערט אינעם נייעם וועגעלע, וואָס איז געשטאַנען ביים פענצטער:

— אַט אַזוי, אַט אַזוי... אויסוויגן, אויסוויגן !.. אַ מאָדנע זאַך מיט די היינטיקע ווייבלעך — אַלץ דאַרף מען זיי לערנען, אַלץ דאַרף מען זיי ווייזן! ווער וויס עס נישט, אַז אין אַ נייעם וועגעלע דאַרף מען פריער אויסוויגן אַ קאַץ, אַז דאָס איז מזלדיק פאַרן עופעלע ?.. נו, וויג, טאָכטערשע, וויג!

און מירל האָט געוויגט, פאַרלעגן געשמייכלט צו לייבן און געוויגט...
„צוואַנציק יאָר אין דער פּאַרטיי, לייב כאַלעף!"... — האָט אים אַ היץ־כוואַליע אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ. ער האָט געוואָלט שרייען, גוואַלדעווען און נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסברענגען, פּונקט מ'וויל שרייען בעת אַ שלעכטן חלום און די ווערטער גייען פון קעל נישט אַרויס. בלויז אַ ווייטיקדיקע גרי־מאַסע האָט אויסגעקרימט זיין לאַנגן פּנים און די אויגן האָבן שטאַר גע־בלאָנדזשעט. ער האָט געזען די עטלעכע אָפּגעשלאָגענע נדבהדיקע שטראַלן אויפן קינדס געל, איינגעשרומפּטן פּנימל און ער איז אויף גיך אַרויס פון צימער.

דער וואַרעמער, לויטערער דרויסן, ספּעציעל באַשטימט, דוכט זיך, אויף צו פירן קינדער־וועגעלעך, האָט אים אַ ביסל באַרויקט, לייכטער געמאַכט דעם געמיט. אַ הויכער, אַן איבערגעבויגענער, האָט ער אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק איבערן שמאָלן הייפל און געטראַכט: מירל! מירל!.. געווען מיידלוויז די בעסטע צוהערערין אין קולטור־און אויפקלערונגס־קרייז, געווען אַזוי ראַדיקאַל, און איצט, נאָך דער חתונה אַזאַ איבערקערעניש — אוי, ווייבער, ווייבער !..

פּלוצעם איז אים איינגעפאַלן: דער קומענדיקער פּרייטיק־צונאָכטס אין קולטור־און אויפקלערונג־קרייז מוז זיין געווידמעט דער דאָזיקער פּראַגע... יאָ, אַן אינטערעסאַנטער אָבערגלויבן — אויסוויגן אַ קאַץ!..

און מיט לייכט־צעשמייכלטע אויגן האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אויבן, כדי אַראָפּצופירן צוזאַמען מיט מירלען דאָס קינד אויפן ערשטן שפּאַציר...

אַ נאַכט אין דעם היימשטעטל

אַ שמייסנדיקער, חשוונדיקער רעגן האָט מיר מקבל־פּנים געווען ביי מיין אָנקומען אין דעם היימשטעטל. אַ געדיכטע פינצטערניש אַרום — כאָטש מיט די הענט אָנצוטאַפּן! אַמאָליקע יאָרן, געדענק איך, פלעגט דאָ פאַלן אויפן מאַרק דער אָפּשיין פון די דערנעבנדיקע קראָמען, און איצט זענען זיי אַלע פאַרקלאַפּט, פאַרהאַמערט. שווער צו וויסן, צי מען האָט זיי אָט דאָ ערשט נישט לאַנג פאַרמאַכט, די קראָמען, מיטן אָנקום פון אָוונט, אָדער מען האָט זיי גאָר, צוליב די ענדעקישע פּיקעטן, לכתחילה נישט געעפנט.

נישט געקוקט, וואָס עס איז נאָך געווען אַזוי פרי, איז שוין מיין פעטער הירשלס שטוב געשלאָפן, פּונקט ווי עס האָבן שוין געדרימלט אירע חברטעס, — די איבעריקע הייזלעך פון געסל, וועלכע האָבן, צעשראָ־קענע, נעבעכדיקע, זיך געטוליעט איינע צו די אַנדערע, תפילה געטאָן, דוכט זיך, אין דער שטיל, עס זאָל זיך נישט דערהערן פּלוצלונג קיין שכורער גויישער געזאַנג...

איך האָב לאַנג געקלאַפּט אינעם פעטערס ברייטן, אַלטמאָדישן לאָדן, אויפגערודערט דאָס גאַנצע שטיבל, אָבער פון אינעווייניק האָט מען זיך עפּעס אַלץ נישט גערירט מיר צו עפענען. ערשט ווען דאָס קייטל האָט זיך לסוף אָפּגעשפּילעט און איך האָב דערזען אויפן שוועל מיין גרויסן פעטער מיטן „קאַפּטשערל" אין האַנט, די אויגן אַזש איבערגעקערט פון שרעק און דער פּנים געל, איז מיר שוין אַלץ קלאָר געוואָרן... איך האָב זיי נעבעך גאָר שטאַרק איבערגעשראָקן, די אַלטוואַרג, מיין ליבן פעטער הילל מיט דער מומע שיינע ראָכע.

— אַזוי, ביסטו עס גאָר? — האָט דער „קאַפּטשערל" נאָך אַלץ גע־

ציטערט און געטאַנצט אין מיין פעטערס האַנט — און מיר האָבן געמיינט, אַז יענע מחבלים, די „פיקעטניקעס״ פון בייטאָג האָבן אונדז פּלוצעם אָפּ־געשטאַט אַ וויזיט... יע, יע, בייטאָג היט מען די יידישע קראָמען און ביינאַכט גייט מען ראַבעווען. שוין געטראָפן אַזעלכע פאַלן, געטראָפן...

אַ געבויגענע, אַן אַלט־געוואָרענע פאַר דער צייט, האָט אַרויסגע־טשאַפּקעט פון שלאָף־צימער די מומע שיינע ראָכע מיט אַ ווייסן נאַכט־טשעפּיקל אויפן קאָפּ. דאָס ביסל אַרויסגעקראָכענע שיטערע הערעלעך ביי די זייטן האָבן געוועקט אַזאַ רחמנות צו אָט דער אַמאָליקער „אשת חיל״ און פּירערקע פון דער גרעסטער שניט־קראָם אין שטעטל. זי האָט מיד אַ שלעפּ געטאָן פאַרן אַרבל אויפן מיטן שטוב אַרויס און זיך באַמיט איבערצושרייען דעם געוויין, וואָס האָט זיך געריסן פון איר איבער גוואַלד:

— נאַ, זע כאַטש, זע, וואָס מען האָט געמאַכט פון אונדז!.. אַ שטוב איז עס? אַ פּוסטקע איז עס!.. נישט קיין טיש, נישט קיין שטול, נישט קיין בענקל. האַנדלען לאָזט מען נישט, אָבער שטייערן — צאָל!.. דאָס גאַנצע ביסל מעבל האָט מען דאָך ביי אונדז צוגענומען, אַלץ קיין ביעלסק — אויף דער ליציטאַציע!..

— איי, ווי איז מיר! — האָט זי פלוצלונג די הענט פאַרבראָכן — איך האָב דאָך אַפילו קיין סאָפּקע נישט, וווּ דיך שלאָפן צו לייגן, סיידן אויף דער ערד, שונאי ציון... אַ פּוסטקע האָבן זיי מיר געמאַכט, אַ פּוסטקע!..

די שטוב האָט באמת אויסגעזען ווי אַ חורבה. אַ גרויל האָט געיאָגט איבערן לייב פון די נאַקעטע אָפּגעשיילטע ווענט, קוים באַלויכטן דורכן רויכערנדיקן „קאָפּטשערל״. דאָס קעסטל קאַרטאָפל, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און אָנגעפילט דעם צימער מיט אַ ריח פון האַרבסטיק־צעגראָבן ערד, האָט נאָך גרעסער געמאַכט דעם חורבן. ניין, קיינער וואָלט נישט געזאָגט, אַז דאָס איז דעם פעטער היללס תמיד אויסגעפּוצטע שטוב, אַז אינעם דאָזיקן גרויסן צימער איז דאָס דער „זאַל״ געווען, און פרייטיק, בעת מען פלעגט וואַשן די פּאָדלאָגעס, האָט מען דאָ אַ גאַנצן טאָג נישט געטאָרט דעם פוס אַריינשטעקן — ס׳חיות נישט זיכער!..

וואָס פאַר אַ נישט־גוטער האָט עס אַלץ איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ? אַפילו די בייזע באַברעמטע אויגן פונעם עלטער־זיידן יעקב שיע, וואָס קוקן אַראָפּ פון דער אַלטער פאַרגעלטער פאָטאָגראַפיע אויפן וואַנט, וווּנדערן זיך, דוכט זיך, אַ גרויסן וווּנדער. ער, דער ייד, וועמען גראַף פּאָטאָצקי, דער אַמאָליקער מושל פון דער שטעטלשער ערד, האָט מיט העכער הונדערט יאָר אַראָפּגעבראַכט אַהער צו פון טיף־פּוילן, ער זאָל אים פירן זיינע עסקים און פאַרגרעסערן דאָ דעם יידישן ישוב — פאַרשטייט נישט, וואָס עס קומט דאָ פאַר אַזוינס... וואָס פּייניקט מען אַזוי זיינע אייניקלעך? פאַר וואָס? פאַר ווען?..

מיין פעטער, דער אַלטער בעל־בטחון, האָט דערוויַיל געטרייסט דער מומען, וועלכע איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ ווינקל:

— נו, שאַ, יידענע, שאַ!.. דער הימל ליגט נאָך דערוויַיל נישט אויף דער ערד... נאָך אַלעמען, איז באָך אונדז נישט אַזוי שלעכט. פאַראַן, בנאַ־מנות, מענטשן, וואָס זענען נאָך אונדז מקנא... אָט פאַרמאָגן מיר, למשל, אַ היגטער־טיר, כאַפּט זיך נאָך אַריין ווען עס איז אַ האַרפישער גוי געבן עפּעס צו לייזן, און אַנדערע קרעמערס האָבן עס טאַקע נישט. און וואָס איז עפּעס ווערט דאָס קעסטל קאַרטאָפל, וואָס מיר האָבן אָנגעגרייט אויף ווינטער? אגב, האָט ער זיך געווענדעט צו מיר מיט אַ שמייכעלע, קען מען דאָ טאַקע אויף דעם קעסטל מאַכן פאַר דיר אַ ווילן געלעגער אויך... נישט קיין בייז!.. מען וועט דיר נאָך צושטעלן אַ טאַבורעטקע און דו וועסט שלאָפן ווי אין פוטער, יע, ווי אין פוטער!..

די מומע האָט מיר טאַקע צוגעגרייט אָט דעם „אָריגינעלן” געלעגער, אָבער שלאָפן ווי אין פוטער האָב איך עפּעס נישט געקענט... דער ערד־ריח, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון קעסטל, איז מיר רק געקראָכן אין האַלדז אַריין. אַ רוגזהדיקער רעגן האָט געפּאַטשט אין שיבדל־דאַך און די אַלטע טאָפּאָלן אַרום שטוב האָבן אַזוי אימהדיק גערוישט, געקלאָגט, דוכט זיך, אויף אַ מענטשלעך לשון אין דער חשוונדיקער נאַכט אַריין:

— הויל מאַכט מען אונדז, נאַקעט, אין גאַנצן נאַקעט... אַפילו קיין אין בלעטעלע לאָזט מען נישט איבער!..

און דאָ ריר איך אָן מיט אַ האַנט די קאַרטאָפּלעס, און איך דערמאָן זיך אויף דעם פּעטערס מונטערע רייד:

— אָט האָבן מיר קאַרטאָפּל אויפן ווינטער; וואָס איז דאָס ווערט? אַנדערע האָבן דאָך דאָס אויך נישט.

אַ סאָד

ווען דער אַלטער מנשה קלעזמער אין ווערסנע־צייט אָפּגעשטאָרבן, איז זיין קליינע, היינטערשטאָטישע הייזל מיטן באַגראָזטן, פֿאַרצאַמטן פּלאַץ אַרום — אַריבערגעגאַנגען צו זיין איינציקן זון אלי „מרוק", אַן אַלטער, געל־פֿאַרוואַקסענער בחור מיט אַ צעשראָקן, פֿויגלשן פּנימל, וועלכן מען האָט קיין מאָל נישט געזען אין ערגעץ, חוץ אויף זיין דריי־פּיסיקן שוסטער־בענקל לעבן נידעריקן, איינגעגראָבענעם פֿענצטער. אויסער מיט די גויים־קונדן וועגן שטיוול פֿאַרריכטן האָט ער אפֿשר מיט קיינעם אין שטעטל קיין צוויי ווערטער נישט אויסגערעדט.

די קלעזמעריכע איז נאָך געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר פֿריער, און אלי האָט פּלוצעם, בלייבנדיק דער איינציקער בעל־הבית איבער דעם הייזל, זיך דערפֿילט מאָדנע שלעכט און הילפֿלאָז, ווי אַ קינד. אַ שווערער אחריות־געפֿיל האָט אים שיער צו דער ערד נישט אַראָפּגעבויגן: ווער ווייס, צי ער וועט קאָנען ווי געהעריק זיך „ספּראַווען" מיט דער נחלה, וואָס דער טאַטע, עליו השלום, האָט אַזוי ליב געהאַט און אָפּגעהיט ווי דעם שוואַרצאַפּל פֿון אויג ?..

עס האָט נאָך צייטנווייז קוים געשאַריעט אויף טאָג — געדענקט ער — פֿלעגט ער שוין הערן ווי דער אַלטער פֿאָרעט זיך מיט אַ זיסן קרעכצל אַרום דער בעל־הביתישקייט, קלאַפּט טשוועקעס אין פּאַרקן, וואָס אַרום פּלאַץ, שלעפּט מיט כוח די צעשטשערבעטע זעג, שיט צו פֿרישע ערד צו דער פּריזבע: טופּ־טופּ...

אָט אַזוי אַ גאַנצן טאָג, באַזונדערס די לעצטע יאָרן, ווען ער האָט שוין מער אויף חתונות נישט געשפּילט. אי עס זענען געוואָרן לעצטנס אַלץ ווײַ־

ניקער חתונות אין שטעטל, אי די הענט האָבן זיך אים מוראדיק געטרייסלט.

און נישט האָבנדיק שוין וואָס צו טאָן אַרום שטוב, פלעגט דער אַלטער, זיצנדיק מיט וועמען פון די גויישע שכנים אויף דער גראָז־באַנק, כאַטש רעדן וועגן איר. שטאָלצירן מיט דעם שטאַרקן שטאַנדהאַפטיקן געהילץ און איבערחזרן כמעט שטענדיק זיין הייס־געגאַרטן חלום:

אַך, ווען דער וואָס אין הימל וואָלט מיר נאָך העלפן פאַרפלאַנצן אַ סאָד אַרום שטוב, — וואָלט איך פאַרשטאַנען אַ חסד! און אַזוי וואָס? שטייט אַזאַ גילדענער פלאַץ און פוסטעוועט בחינם!..

אויך מיט אים, אליִן, פלעגט ער אָפט פאַרלייגן אַ שמועס וועגן אַ סאָד, פאַרבינדן עס מיט אַ תכלית, זאָגנדיק ווייך־פאָטערלעך:

— אדרבה, זעסט דאָך אַליין, אַז מיט אַ שידוך גייט עס צו שווערלעך... אָט דערציילט דאָך ביינוש דער שדכן, וואָס מיידלעך חצופות טענהן: „וואָס, זאָגן זיי, אַן אָרעמען שוסטער־יונג און נאָך אַ מרוק אַ צוליִיג?״.. מיט אַ סאָד אָבער איז שוין עפּעס אַנדערש, רעכנסט זיך פאַר אַן עושר, אלי, און דע־מאָלט — עהע! כלות צען פאַר איינער געמען איין די ניכפּה פאַר דיר!..

ער, אלי, פלעגט אים גאָרנישט ענטפערן דערויף. וואָס וועט ער אים ענטפערן, אַז ער ווייס, ער האָט נישט מיט וואָס זיך צו נעמען דערצו?.. דער אַלטער פלעגט אָבער נישט אָפּלאָזן, נישט אויפהערן כסדר צו קייען: סאָד! סאָד!

און איצט, נאָך זיין פאָטערס טויט, האָט ביי אלין, וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער, אָנגעהויבן האַמערן אין קאָפּ דער געדאַנק, אַז דעם טאַטנס לעצטע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער אויפן טויטן־בעט האָבן אויך געמוזט האָבן אַן אָנגעהעריקייט צום סאָד... יאָ, דאָס האָט ער אים געלאָזן אַ צוואה, ער זאָל פלאַנצן אַ סאָד...

צי איז עס אָבער פאַר מיינע כוחות, דורכצופירן אַזאַ מין זאַך? — האָט דער צעשראָקענער, איינזאַמער אלי זיך געקלאָגט פאַר האַמער און קאָ־וואַדלע — און בכלל דער גאַנצער יאָך פון באַלעבאַטישקייט, צי איז עס פאַר מיין שוואַכן קאָפּ? אַז איך בין פאָרט נישט „זדאַטנע״ דערצו?..

אהרן ברעזינסקי

אַ שווערער, אַנגסטלעכער אַחריות־געפיל האָט אים שיער צו דער ערד אַראָפּגעבויגן, נישט געלאָזן ביינאַכט אויפן שלאָף־באַנק איינליגן.

*

און איין מאָל, אַ פרימאָרגן, נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט, בעת אלין האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז אויפן אָרט, וווּ עס הענגט די פאַרשטויבטע ירושה־פידל, שטייט דער געשטאָרבענער טאַטע, כאָרכלט צו אים מיט גרויס צער און מאָנט עפּעס, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַרויסגענומען פון אונטערן שלאָף־באַנק די פאַרזשאַווערטע האַק מיט די איבעריקע מכשירים און איז מיט אַ שווער געמיט אַרויס באַטראַכטן די שטוב.

איז ער דאָ אַרומגעקראָכן אַ צעשויבערטער, אין זיינע לויזע כאַדאַקעס, געטאַפּט, ווי אַ בלינדער, די ווענט. צום ערשטן מאָל, דוכט זיך, דערזען, אַז דאָס הייזל איז געבויט פון ברייטע, פון אַלטקייט שוואַרץ געוואָרענע בערווענעס און נישט געוווּסט, וואָס מען הייבט דאָ אָן צו טאָן.

אַלץ איז, ווי אויף צו להכעיס געווען גוט און נישט געפאָדערט קיין פאַריכטעכץ. די פריזבע — פול ווי אַן אויג מיט שוואַרצער ערד, דער פאַרקאַן גאַנץ, הגם פאַרלאַטעוועט; בלויז דער ברייטער פלאַץ אַרום איז געלעגן פאַריתומט, פאַרוואַקסן מיט ווילד גראָז און אלין האָט זיך געדוכט, אַז דאָס שטיק פעלד טרויערט נאָכן אַלטן בעל־הבית, וועלכער האָט אים אַלץ געוואָלט באַשענקען מיט אַ סאָד, נאָר אין מיטן איז ער אַוועקגעקומען פון דער וועלט.

דעם בחור האָט עפּעס טיף אַ קליאָווע געטאָן אין האַרצן... דאָס איז עס — האָט ער אַ טראַכט געטאָן אַ צוגעמשפּטער — נישטאָ קיין ברירה, מען מוז אָנהייבן שפּאָרן, קלייבן אַ גראָשן צו אַ גראָשן און זען צו פאַרפלאַנצן אַ סאָד. דער טאַטע זאָל דאָרט קאָנען רויק איינליגן אין קבר!..

און פון דעמאָלט אָן האָט ער טאַקע אָנגעהויבן שפּאָרן, אלי. זיך נישט פאַרגונען דעם שטיקל ברויט מיט די רעטעך. די האַרטע, באַשפּיגענע מטבעות רוקן רק אין לאָך פון שעניק און גאַנץ אָפט זיך לייגן שלאָפן מיט אַ הונגעריקן מאָגן.

אָבער דערפֿאַר האָט ער אָנגעהויבן זען וווּנדערלעכע חלומות: דער סאָד איז שוין אַ פּאַרפֿלאַנצטער, אַ צעוואַקסענער — עפּל, פֿלוימען, באַרן — און רוישט אַזוי זיס און קיל מיט זיינע ביימער־קרוינען. שבת בייטאָג איז דאָ פֿול מיט באַלעבאַטישע מיידלעך אין ווייסע קליידער, מען קומט זיך קילן אין שאָטן און מען קוקט אויף אים מיט גרויס ליבשאַפֿט און דרך־ארץ...

נאָך אַזאַ חלום פֿלעגט ער אַ גאַנצן טאָג ארומגיין ווי אַ צעמראַטשעטער, נישט געוווּסט, וואָס מיט אים טוט זיך און אַלע ווילע איז ער געלאָפֿן צום שעניק ציילן דעם קאַפּיטאַל...

די מטבעות האָבן זיך אָבער קנאַפּ וואָס געמערט. די צייט אַ שלעכטע, מיט ווינציק אַרבעט, און דאָ האָט זיך אים אַלץ אָפֿטער באַוויזן ביינאַכט דער דראָענדיקער טאַטע, ער האָט שוין געהערט, אלי, ווי דער טאַטע האָט צו אים בפירוש געכאָרכלט: די שטוב האָסטו מיר פֿאַרלאָזן, בענאָק מיינער, — טאָ פֿלאַנץ כאָטש אַ סאָד, מרה־שחורהניק דו... ווי לאַנג איז דער שיעור צו וואַרטן, האַ!..

וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? — איז אליס פֿויגלש פּנימל איינגע־שרומפּענער געוואָרן פֿון טאָג צו טאָג און די צעשראָקענע אויגן זענען אַלץ טיפֿער געקראָכן אין די לעכער.

ביז איין מאָל, קלאַפּנדיק אַזוי מיטן האַמער איבער אַן אויסגעווייקטער שטיקל פּאָדעשווע, האָט זיך אים עפּעס אַ קער געטאָן אין מוח, און באַלד נאָך דעם האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פֿון בענקל און אזוי ווי ער שטייט און גייט, מיט אַ ווילדן, פֿריידיקן אימפּעט, זיך אַוועקגעלאָזן אין נאָענטן האָ־ראָדניאַנער וועלדל.

און אין אַ קורצער צייט ארום האָט ער זיך אומגעקערט פֿון דאָרט אַ געבויגענער, מיט אַ באַרג צווייגן אויף דער פּלייצע, צווייגן פֿון אַ ווילדן באַרן־בוים. אַראָפּגעוואָרפֿן די משא אויפֿן ירושה־פּלאַץ און אָנגעהויבן גיך־גיך, מיט שווערע שוויס־טראָפּנס אויפֿן פֿויגלשן, פֿאַרוואַקסענעם פּנימל, רוקן די צווייגן אין דער ערד, פּונקט ווי עס טוען אַ מאָל קינדער, פּלאַנצנדיק אויף צו פֿלייסן אַ סאָד.

אלי, וואָס טוסטו? — האָט אים באַלד ארומגערינגלט אַ געזעמל מענטשן, יידן, גויים, אַנקוקנדיק אים, ווער מיט חוזק, ווער מיט רחמנות.

— וואָס הייסט, וואָס איך טו? — האָט אלי אויסגעסטאַרטשעט אַ פּאָר משוגענע אויפגעריסענע אויגן — איך פלאַנץ אַ סאָד, פלאַנץ איך!.. איך האָב אַ צוואה פון טאַטן, איך זאָל פלאַנצן אַ סאָד...

ביים ערשטן שניי

אַז די באַטקער יידן זענען אין דער פרי אַרויס פון די שטיבלעך, האָבן זיי נישט דערקענט זייער שטעטל; נעכטן נאָך אַ פּאַרקבצנטע, אין בלאָטע אויסגעשמירט, האָט זי זיך אַצינד חנעוודיק געטוליעט אין ווייסע זויבערע בגדים — אַ שניי האָט זי באַשאָטן, ווי גרויס זי איז, און נישט סתם זיך אַזוי אַ שנייעלע, וואָס דערשרעקט זיך פאַר אַ ליאַדע זון־שטראַל, נאָר אַ יונגער, איז ער צוגעפאַלן צו דער איבער נאַכט פאַרהאַרטעוועטער ערד, פאַרביני־דנדיק מיט איר, דאַכט זיך, דעם גורל אויפן גאַנצן ווינטערדיקן לעבן...

— אַ שליטוועג! — האָבן יידן, שמייכלענדיק אין די בערד, גרויען הויך פון מויל אַרויסגעלאָזן, און ווי קינדער, וואָס לערנען זיך גיין, פאַרזיכ־טיק, מיט הנאה, גערוקט די שטיוול אין דער פוכיקער ווייסקייט.

אָבער מער פון אַלעמען האָט זיך דערפרייט, דוכט זיך, מיטן שליטוועג אברהמל, אַנשל דעם סאַדאָוויניקס אַכצן־יאָריקער קוטשעראָווער בחורל. אין דער ערשטער רגע האָט אים באַלד דורכגעפיבערט אַ מחשבה:

איצט, אַז עס האָט זיך לסוף געשטעלט אַ וועג, וועט מען שוין קענען צופאָרן קיין סקאַלימאָווע, צו שמואלן, זייער היי־יאָריקן שותף, און זיך צעטיילן מיטן רעשט עפּל, וואָס עס איז געבליבן ביי אים אין קעלער. אָבער די עפּל ווי די עפּל, דער עיקר וועט ער זיך דערוויל זען מיט דער שיינער לאַהטשען, שמואלס בת־יחידה, מיט וועלכער ער איז פאַרן זומער אין דאָרף אַזוי נאָענט געוואָרן: אָפּגעזעסן מיט איר גאַנצע נעכט אין סאָד צוזאַמען, געזונגען גויישע לידלעך, געשטיפט... שווער געווען אלול־צייט זיך צו שיידן מיט איר. עס האָט עפּעס אַזוי געניקניעט אין האַרצן... און די גאַנצע צייט שוועבט זי אים רק פאַר די אויגן מיט איר מילדן ווייסן פּנים, מיטן

לאַשטשענדיקן שמייכעלע און ווי אַ מאַגנעט ציט אים צו איר, ציט...

— בערל וועט דאָך נאָך אודאי נישט ווערן פאַרן — איז אברהמל אַ באַאומרויקטער אַריינגעגאַנגען אין דער אַנדערער קאַלטער העלפּט שטוב, ווו זיין עלטערער ברודער בערל, אַ ברייטער בחור אין אַ וואַטאָוון לייבל, איז געשטאַנען צווישן הורבעס רויטע עפּל אין אַזאַ שאַרפער, פרישער שמע־קעדיקייט.

אברהמל האָט אים אין אָנהייב „דיפּלאָמאַטיש" געהאָלפן אַ ביסל אין דער ארבעט און נאָך דעם געווענדעט זיך צו אים מיט געמאַכטער גלייכ־גילטיקייט:

— אפשר וואָלט גאָר געווען אַ פּלאַן, בערל, צופאָרן היינט קיין סקאַלי־מאָווע מאַכן אַ סוף מיט די שותפותדיקע עפּל? וואָס וועט עס דאָרטן ליגן און פוילן?..

בערל האָט אָבער נישט מסכים געווען:

— וואָס פאַר אַ געאייל אויף דיין קאָפּ? זאָל נאָך אָנשיטן אַ ביסל מער שניי. דיר אַרט, אַז „קאַשטאַנעק" רוט זיך אויס אַ ביסל?

אָבער אונטער אברהמס איינריידענישן און, דער עיקר, אַ דאַנק דעם פרישן שניי, וועלכער האָט אַזוי כשופדיק אַריינגעבלאַנקט דורך די האַלב־פאַרצויגענע שייבלעך, ווי ער וואָלט זיך געבעטן: קומט, פאָרט אויף מיין גלאַטקייט. אדרבא, מיר אַרט נישט! — איז בערל לסוף ווייכער געוואָרן און געהייסן אברהמלען צו רעכט מאַכן דעם שליטן.

און אין אַ פּאָר שעה ארום האָבן זיי ביידע, ווי אַ ווינט, זיך געטראָגן איבערן אַכט־וויאָרסטיקן סקאָלימאָווער וועג, ווו די פאַרשידענע מיניםביימער אין די זייטן זענען איבער נאַכט, ווי דורך אַ שפּרוך, פאַרוואַנדלט געוואָרן אַלע אין ווייסע בעריאָזעס, און דער ווילד־געוואָרענער קאַשטאַנעק האָט זיי געוואָרפן נאַסע שטיקלעך שניי אין פּנים.

עפּעס אַ נייע, ווייסע, ווילד־פרעמדע, אָבער ליבע ווויסטעניש האָט זיך אַרום זיי געצויגן, אַנטקעגנגעלאָפן, געשטאָכן די אויגן. נישט געווען אין ערגעץ קיין טונקעלער פלעק אויף אַ רפואה.

— איי, סאַראַ ווייסקייט, — האָט אברהמל התפעלותדיק געזשמורעט

די אויגן, ווי ער וואָלט איצט צום ערשטן מאָל געזען אַ העלע ווינטערדיקע וועלט, געקלאַפּט בערלען אין די ברייטע פּלייצעס און געפּילט, אַז אַ גרויסע, ווייסע פרייד פאַרפּלייצט אים, ווי אַ כוואַליע, דאָס האַרץ...

*

שמואלס נידעריקע דאָרפישע כאַטע איז פול געווען מיט אַ ליבער וואַרעמקייט און מיט אַ ריח פון רויע קרויט, וואָס שמואלטשיכע מיט לאַה־טשען, באַלעבאָסטיש פאַרשאַרצט די אַרבל, האָבן בעת־מעשה געשאַטקעוועט אויף אַ לאַנגן, ווייסן טיש. מיט אַ מאָדנער גיכקייט האָבן זיי געדרוקט די קעפּלעך אונטער די מעסערס און דער באַרג גרינלעכע לאָקשן איז אַלץ געוואַקסן און געוואַקסן.

בערל האָט שוין תחילה חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער נסיעה, דער־הערנדיק, אַז שמואל איז נאָך באַגינען אַוועק צום סאָסינער זשאָנדצע כאַפּן מיט אים אַ שמועס וועגן אָפּקויפן די געגנדז; „אומזיסט געטריבן אַ פערד״ — האָט ער געבורטשעט. שמואלטשיכע האָט אים אָבער באַלד באַרויקט, אַז „מען וועט עס אַליין אויך פאַטראַפען״ און נאָכן אויספרעגן זיך מיט דאָר־פישער בייגעריקייט, וואָס מען הערט עפּעס אין שטאָט, האָט זי טאָקע איבער־געלאָזט די קרויט און זיך גענומען מיט די ברידער אויסוועגן די עפּל.

אָן מאַרינאַרקעס, מיט אָנגעשפּיגענע הענט, האָבן בערל און אברהמל, ווי פעדערלעך, געטראָגן פונעם קעלער, וואָס אין קיך, די שווערע קעסטלעך עפּל. פאַרזיכטיק אַראָפּגעשטעלט איטלעכע אויף דער אַלטער, פאַרזשאַ־ווערטער וואָג, וואָס האָט זיך עפּעס רק געהאַלטן אין איין עקשנען. האָט זיך אברהמל באַנוצט מיט דער געלעגנהייט, אַריינצולויפן אַלע מאָל אין פאָדער־שטן צימער צו לאהלען.

דאָס האַרץ האָט אים לייכט געקלאַפּט פון שטילן גליק און פון אָפּגע־ווינטקייט; אירע ווייסע, פולע, נאַקעטע הענט האָבן אים געצונדן ס׳בלוט, נישט געלאָזן ריידן און ער האָט שטיל, אָפּגעהאַקט, געשעפּטשעט:

— איך האָב אַזוי געבענקט נאָך דיר, לאהטשע, אַזוי געבענקט!..

לאהטשע האָט ווייטער געטאָן איר ארבעט און געשמייכלט מיט אַראָפּ־געלאָזענע אויגן.

פלעגט אָבער בערל איטלעכס מאָל צעשטערן די „אידיליע״:

— ווו ווערט עס אַ בחור פֿאַרפֿאַלן צו אַל די שוואַרץ יאָר?.. אַהאַ, עס האָט אַ צי געטאָן ס׳הערצעלע... איך בין אָבער נישט מחויב דאָ נעכטיקן צוליב דיר!

אויפֿן גאַס האָט באמת שוין אָנגעהויבן צו טונקלען: דער פֿריער ווינ־טערדיקער פֿאַרנאַכט האָט שטיל געבלויט דעם שניי און געוווּנקען צו אברהמלען דורך די קליינע שייבלעך אַזוי ווייך, צוזאָגנדיק... עס האָט אויך צוגעזאָגט די דאָרפֿישע פֿאַרבענקטע מעלאָדיע, וואָס לאַהטשע האָט פּלוצעם פֿאַרצויגן, אַז עס האָט געצופּט ביים האַרצן, נישט איבערצוטראָגן...

נאָר אָט, טראָגנדיק שוין דאָס לעצטע קעסטל פֿון קעלער, האָט זיך אויפֿן גאַס צעגאָסן מיט אַ מאָל אַ דינער גלעקל־געקלאַנג. צוקומענדיק צום שטיבל איז ער אָנטשוויגן געוואָרן, און אין אַ רגע אַרום האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין פֿאַדערשטן פֿענצטער און דערביי אַ יונגער קול אויף פּויליש:

— אפשר האָט די פּאַננאַ לעיאַ חשק זיך אַדורכצופֿאָרן אַ ביסל? דער וועג — אַ שפּיגל, באמונות!

— דעם פּריץ לאַסעצקיס זונדל! — האָט אברהמל דערקענט דעם קול. אַ ווײַלע איז ער געבליבן ווי פֿאַרגליווערט מיט דעם קעסטל אין די הענט: ווי וועט זיך דאָ לאַהטשע קירעווען?.. אָבער — ווײ! לאַהטשע האָט גע־שווינד אַ כאַפּ געטאָן די פּאַטשיילע און איז אַרויסגעלאָפֿן אויפֿן גאַס, ווו עס האָט זיך באַלד אויף ס׳ניי צוזתדיק צעגאָסן דער גלעקל צום באַטקער וועג צו.

— לאַהטשע! לאַהטשע! — האָט שמואלטשיכע אַ צערודערטע איר נאָכ־געשריען מיטן גראָבן, ישובישן קול, נאָסטעזש צעעפֿנט די טיר, און אומ־קערנדיק זיך מיט גאַרנישט, געקלאָגט זיך מאַמיש, פֿאַרזאָרגט פֿאַר די ברידער:

— שוין צו פֿיל זיך דאָ „איינגעגנאַדזשעט״, דער שגץ, מען דאַרף מאַכן אַ סוף!..

אברהמל האָט יע געהערט און נישט געהערט אירע רייד; עפּעס אַ ביטערער סם האָט זיך אים צעגאָסן איבערן לייב און דאַרט אומברחמנותדיק

געשטאָכן. די הענט האָבן אים געציטערט און ער האָט קוים געקענט אַרומ־בינדן מיטן שטריק די קעסטלעך עפּל, צו פאָרן אַהיים.

און שלעפנדיק זיך צוריק אַזאַ געפאַלענער, אַזאַ אָפּגעגנאַרטער אויף די קעסטלעך, האָט אים אַלץ נישט אויפגעהערט צו פּיקן אין מוח:

— שליטלט זיך איצט לאַהטשע מיט לאַסעצקין, קושט איר מסתמא די פאַררויטלטע באַקן, דער כאַמולע!..

און דער סם האָט אינעווייניק געשטאָכן און געריסן שטיקער פלייש.

געפאָרן אַהיים איז ער אַ שווייגעדיקער אַ דערהרגעטער. ווען בערל האָט צו אים גערעדט, האָט ער נישט געענטפערט; ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך צעוויינען.

ער שיכורט זיך אָן מיט בריוו

וואָס וואָלט זי נישט אָפּגעגעבן, אסתר, ווען זי קען פּטור ווערן פון דעם בינטל בריוו, וואָס מאָטל, דער מאַן אירער, האָט באַהאַלטן ערגעץ אין אַ געהיימען אָרט ביי זיין משפּחה? קיין זאַך וואָלט פאַר איר, דוכט זיך, נישט געווען צו שווער און צו טייער, אַבי זי זאָל זיך צוקריגן צו זיי און צערייסן, פאַרניכטן איין מאָל פאַר אלע מאָל די דאָזיקע פאַרשאָלטענע בריוו, וואָס ער האָט בחורווייז געקראָגן פון רייזעלע דעם מילכערס, דער אַמאָליקער געליבטער זיינער, וועלכע איז מיט פינף יאָר צוריק אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

„די פאַפּירענע ליבע!" — געדענקט אסתר, ווי שטעטלשע ווייבער פלעגן שמייכלען, בעת מען פלעגט זען מאָטלען נאָך איר אַוועקפאָרן לויפן, ווי אַן אונטערגעשאָסענער, אין די פּרימאָרגנס אויף פּאָסט, אָפּוואַרטן די בריוו פון איר. טייל מאָל פלעגט ער, אַן אומגעדולדיקער, אַרויסלויפן אַפילו אין ווייסן פאַרטעך, אַזוי ווי ער שטייט און גייט ביי דער אַרבעט אין ראַזוריע. און אַז ער פלעגט אָפּנעמען אַ בריוו פון רייזלען, איז ער, דוכט זיך, געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט (אָ, די נאַרישע פאַרליבטע!..). אַ שטאָלצער, אַ זיס־פאַרטראַכטענער, פלעגט ער שפּאַנען מיטן צעעפנטן בריוו איבערן מאַרק, פאַרטיפט אין לייענען, נישט זעענדיק, פאַרשטייט זיך, אויך זי, אסתרן, וועלכע פלעגט אים נאָכקוקן בעת־מעשה מיט פאַרליבטע בליקן — זי איז פאַרקאָכט געווען ביז משוגעת אין דעם שיינעם וווּקסיקן בחור מיט די שוואַרצע פאַרחלומטע אויגן, מיטן געדיכטן, צעווייַנטלטן האָרשויבער, וועלכער פלעגט אים פאַלן מיט אַזאַ חן אויפן ווייסן שטערן...

אַ פּאָר יאָר האָט עס אַזוי געדויערט די „פּאַפּירענע" ליבע, די איבער־שרייבעניש צווישן מאַטלען מיט ריזלען, ביז אַ שוואַרצע קאַץ איז מן הסתם דורכגעלאָפן צווישן די פּאַרליבטע. זי, אסתר, האָט עס די ערשטע דערשפּירט... מחמת מיט אַ מאָל האָט ער זי עפּעס אָנגעהויבן באַמערקן, און אָפּרעדן מיט איר ראַנדקעס אויפן „שטילן שאָסיי" הינטער דער ווינט־מיל, געוואָרן צו איר אַזוי וואַרעם, צוגעלאָזן, און, מאָדנע, דווקא ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן איילן מיט דער חתונה, אַז זי האָט זיך אַזש געשראָקן אַ ביסל פאַר דעם פּלוצעמדיקן גליק, וואָס איז אויף איר אַראָפּ־געפאַלן, פאַרן צו האַסטיקן ליבע־שטראָם...

און איצט זעט זי, אסתר, אַז איר שרעק איז טאַקע נישט געווען אומזיסט... און ווער איז שולדיק דערין? אַלץ די בריוו, רייזעלעס אַמאָליקע ליבע־בריוו צו אים! פאַר דער חתונה האָט ער איר וויפל מאָל פאַרזיכערט, מאַטל, אַז ער האָט די בריוו פאַרברענט; אַז זיי זענען שוין לאַנג אויף דער וועלט נישטאָ; אָבער אין דער אמתן האָט ער זיי באַהאַלטן ערגעץ ביי זיין משפחה (זי קען בשום אופן נישט דערגיין ביי וועמען!..) און פּונקט ווי מען וואָלט אים אַ כישוף אָפּגעטאָן, אַזוי ציט עס אים אַלע מאָל, ווי אַ מאַגנעט, צו לייענען אויף אַ נייעם קאָן רייזלס בריוו, זיצט אָפּ גאַנצע אָוונטן ביי זיין „אַרכיוו", און דאָס האַרץ אירס פּייניקט זיך בעת־מעשה, וואַרפט זיך פון טיף־טיפער באַליידיקונג, פון אוממעכטיקער אייפערזוכט.

אַהיים קומענדיק פּרוווט ער עס אַפילו לייקענען פאַר איר, טראַכט אויס כל־ערליי תירוצים — ער איז געווען דאָ, ער איז געווען דאָרטן — אָבער זי פילט דאָך שוין אין זיין באַנעמונג, וווּ ער איז אָקאָרשט געווען... דער שטענדיקער גוטמוטיקער שמייכל פאַרשווינדט און דער פּנים אַזאַ פאַרענדערטער, אַזאַ שטייפער, אַזאַ ווייטער... צו פיל זיך אָנהייבן מיט אים דעמאָלט — איז ס'חיות נישט זיכער! עס איז רעכט, אַז ער זאָל נעמען שליידערן אויף דער ערד די ניקלנע ראַזיר־שיסלעך, די זייף, די פּענדזלקעס, פּונקט ווי ער וואָלט זיך ערגעץ אָנגעשיכורט. ווער עס שיכורט זיך אָן מיט שנאַפּס, און ער שיכורט זיך אָן מיט רייזעלעס בריוו!..

זאָל דאָס אמת זיין, וואָס מען טענהט אין שטעטל, אַז דאָס האָט ער,

מאַטל, חתונה געהאַט מיט איר אין אַ שעה פון פאַרצווייפלונג, כדי נקמה צו נעמען אין רייזלען, און איצט האָט ער חרטה?.. יע, ניין. עס איז נישט מער ווי ווייבערשע רכילות, נישט־פאַרגינערישקייט, בייזוויליקער ליגן... מאַלע וואָס מען גייט אַרום יאָרן מיט אַ מיידל און שפּעטער האָט מען חתונה מיט אַ צווייטער? אדרבא, אין רוב פאַלן מאַכט זיך שוין, דוכט זיך, אַזוי, אַז מיט דער ערשטער געליבטער האָט מען קיין מאָל נישט חתונה און פון דעסטוועגן לעבט מען זיך שפּעטער ווי די טייבעלעך... ניין, אין איר דאַליע איז בלויז שולדיק דער „אַרכיוו" ביי דער משפּחה! ווען נישט די בריוו, וואָלט ער שוין לאַנג געהאַט אין „איר" פאַרגעסן, כאָטש, ווי מען ווייסט אין שטעטל, האָט זי נאָך אַלץ נישט חתונה געהאַט, רייזעלע, ווינט איינע אַליין אין אַ צימער, אַרבעט אין אַ שאָפּ...

„פון דעסטוועגן וואָלט נישט געשאַדט, ווען די מויד האָט חתונה!" — פאַרגנבעט זיך אָפּט ביי אסתרן אַ שעמעוודיקער געדאַנק — „אין אַמע־ריקע איז, ווייזט אויס, שווער צו טאָן אַ שידוך. וואָלט גוט געווען, ווען עמעץ עצהט איר אַראָפּצוקומען אין שטעטל. דאָ וואָלטן שוין קיין בעלנים אויף איר נישט געפעלט. צען פאַר איינעם. נישט געקוקט, וואָס זי איז יאָרן לאַנג געווען מאַטלס געליבטע און מען האָט אויף איר שטאַרק גע־מורמלט!..

אָבער באַלד דערשרעקט זיך אסתר פאַר דעם געדאַנק, אַז רייזעלע זאָל אַראָפּקומען אין שטעטל... נישט איר באַדאַרף זי דאָ און נישט דעם פּעקל בריוו אירן! אַך, ווי קריגט זי זיך צו צו זיי, צו די פאַרשאָלטענע בריוועלעך, וואָס האָבן זיך, ווי אַ פינצטערע כמאַרע, אַוועקגעשטעלט צווישן איר מיט מאַטלען און פאַרביטערן איר דעם לעבן!..

סקיצן און בילדער

דער געוויין פון די סירענעס

ס׳טרעפט אָפט, אַז די סירענעס פון די שארית־הפליטהדיקע שטאָטישע פאַבריקן רייסן מיך אויף פון באַגינענדיקן שלאָף. דוכט זיך מיר דעמאָלט, אַז דאָס זענען נישט קיין אַרבעט־רופן, נאָר הילף־רופן — שטאָט האָט זיך אַזוי, דורך אירע לעצטע קוימענס, צעשריען אין דער וועלט אַריין:

— געוואַלד, ראַטעוועט, איך קום אור־ם, איך קום אור־ם, איך קום אור־ם!

און נישט נאָר פשוטע גוואַלדן; איך וואָלט שווערן, אַז איך הער גאַנצע טענות אינעם מענטשלעכן געוואָי פון די פאַבריקן, רחמנות־וועקנדיקע טענות.

אָט פאַרגייט זיך אַזוי לאַנג אַן אַלטע הייזעריקע סירענע:

— אַו, אַו, איך געדענק אַלץ!.. אַ ים מיט פאַבריקן פלעגן מיר דאָך אַ מאָל, אין פריידן, וועקן צו דער אַרבעט, און איצט — אַ קליין ביסל זענען מיר, די לעצטע אפשר!.. מיט וואָס פאַר אַ געבעט קוקן עס אַרויף צו אונדז די בלייכע מענטשעלעך פון אונטן, מיר קענען זיי אָבער גאָרנישט העלפן!..

— און איך האָב אַנומלט געזען אַזוינס, פון וואָס איך ציטער נאָך עד־היום — קרעכצט און ציטערט אין חלל דער קול פון אַ צווייטער פאַבריק — קוקנדיק אַזוי פון דער הויך, דערזע איך פּלוצלונג: פון ערגעץ אַ דריטן שטאָק פליט אַ ייד מיט צעפלאַטערטע הענט... און ווייסט איר, ווער דאָס איז געווען? דער אַמאָליקער באַלעבאָס!..

— או־או־או — צערעוועט זיך די לעצטע פאַבריק מיט אַ באַנומענעם קול, און מיט אַנגסטן אַ באַשלאָגענער כאַפּ איך זיך אויף פון מיינע קאָשמאַרן.

אהרן ברעזינסקי

איך ציטער אָבער אין גאַנצן און אַלע גלידער ווינען זיך אין מיר פונאַנ־דער פאַר רחמנות:

היים, מיין היים, וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?..

מיין פעטער און דער אינוואַליד פון ביידל

עמעצער האָט אין דער פרי אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר, געעפנט און איך האָב דערזען אויפן שוועל מיין שטעטלשן פעטער, דעם „פעטער, וואָס קען לערנען אפשר בעסער פאַרן רב" — ווי איך פלעג זיך נישט איין מאָל באַרימען מיט אים פאַר מיינע חברים אין חדר.

וואָס האָט אים געבראַכט אַהער צו, דעם פעטער מיינעם, אין שטאָט אַריין?

אַ נייע גזירה האָט אים אַהער געבראַכט! מ׳נעמט דאָך צו ביי אים, דערציילט ער מיר, די טאַבאַק־קרעמל, וועלכע האָט אים יאָרן לאַנג גע־שפייזט מיט ווייב און קינדער, און ער בלייבט ווי אויפן וואַסער. איז ער געקומען אַהער צו, אפשר וועט אים געלינגען עפּעס צו פועלן.

אַ גאַנצן טאָג איז ער אַרומגעלאָפן איבער פאַרשידענע אַמטן, געווען ביי אַן אַדוואָקאַט, קיינער האָט אים אָבער נישט געקענט קיין עצה געבן, און אַרום האַלבער נאַכט, באַן־צייט, האָב איך אים געפירט צוריק צום שטע־טלשן צוג.

אַ פאַרמרהשחורהטן, מיט אַ צעבויגענעם רוקן, מיט אַזאַ צעגאָסענעם צער אין די שוואַרצע יידישע אויגן.

קוים וואָס ער האָט געטשאַפּקעט מיט די אַלטע קאַלאָשן אינעם גרייפּל־דיקן שניי, באַהאַלטנדיק אַלע ווײַלע אַ צעוויטיקטן זיפץ אינעם הויכן פוקסענעם קאָלנער פון זיין צעקראָכענעם פוטער. און אַ גאַנצן וועג האָט ער געשוויגן, מיין קלוגער, באַריידעוודיקער פעטער, — אַזוי האָט עס אים פאַרפרעסט דאָס שוואַכע האַרץ.

בלויז ווען מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען לעבן אַ באַלויכטענעם, רויטן

פּאַפּיראָסן־ביידל, ווו אַן אינוואַליד אין אַ שעפּסענעם פּעלץ האָט, האַלב־דרעמלענדיק, געוואַרט אויף נאַכטיקע קונים, האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן:

— וואָס וואָלט מיר געאַרט, אַ שטייגער, ווען איך בין איצט אַזוי ווי ער און ס׳וואָלט מיר געפעלט אַ האַנט אָדער אַ פוס?..

און ער האָט זיך ווייטער געשלעפּט, אַ נעבעכדיקער, דער אַלטער פּעטער מיינער, „דער פּעטער, וואָס קען לערנען אפשר בעסער פאַרן רב״...

א קרעמער אין ווינטערדיקן פּאַרק

נישט קוקנדיק, וואָס עס איז שוין אַ שטיק אין ווינטער, איז נאָך אין די אָוונטן אָפן דער שיינער, אַלטער שטאָט־פּאַרק. דאָס האָט איינגעפירט לעצטנס די ניי־אויסגעקליבענע שטאָט־פאַרוואַלטונג, כדי צו אַנטוויקלען ביי די בירגערס אַ חוש צו די שיינקייטן פון דער פּוילישער ווינטערדיקער לאַנדשאַפט. ברענען דאָ אַלע עלעקטרישע לאָמפּן, פּונקט ווי זומער, און דער מאַטער שיין פאַלט אומעטיק אויף פייכטע אַלייעס, אויף נאַקעטע ביימער, וועלכע שטרעקן תפילהדיק זייערע צעקרימטע צווייגן צו די ניי־דעריקע פאַרכמאַרעטע הימלען.

באמת שיין!.. אָבער דערוויילע האָבן נאָך נישט, ווייזט אויס, די בירגער קיין געשמאַק פאַר אַזעלכע זאַכן, און אַריינפאַלנדיק אָוונט־צייט אין פּאַרק, האָב איך דאָרט נישט געטראָפן קיין לעבעדיקן נפש. אומזיסט און אומנישט ברענען די לאָמפּן. פון צייט צו צייט הילכן בלויז אָפּ די זיכערע, האָפּער־דיקע טריט פון גרופּעס פּוילישע באַאַמטע, וועלכע גייען דאָ דורך דער הויפּט־אַלייע צו זייער ניי־אויסגעבויטן קוואַרטאַל דערנעבן.

קיין יידן זעט מען דאָ אויף קיין רפואה נישט.

אָבער אָט אַ סורפּריז! אויף אַ זייטיקער באַנק זיצט עפּעס אַ יידל, איינגעקאָרטשעט, פאַרטראַכט. איך קוק זיך צו נעענטער: משה מענדל, אַ באַקאַנטער אָרעמער קרעמער פון אונדזער געסל.

— אַזוי פאַרליבט זענט איר עס, משה מענדל, אין פּאַרק? — פּרווו איך אַ שפּאַס טאָן מיטן יידן. איך האָב אָבער באלד חרטה: ער טוט אַ בלינצל אויף מיר מיט אַ פּאָר צעשראָקענע, איבערגעקערטע אויגן און שעפּטשעט פאַרסודעט:

— אפשר גייט איר אַ מאָל פון אונדזער געסל, האַ?

— ניין. וואָס איז דען?

— איך האָב געוואָלט וויסן, צי די „עגלה" שטייט נאָך לעבן מיין קראָם... אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק קומט מען דאָך צו מיר אויסראַמען די ביסל סחורה פּאַר שטייערן. „זיי" האָבן זיך גענומען, ווייזט אויס, אויף איינס: איך מוז אַוועקגיין מיט דער טאָרבע — און אַ סוף!

— טאַ וואָס זשע זיצט איר עפּעס אין פּאַרק?

דער קרעמער האָט פּאַריאושט צענומען מיט די הענט:

— אַז איך קען נישט, ברודער, גלייבט מיר, אַז איך קען נישט... פריערדיקע צייטן פלעג איך נאָך בייזיין ביי די עקזעקוציעס, איצט אָבער זענען נישטאָ שוין די אַמאָליקע כוחות... ווי איך דערזע „זיי", אַזוי פיל איך, ווי דאָס האַרץ פאַלט מיר אַרויס און בלוט גיסט זיך... שיקט מיר שוין ס׳ווייב אַוועק: גיי, גיי צו אין פּאַרק אַ ביסל, איך וועל זיך שוין אַליין אַן עצה געבן!..

איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן יידן — קיין טראָפּן בלוט אין פּאַרשפּיצטן פּנים! אַ ווינטל איז נאָך פלוצלונג אָנגעפלויגן פון ערגעץ און פונאַנדער־גענומען די פּאָלעס פון זיין פאַרשמאָדערטן פּאַלטע, איז ער געבליבן אַזוי באַוועגלאָז זיצן אין ווייסן, קרעמערישן קיטל — אַן אמתער מת אין תכריכים.

אָבער פלוצעם האָט זיך דער „מת" אַ ריס געטאָן פון אָרט. — נו, לאָמיר גיין אַ קוק טאָן, וואָס מ׳האָט דאָרט געמאַכט פון מיר! — האָט ער אָנגעוויזן אויף שטאָטס זייט און מיט דריבנע, צעשראָקענע האָזן־טריט אַוועקגעפּאַטשט איבער דער אַלייע.

איך בין ווידער געבליבן אַליין אין פּאַרק, געקוקט אויפן מאַטן, אומעטיקן שיין פון די עלעקטרישע לאָמפּן, אויף די צעקרימטע צווייגן, וועלכע ציען זיך מיט שטילן געבעט צו די פּאַרכמאַרעטע הימלען...

קליינע קרעמערלעך

בלאָנדזשענדיק אין די שמאָלע, אָרעמע יידישע געסלעך, האָב איך זיך פלוצעם געכאַפּט, אַז איך האָב נישט וואָס צו רויכערן. בין איך אַריין אין דעם ערשטן דערבייאיקן קרעמל און געבעטן אַ פּאָר פּאַפּיראָסן.

דער קרעמער, אַ שוואַרץ־חנעוודיקער ייִנגל פון אַ יאָר דרייצן, אין אַ גרויסן ווייסן שירץ, האָט מיך דורכגענומען אַ ווײַלע מיט אַ שאַרפן, פאָר־שנדיקן בליק, נאָך דעם האָט ער אויסגעקראַצט פון ערגעץ עטלעכע פּאַפּיראָסן, און דערלאַנגענדיק מיר זיי, האָט ער זיך דערביי אַנטשולדיקט מיט אַ מינע, וואָס איז כלל נישט געווען צוגעפּאַסט צו זיין אומשולדיקן, קינדערש באַחנטן פּנימל:

— מ׳קען דאָך אַבי וועמען נישט געבן! איר פאַרשטייט דאָך אַליין...

ביני־לביני זענען אַריינגעקומען אין קרעמל נאָך אַ פּאָר קונים, עפּעס אַ צעיוירענע יידענע נאָך אַ „הערינג מיט אַ גראָבן רוקן", און אַ מיידעלע, וועלכע האָט אין מיטן דערינען פלוצעם פאַרגעסן נאָך וואָס די מאַמע האָט זי געשיקט.

עס איז ממש געווען צו שטוינען, ווי קרעמעריש־ראַפינירט דער ייִנגל האָט זיך באַצויגן צו יעדערער פון זיי. דעם מיידעלע מיטן שלעכטן זכרון האָט ער מיט אַן אמת־פּאָטערלעכער ליבשאַפט געהאָלפן זיך דער־מאָנען, וואָס זי באַדאַרף, און דער יידענע האָט ער, דערלאַנגענדיק דעם הע־רינג מיטן ברוינלעך־טריפנדיקן ליאַק, פאַר איין וועגס אויפמערקזאַם גע־מאַכט, אַז ס׳איז שוין צייט זי זאָל אָפּצאָלן דעם אַלטן חוב, וואָס פון איר קומט — ער קען שוין אַזוי לאַנג נישט וואַרטן! און צוגעגעבן אין אַ האַרבן, אַ ביסל העכערן טאָן:

— איר דאַרפט וויסן, אַז געלט קאָסט ציננזן!

— דאָס בוך איז מיר געשוואָלן פון חובות — האָט ער נאָך זייער אָוועקגיין זיך פאַר מיר געקלאָגט — רק מ׳נעמט סחורה, און געלט זעט מען נישט אָן קיין גראָשן!..

מיר האָבן זיך בײדע פונאַנדערגעשמועסט. אין גיכן האָט ער מיר שוין איבערגעגעבן די גאַנצע ביאָגראַפיע זיינע: דער טאַטע איז פאַר אַ יאָרן געשטאָרבן, האָט ער דעריבער געמוזט פאַרלאָזן די תלמוד־תורה און זיך נעמען צו קרעמעריי. די מאַמע איז שוואַך, קען זיך אַליין נישט צערייסן.

פלוצלינג איז אין קרעמל אַריינגעקומען עפּעס אַ חסידיש יינגל, אין אַ פּאָר גרויסע, שווערע שטיוול, קענטיק פון וועג. אין די בײדע הענט האָט ער געשלעפּט אַ פּאָר צעלעכערטע, פאַרבונדענע קאָשן.

— אוי, שלום עליכם, טשיזשעווער! — האָט זיך דער קרעמערל דער־פרייט מיטן גאַסט — האָסט עפּעס געבראַכט צו פירן אַ ביסל גוטע סחורה? אפשר אַ שטיקל פרישע פּוטער, קעז?

— אוי, האָב איך עס געהאַט אַ וועג — האָט דער קליינער הענדלער, ווישנדיק זיך דעם שווייס פון פּנים, גלייך נישט געענטפערט אויף דער געשטעלטער פראַגע — זאָל זיך עס שוין מער נישט אומקערן!.. וואָס איז שייך? די גויים אויפן באַן האָבן דאָך מיר אַ גאַנצן וועג נישט געלאָזן איינ־זיצן, געוואָרפן די קאָשיקעס, געשריען: וואַרט, וואַרט, זשידקעס, דאָ וועט נאָך אויך קומען אויף אייך אַ היטלער! — אַי, ברודערקע — האָט ער אַרויסגעלאָזן אַ פאַרצווייפלטן זיפץ — דער לעבן אונדזערער ווערט שווע־רער פון טאָג צו טאָג!

איך האָב באַמערקט ווי דעם קרעמערלס אָקאָרשט־אַרויסגעוויזענע פריילעכקייט מיטן אורחס קומען איז ווי מיטן האַנט צוגענומען. ער האָט געקוקט אויפן חבר מיט אַזאַ אומענדלעכן צער און רחמנות. די אויבערשטע ליפּ ביי אים האָט קאָנוווּלסיוו געציטערט און ער האָט אַלץ נישט אויפ־געהערט צו חזרן מיט אַ קול פון אַ זקן:

— יע, דער לעבן אונדזערער ווערט שווערער פון טאָג צו טאָג.

אַ מיידעלע מיט גאָלדענע לאָקן

אין מיין ראַזוריע, וועלכע איז ווי ס׳רוב ראַזוריעס אינעם אָרעמען געגנט, פול שטענדיק מיט האַלב־הפקרדיקער צעהיטערטקייט, חזק־מאַכעריי און געלעכטער, איז נישט לאַנג פאַרלאָפן אַ שטיקל טראַגעדיע, וואָס האָט דאָ אַלעמענס פנימער באַדעקט מיט אַן אומעטיק שלייערל. שלמהקע, דער בלייכער, אויסגעמאָרעטער יאַטל, וועלכער טראָגט צו די ראַזירערס וואַסער צום זייפן און רעדט נבול־פה פונקט ווי אַ גרויסער, האָט אַפילו שטיל געפלאַנכעט, פאַרשטשימעט די געלע ציינדלעך, אָבער טרערן האָבן אים פאַרט געקאַפּעט אין דער ניקלנער שיסעלע אַריין.

ס׳איז אַזוי געווען:

אין ראַזוריע איז אַריינגעקומען אַ הויכער, איבערגעבויגענער יונגער־מאַן מיט אַ קורץ, צעשראָקן בערדל און ביי דער האַנט האָט ער געפירט אַ מיידעלע פון אַ יאָר פינף־זעקס, אין אַן אַלט אויסגעריבן מאַנטעלע, און אויפן קעפל — אַ רויטער טיף־אַראָפּגערוקטער בערעט.

אַ מיידעלע ווי אַלע מיידעלעך! אָבער אָט האָט זי דער יונגער־מאַן אויסגעטאָן דעם מאַנטעלע, די היטעלע, דאָס מיידעלע האָט אַ טרייסל געטאָן מיט אירע בלאָנדע, צעכוואַליעטע לאָקן — און מ׳האָט דערזען פאַר זיך אַ קינד פון זעלטענער שיינקייט. פון דער ערשטער רגע אָן האָבן אַלע זי ליב באַקומען, געשמייכלט צו איר, גערופן צו זיך, געפרעגט ווי זי הייסט.

און דאָס מיידעלע האָט ווי אַ זינג־פויגל אַרומגעשוועבט איבערן באַשפּיגלטן צימער, גיך געוואָרן מיט אַלעמען „פאַן־בראַט״, געלאַכט און געשטיפט. פון אַלע זייטן האָבן זיך געצויגן צו איר הענט, געוואָלט זי

כאַטש אַ גלעט טאָן איבער די האָר, איבער די געלאָקטע, זיידענע האָר.

— נו, מיידעלע, קענסט זיך שוין זעצן! — האָט פּלוצלונג איבער־געריסן די שפּיל איינער פון די ראַזירערס, צאַרט אַוועקגעזעצט זי אויפן שטול און זיך געווענדט צום הויכן יונגן־מאַן:

— ווי אַזוי ווילט איר זי שערן?

— מיט אַ מאַשינקע — האָט אַ ברום געטאָן דער יונגער־מאַן מיט אַ טרוקענעם קול.

— וואָס הייסט? — האָט זיך דער שערער געחידושט — די גאַנצע האָר ווילט איר ביי איר אַראָפּנעמען? פאַר וואָס עפּעס? דאָס קינד האָט דאָך וווּנדערלעכע לאָקן.

— טוט וואָס מ'הייסט אייך, און שוין! — האָט ווידער אַ טרעשטשע געטאָן איבערן צימער דעם יונגן־מאַנס הוילער קול. דאָס מאָל שוין מיט אַ צומיש פון כעס.

— איך פאַרשטיי אָבער נישט, צו וואָס איר דאַרפט עס — האָט זיך דער שערער אַלץ געהאַלטן ביי דאָס זייניקע, גלעטנדיק דעם מיידעלע איבער די האָר.

דאָ האָט זיך דער יונגער־מאַן שוין צעקאָכט אויף אַן אמת, גערעדט מיט די הענט, מיט אַלע אברים:

— נו, און אַז איך וועל אייך דערציילן וועט שוין זיין גוט? מאָדנע מענטשן! גיי דערצייל זיי אַ מעשה, אַז דאָס ווייב איז מיר אָפּגעשטאָרבן און געלאָזן מיטן נפשל אַליין אין שטוב. קיין דינסט האַלטן קען איך נישט, אַליין איז מיר דער קאָפּ פאַרדרייט אויף צען טראַקטן און איך קען זיך פאָרט נישט אָפּגעבן מיטן קינד, צוואָגן עס און האַלטן ריין. נו, איצט פאַר־שטייט איר שוין?

איצט האָט שוין דער שערער, משמעות, פאַרשטאַנען, ווייל אומגע־זאָמט האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די מאַשינקע און גיך־גיך אָנגעהויבן לויפן מיט איר איבערן קינדס קעפּל.

דערמיט האָט זיך נאָך אָבער די מעשה נישט געענדיקט.

פון זייטיקן שמאָלן צימערל, ווו די מיידלעך קומען מאַכן זיך מאַניקיור

פאַר דרייסיק גראָשן, איז פּלוצעם אַרויסגעלאָפן עפּעס אַ מיידל און צוגע־פאַלן צום יונגן־מאַן:

— האַלטס אָפּ, איך בעט אייך! — איך זאָג אייך צו צו קומען אין שטוב צו אייך אַ פּאָר מאָל אין וואָך וואַשן דאָס קינד און צוואָגן. מיין חברטע וועט אויך קומען, אַבי טשעפּעט נישט ס׳קעפּל, — האָט רחמנות!

עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. די מאַשינקע נומער 2 האָט שוין באַוויזן אָנצומאַכן אַ גאַנצן חורבן אין די געדיכטע, בלאָנדע לאָקן, פּונקט ווי אַ סערפּ וואָלט זיך אַריינגעשניטן אין אַ פּעלד פון גאָלדענע זאַנגען.

אַ דריקנדיקע שטילקייט האָט געהערשט אין צימער. אַלעמענס אויגן האָבן געקוקט פאַרגלעזערט צום ווייסן, צעשראָקענעם נפשל אויפן שטול און ביי שלמהקען, ביים ייִנגל פון ראַזוריע, זענען געפאַלן טרערן אין דער ניקלנער שיסעלע אַריין.

זיי אַרבעטן און שפּאַצירן

פון די סך־סך געפּאַלענע, פּאַראַרעמטע יידן אין שטאָט, וואָס זענען לעצטנס אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייערע איינגעזעסענע פּרנסות, האָט זיך ווי עס איז איינגעאָרדנט דער געוועזענער רייכער שניט־קרעמער פיינגאָלד.

עס האָט אים אָפּגעגליקט, דעם ייד: פּאָרט געווען אַ מאָל פון די גרעסטע „פּני" אין שטאָט. איז ער, אַ דאַנק עפּעס אַ געהויבענער פּראָטעקציע, אָנגעקומען אין איינער פון די צדקה־חברות פאַר אַן אינקאַסענט. גייט ער ארום מיט אַ טעקע אונטערן אָרעם איינמאָנען דעם אָפּצאָל און אַרבעט זיך אויס זיינע פופצן־צוואַנציק גילדן אַ וואָך. אַ מאָל מער, אַ מאָל ווייניקער — ווי די אַלטע שוואַכע פיס טראָגן אויס.

נו, קלעקט עס פאַר אַ משפחה צום לעבן? קלעקט טאַקע נישט! האָט אָבער געטראָפן אַ נס, און אויך ליזקען, פיינגאָלדס געראָטן טעכטערל, וועלכע האָט פאַר אַ יאָרן געענדיקט גימנאַזיע מיט אַן אויסצייכענונג האָט זיך אויך געמאַכט אַרבעט. אין אַ גבירישן אָרט האָט מען זי גענומען צו שפּאַצירן אין די פרימאָרגן־שעהען מיט די קינדער. וואָס זאָל זי טאָן? אַז אין אוניווערסיטעט קאָן זי נישט פאָרן! און דאָ פאַרדינט זי עטלעכע צענדליק גילדן אַ חודש מיט אַ פרישטיק אַ צוליג.

איצט איז שוין דער גליק אַ גאַנצער, אַ פולער... אַ קלייניקייט עפּעס, היינטיקע צייטן אַרבעט! מורמלען טאַקע נישט־פאַרגינערישע שכנים אויפן חשבון פון די פיינגאָלדס:

— אַז ס׳גייט — איז דאָך נישט שייך!..

האָט אָבער דער מענטש אַ טבע, נישט צו זיין קיין מאָל צופרידן מיט זיין

גורל; די ערשטע צייט איז געווען גוט, אָבער לעצטנס, שליאָכנדיק איבערן שטאָט אין די אַלטע קאַלאָשן, מיט דער צעריבענער טעקע אונטערן אָרעם, צעזיפּצט ער זיך אָפּט, דער אַלטער פּינגאָלד, אין דער גרוי־צעקעמ־טער באָרד אריין:

— עך, צו וואָס איך בין געקומען!

ער איז אפילו נישט שולדיק דעריין. נאָר די פּיס זיינע, די פּיס זאָגן זיך קאַטעגאָריש אָפּ צו מעסטן יעדן טאָג אַזעלכע גרויסע שטאָטישע שטרעקעס און מוז זיי מינטערן כסדר מיט אַ דריידל, מיט אַ געמאַכט געלעכטערל:

— נו, נו, געגאַנגען! געגאַנגען!.. איך האָב פיינט, אַז פּיס מאַכן פוילע שטיק... זייט וויסן, אַז איר זענט מיינע משרתים, זענט איך, און משרתים מוזן טאָן דעם ווילן פון זייער בעל־הבית!..

די פּיס פאָלגן אָבער נישט. לאָזן זיך נישט פאַרשפּילן מיט די אַמאָ־ליקע נגידישע חכמהלעך, גייט ער און זיפצט, און חוץ דעם עגבערן אים סתם פינצטערע מחשבות דעם מוח:

— אַזוי צי אַזוי — טראַכט ער — וועלן דאָך די פּיס סוף־כל־סוף אויפהערן דינען... ער איז דאָך שוין נישט קיין ייִנגעלע... וואָס זשע וועט דעמאָלט זיין, האַ?..

אַ גליק כאַטש, וואָס ער טרעפט אָפט אין גאַס ליזקען, שפּאַצירנדיק מיט אירע גבירישע קינדער, זעצט זי אין אים אַריין אַ נייע נשמה, ווי אַ פריש ווינטל פלאַטערט זי דורך מיט איר בלומען־ריח, שמייכלט צו אים מיט אירע חן־גריבעלעך און מיט די גרויסע קינדערישע אויגן:

— נו, וואָס הערט מען, פּאַפּאַ? מיר אַרבעטן, האַ? מיר אַרבעטן און שפּאַצירן.

פאַרביילויפנדיק, טוט זי אים אַ קוק מיט אַזוי פיל לעבנס־חכמה אין פאַרצאָקטן פּנים אַריין, טרייסט אים, ווי אַ חבר:

— נאָר נישט געדאגהט, פּאַפּאַ. וועסט זען, ס׳וועט נאָך אַ מאָל זיין גוט אויך!...

און פלאַטערט אַוועק, ווי אַ פייגעלע, אויפן טראָטואַר, דרייט אויס

אַלע ווײַלע איר געשוירן קעפּל צו אים, שמייכלט און שיקט אַ שטיפערישן קוש אין דער לופט.

— אַך, סאַרא גאָלדן קינד דאָס איז! — דערפילט ער בעת־מעשה נייע כוחות אין זיך, שפּאַרט זיך אָן נעבן אַ שוי־פענצטער, קוקט איר נאָך און פילט, ווי עס גייט אויף אין אים אַ ציטערדיק געוויין...

חיים מענדל מיט דער קענדל

חדשים לאנג, זינט ער האָט פאַרמאַכט דאָס קרעמל זיינע, צוליב די גרויסע שטייערן, איז חיים מענדל ארומגעגאַנגען אָן פרנסה, געגריזשעט די הויט פון זיך, און זיין שיטער פּענדזל־בערדל איז שוין כמעט אין גאַנצן גרוי געוואָרן פון צרות. אָבער ענדלעך האָט ער פאַרט געפונען וואָס צו טאָן, און איצט זענען אים אַלע מקנא.

ער האָט גוטע איינפאַלן, חיים מענדל! געזען, אַז צוליבן קריזיס הערט אויף דער עולם ביסלעכווייז צו נוצן עלעקטריע, האָט ער אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט נאַפט, פונאַנדערטראָגן עס איבער די הייזער. שטענדיק טרעפט איר אים מיט אַ קענדל נאַפט אין האַנט און אין געסל רופט מען אים דעריבער „חיים מענדל מיט דער קענדל״.

די בעל־הביתטעס האָבן מיט אים אייגזעענישן — אַ געפאַלענער קרעמער — נעבעך — קויפט מען ביי אים גערן די פונטלעך נאַפט. אַגב, פאַרשפּאָרט זיי שוין חיים מענדל די אַרבעט פון פּאַרקען זיך ביים לעמפּל. ער פאַרשערט שוין אַליין דעם קנויט, רייניקט אויס יעדעס מאָל מיט גרויס התמדה דאָס גלעזל מיטן „מאַגאַזין״ און, אָנגיסנדיק לסוף די נאַפט אין לאָמפּ, זאָגט ער זיין שטענדיק חכמהלע:

— און איצט דאַרף מען אייך ווינטשן, איר זאָלט ברענען געזונט, כאַ־כאַ־כאַ!..

— אַ ווױלער ייד! — רימען אים ווייבער אונטער די אויגן — די נאַפט הערט זיך טאַקע פון אים פאַר אַ מייל, אָבער עס איז אַ מצווה אים צו געבן צו פאַרדינען!

— ער לייזט שטיקער גאָלד, חיים מענדל! — רעדן מיט קנאה יידן

פון געסל, יידן, וואָס האָבן אויך, פונקט ווי ער, געמוזט, צוליב די שטייערן, פאַרמאַכן די קרעמלעך, גייען ארום ווי אויפן עולם־התוהו און ווייסן זיך נישט צו וואָס צו נעמען. אָט אַ פאַרדראָס!.. אַרומטראָגן נאָפט איבער די הייזער איז זיי גאָרנישט איינגעפאַלן... און איצט איז שוין שווער צו קאָנ־קורירן מיט אים, ער האָט פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע געסל!..

זיי פרעסן אים ממש מיט די אויגן, ווען ער שלייכט זיך אַדורך מיט דעם קענדל נאָפט אין האַנט. און ער, דער נייער „בעל־פרנסה“, גייט דעמאָלט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן און טראַכט נאָר טרויעריקע מחשבות:

— דער מסחר זיינער קראַכט!.. דער חשבון וואָלט נאָך אפשר אויסגעע־האַלטן, ווען די ווייבער וואָלטן באַצאָלט די פּאָר גראָשן פאַר די נאָפט און נישט אָפּגעלייגט עס אין דער לאַנגער באַנק אַריין... פּרוווט ער אָבער מאָנען, אַזוי הייבן זיי אויף אים אויף אַ געשריי:

— געזען אַ ביסל? ער מיינט מסתמא, אַז ער איז אַן עלעקטרישע סטאַציע, וואָס מען דאַרף צאָלן דעם רעכענונג צום טערמין!.. שאַט, שאַט, און אפשר איז טאַקע אַ פּלאַן, איר זאָלט עפענען אַ סטאַציע, ר׳ חיים מענדל?..

— שלעכט! — פאַרקרימט זיך חיים מענדל, דערמאָנענדיק זיך די ליצנות פון די ווייבער, טרייסלט טרויעריק מיט דעם גרוי־געוואָרענעם פענדזל־בערדל און פון זיינע ביטערע קרעכצן טראָגט זיך, דוכט זיך, אַ ריח פון נאָפט...

דער פרייטיקדיקער אולניק

זינט אברהמע דער וועבער איז געוואָרן אַרבעטסלאָז האָבן זיך ביי אים געביטן די יוצרות, זיין ווייב ביילע איז געוואָרן, מישטיינס געזאָגט, די שפּייזערקע, זיך געשטעלט פּליקן עופות אויף יאַטקע־גאַס און ער ניאַנ־טשעט זיך אין שטוב מיט די דריי „פּיקערס", ווי ער רופט די קינדער, פון וועלכע דאָס עלטסטע יאַטל איז אַלט זעקס יאָר און דאָס יינגסטע צוויי.

פאַרשטייט זיך, אַז מיט קיין מאַרצעפּאַנעס קאָרמעט ער זיי נישט, אברהמע, מער ווי אַ שטיקל ברויט מיט הערינג זעט מען נישט אַ גאַנצע וואָך, ווען נישט ווען בלויז אַ ביסל קאַרטאָפל מיט „נישט". קיין אַנדער מאַכל האָט ער זיך נאָך אַלץ נישט אויסגעלערנט צו קאָכן, אברהמע. ביילע, ווידער, ווען זי קומט שפּעט ביינאַכט אָן אָנגעהאָרעוועטע, אָן אָנגעפּרוירענע פון דער אַרבעט זאָגט זי אָפּ קאַטעגאָריש צוזוגרייטן אַ ביסל געקעכטס: אַז זי האָט קיין כוח נישט און זי טענהט, אַז דאָס געהערט שוין איצט נישט צו איר... און פאַלט אַוועק ווי אַ געהרגעטע, אַזוי ווי זי שטייט און גייט, אין אָנטועכץ, שלאָפן.

בלויז איין טאָג אין דער וואָך, פרייטיק, ברעכט ביילע דעם „פּרינ־ציפּ". פרייטיק שטייט זי אויף מיטן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג, שיילט און רייבט קאַרטאָפל ביים קאַרגן שיין פון נאַפּט־לעמפל, טוט אַריין נאָך דעם די גרויסע אָנגעריבענע בלעך אין אונטערשטן באַק־אויוועלע און מאַכט צו אברהמען, וועלכער טוליעט זיך נאָך בעת־מעשה אין די אָפּגעקראָכענע בעטגעוואַנט:

— גיב נאָר אַכטונג, שלימזל מיינער, עס זאָל נישט פאַרברענט ווערן! זאָלן כאָטש די קינדער האָבן מיט וואָס זיך מחיה צו זיין! — און אַנטלויפט

אויף גיך אויף יאַטקע־גאַס צו דער אַרבעט, נישט באַווייזנדיק אַפילו צו נעמען אַ לעפל וואַסער אין מויל.

אַ שאָד וואָס זי הייסט אברהמען אָפּהיטן, אַז דער אולניק זאָל נישט פאַרברענט ווערן. גלייכער וואָלט געווען, ווען זי זאָגט אים אָן, אברהמען, ער זאָל נישט ארויסנעמען דעם אולניק אַ רויען... וואָרעם באַלד נאָך איר אַוועקגיין צעשפּרייט זיך איבערן שטוב דער רייצנדיקער אולניק־ריח מיט אַזאַ מעכטיקן כוח, אַז ער יאָגט אַזש אַראָפּ די קליינוואַרג פון די געַ־לעגערס: אין שטוב איז קאַלט — הינט צו טרייבן, אָבער חברה פילן עס גאָרנישט. רינגלען אַרום דעם טאַטנס געלעגער אין די בלויזע העמדלעך, שטורכען אים פון אַלע זייטן:

— טאַטע, נעם אַרויס דעם אולניק פון אויוון, דעם אולניק נעם אַרויס!..

— אַז ער איז נאָך נישט פאַרטיק... — הייבט אָן אברהמע, ווי אַ נישט־צופרידענער, כלומרשט, זיך אָנטאָן, אין דער אמתן אָבער רינט שוין ביי אים אַליין אויף די סלינע פון מויל. און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז שוין דער אולניק, אַ האַלב־רויער „אין דער אַרבעט". מען רייסט און מען צופּט פון אים גאַנצע שטיקער, יעדער באַמיט זיך אָפּצורייסן אַ וואָס גרעסערן חלק, פאַררוקט זיך דערמיט אין אַ ווינקל, ווי אַ הונט מיט אַ ביין, וואַרפט עס פון איין הענטל אין דער אַנדערער, בריט זיך און בלאָזט מיט אַלע כוחות, די אויגן גליען און דאָס נעזל שוויצט...

— זע נאָר סאַרא געאייל אויף זייערע קעפּ! — פּרוּווט דער טאַטע זיי לערנען דרך־ארץ — קיינער וועט דאָך ביי אייך נישט אַרויסכאַפּן!..

שווער אָבער איינצונעמען די הונגעריקע חברה. — אַ קליניקייט עפּעס — אולניק! און איין מאָל אין וואָך אין גאַנצן — פרייטיק: נאָר פרייטיק!..

איטשע דער טרעגער

פעשע די הויכע, די מאַרק־יידענע, וואָס שלעפּט זיך אַרום פון פריען באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט די קוישן אוגערקעס צווישן די קראָמען, האָט סוף־כל־סוף באַשלאָסן מיט אַ שווער געמיט, צוצונעמען דעם מאַן אירן, איטשען, דעם געזונטן טרעגער־יונג, פון גומיענער גאַס, ער זאָל איר אַרויסהעלפן אַ ביסל אינעם האַנדל מיט דעם גרינוואַרג.

סיי ווי, האָט זי געטראַכט, קומט ער לעצטנס פון גאַס אָן אַ גראָשן פּרנסה אין קעשענע. ער, איטשע, וועלכער איז אַ מאָל געווען פון די גרעסטע פאַרדינערס אויף גומיענער גאַס, דער שטיי־אַרט פון די טרעג־גערס, — אַ קליינינקייט, אַזעלכע פּלייצעס, אָן עין הרע, ווי ער האָט... די שווערסטע קאַסע טראָגט ער דאָך, ווי אַ פעדערל, אויף די העכסטע שטאָקן אַרויף, וואָס איז אָבער די פּעולה, אַז די גאַס איז שונא ציון אויס־געטריקנט און גאַנצע טעג זעט מען נישט אָן קיין פּעקל פאַר די אויגן, איז נישט גלייכער ער זאָל איר העלפן אַ ביסל צוהאַנדלען, אַ קויש אונ־טערטראָגן ?

זי האָט אָבער אַ טעות געהאַט אין חשבון, פעשע. אי ער טויג זיך נישט דערצו, אי זי האָט פאַרלוירן די גוטע „דאָליע", וואָס זי האָט געהאַט ביי אים די גאַנצע יאָרן, וואָרעם, ווו טאַקע האָט מען עס אָנגעזען אַזאַ געטרייען מאַן ווי ער איז געווען ? אַלע ווייבער אין געסל האָבן דאָך איר מקנא געווען דעם „ברילּיאַנט" אירן. יע, אַן אמתער ברילּיאַנט איז עס געווען. אַזאַ געבוי, אָן עין־הרע, פון אַ ייד, און ווייך איז עס געווען, ווי אַ קינד... רק: פעשעטשקע! פעשעטשקע!.. אַן עמער וואַסער פלעגט ער

דאָך איר נישט לאָזן אַריינגעמען פון ברונעמל. און האַנדלען אויפן מאַרק האָט ער איר דען געלאָזן? „אַז איך דאַרף נישט, פּעשעטשקע, סערדצע, דיינע פּאַרדינסטן!״ — פּלעגט ער זיך ביי איר בעטן, ווי ביי אַ גזלן, איר איז שוין אָבער שווער געווען זיך אָפּצוגעוווינען דערפון, ליב געקראָגן נאָך פון מיידלווייז אָט דעם האַנדל־וואַנדל...

איצט, אין קריזיס־צייט, קומט עס איר אַפילו גאַנץ גוט צו נוץ, ווען נישט דאָס, וואָלטן זיי, פונקט ווי די איבעריקע טרעגער אין געסל, אויס־געגאַנגען פון הונגער. האָט זי אָבער דערפאַר אָנגעווירן איטשען, דעם גוטן, ווילן מאַן אירן.

וואָס איז געוואָרן מיטן האַזיקן ייד? זינט זי האָט אים אַריינגענומען אין מסחר איז דאָך אים נישט צו דערקענען. אַזאַ צערייצטע בריאה גע־וואָרן! קיין מאָל האָט זי פון אים קיין בייז וואָרט נישט געהערט און איצט איז רעכט אַפילו אַ קללה!..

„דיינע אוגערקעס וועלן מיך משוגע מאַכן!״ — האַלט ער אין איין וואָרטשען, ווען זי הייסט אים צוטראָגן ערגעץ אין אַ קראָם אַ קויש סחורה, און דערזעענדיק פון דערווייטנס אַ טרעגער, ווערט ער רויט ווי פייער, פאַרשעמט זיך...

אַ מאָדנער ייד! אַנומלט, דורכגייענדיק די גאַס, האָט ער באַמערקט ווי אַ קאָמפּאַניע טרעגערס מאַטערן זיך איבער אַ קאַסע, ציען איר מיט אַ שטריק אין דער הויך, איז ער געוואָרן אַן אָנגעצונדענער, איבערגעלאָזן דעם קויש אוגערקעס אויף גאַטס באַראַט, אַ כאַפּ געטאָן די קאַסע ווי אַ מאַלינקע און אַרויפגעטראָגן זי אייגנקער אַליין, וווּ מען האָט געדאַרפט.

דאָס געלט, פאַרשטייט זיך, האָבן אָפּגענומען יענע טרעגערס, ביי איטשען איז עס בלויז געווען אַ ספּאָרט, אַ שטיקל אָפּפרישונג אין זיין נייעם לעבן פון האַנדל.

גאַסן־יינגלעך, ווייסע־חברהניקעס, האָבן בינו־לבינו, ווען איטשע איז געווען פאַרנומען מיט דער קאַסע, אַ תל געמאַכט פון קויש אוגערקעס, וואָס ער האָט געלאָזן אונטן, אויפגעגעסן ביז איינעם... און אַז ביילע האָט

געפּרווט אים אויסרעדן אַ וואָרט, איז ער נאָך אויף איר אָנגעפאַלן, אַזש דער גאַנצער מאַרק האָט זיך פון זיינע קולות געהויבן.

„אָט לאָז מיך צוריק אויף גומיענער גאָס!" — האָט ער געשריגן — „איך בין אַ טרעגער, בין איך, און נישט קיין סוחר פון אוגערקעס!"...

אַ נערוועזער, אַ בייזער ייד איז ער געוואָרן.

דער נאַכט־וועכטער

אין אַ גרויסן פראָסט האָב איך אים געטראָפן אין מיטן נאַכט, איינגעוויקלט אין אַ לאַנגן צעקראַכענעם פּלאַשטש. די צעוואַקסענע, פּאַטריאַרכאַלישע באָרד — אַ פאַרשנייטער בעזעם, און מיטן גראָבן שומר־שטעקן אין האַנט האָט ער אַלע ווײַלע אויסגעזעצט עטלעכע טעמפּע קלעפּ אין דער נאַכטיקער גאַס.

איך האָב מײַנע אויגן נישט געגלייבט: ווי לאַנג איז עס, אַז אָט דער ייד איז געשטאַנען אין זיין שניט־קרעמל אונטערן ראָטהויז און אין שטאָט האָט מען אים צוליב זיינע לומדות גערופן „ר׳ מענדעלע״, און איצט — אַ נאַכט־וועכטער!

— וואָס וווּנדערט איר זיך אַזוי, — האָט הייזעריק און פאַרשטיקט געקלונגען דעם אַלטנס שטים פון וואָלענעם שאַל אַרויס — אַ סך שענערע יידן וואָלטן הײַנט, בנאמנות, נישט בראַקירט דערמיט, אַבי פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט... פריער טאָקע האָט מען זיך געשעמט, אָבער איצט איז שוין אַראָפּ די חרפּה!

— פון דעסטוועגן — האָט ער צוגערוקט צו מיר די ווייסע פאַרפרוירענע וואָנצעלעך — ווי שטייט דאָרטן אין פּסוק: „אַל תגידו בגת״, צעפויקט עס נישט איבעריק אין גאַס. מיר אַרט עס אַפילו קנאַפּ וואָס, נאָר איר ווייסט נישט? די טעכטער מײַנע, די מיידלעך... זיי האָבן דאָך אַלע געענדיקט גימנאַזיע!

האָט איר כאָטש דערפון חיונה? — האָב איך אים געפרעגט.

— צו ערשט איז געווען גאַנץ נישקשהדיק — האָט ער זיך געהויכט אין די פויסטן — אָבער וואָס ווייטער, שליסן זיי זיך צו אַלץ מער, די

קראָמען, וואָס איך היט: די גרויסע שטייערן פּרעסן זיי אויף איינס נאָכן אַנדערן. און די איבעריקע קרעמער ליגן נאָך אַפּ דאָס באַצאָלן דעם גילדן, וואָס מיר קומט, פון איין פרייטיק אויפן אַנדערן!..

— מיר גייען אונטער, און אַ סוף! — האָט ר׳ מענדעלע מיטן גאַנצן כוח אַ זעץ געטאָן מיטן וועכטער־שטעקן אין דער וויסטער ווינטערדיקער נאַכט אַריין.

דער סוף פון אַ יידישן ראַדיאָ

אַ באַקאַנטער מיינער, אַ פאַרברענטער ראַדיאָ־ליבהאָבער, האָט מיר נישט לאַנג איבערגעגעבן מיט צעפינקלטע אויגן, אַז אין שטאָט מערקט זיך לעצטנס אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג: דער עולם האָט זיך גאָר גע־שמאַק אַ נעם געטאָן הערן ראַדיאָ און די צאָל ראַדיאָ־אַפּאַראַטן וואַקסט פון טאָג צו טאָג.

און נישט בלויז אויף די הויפּט־גאַסן, אויף די שיינע, אויסגעצאַצקעטע דעכער, בליען זיי, די וווּנדערלעכע ראַדיאָ־שטעקנס, נאָר איר באַמערקט זיי שוין אַפילו סטאַרטשענדיק אַלץ מער און מער אין די הינטער־שטאָ־טישע קוואַרטאַלן, צווישן די נייע פּשוטע הילצערנע הייזלעך, וואָס די מלוכה האָט לעצטנס אויסגעבויט פאַר די נידעריקע באַאַמטע. די ראַדיאָס פאַר־הילכן דאָרט מיט די זיסע קלאַנגען די קלאָרע לופט, בלאַנדזשען אום צווישן די פאַרזעצטע יונגינקע ביימלעך.

און וואָס הערט מען עפּעס אין די יידישע געגנטן? — איז נייגעריק געוואָרן אין מיר דאָס פּינטעלע ייד — וואָס זאָגט, אַ שטייגער, די סטאַ־טיסטיק וועגן זיי?

— אַן אומעטיקע סטאַטיסטיק! — האָט מיין ראַדיאָ־ליבהאָבער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — אָדער גאָר קיין סטאַטיסטיק נישט, ווייל מען זעט נישט קיין ראַדיאָ דאָרטן אויף אַ רפואה... וויפל מאָל גיי איך עס ספּעציעל אום פון גאַס צו גאַס און זוך אַ שטעקן אויף די טונקעלע דעכער, זוך מיט זיבן אויגן און קאָן גישט געפינען.

— יע, איין אַפּאַראַט איז אַפילו דאָרט איין מאָל יע געווען — האָט זיך פלוצלונג דערמאָנט מיין באַקאַנטער — אַ יונג פּאָר־פאָלק, וואָס האָט

געעפנט פאַר דעם נדן־געלט אַ קרעמל פון סאָדע־וואַסער, האָט אַריינ־געצויגן אַ ראַדיאָ, כדי צוצוציען קונים. איז טאַקע געווען פריילעך אַ שטיקל צייט אין די געסלעך. נאַכט אין נאַכט איז דאָ געווען שוואַרץ פון מענטשן. וואָס איז אָבער די פּעולה, אַז אין קרעמל איז מען נישט גע־גאַנגען. צו וואָס? אַז אין דרויסן הערט מען אויך גאַנץ גוט די מוזיק!.. און דער סוף איז געווען, אַז מען האָט אים אָפּגעשריבן דעם ראַדיאָ, פאַר נישט־באַצאָלטע שטייערן.

אָט אַזוי איז פאַרשוווּנדן דער איינציק פאַרריסענער שטעקן אין גאַנצן געגנט — דער סוף פון אַ יידישן ראַדיאָ!..

מיין פעטער מיט די טעכטער

אַ ליבן, נאָר טראַגיש־קאָמישן גאַסט האָב איך אָט דאָ נישט לאַנג געהאַט ביי זיך: מיין שיינער שוואַרץ־באָרדיקער פעטער איז געקומען אַהער פון זיין וויטלעכן שטעטל. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זיך געשלעפּט מיטן איבערגעפּאַקטן בעל־עגלהשן שליטן, מחמת דעם גוואַלדיקן שניי אויף די וועגן גייען נישט לעצטנס די אויטאָבוסן.

— איך האָב אַפילו געוואָלט אָפּלייגן די רייזע אויף אַן אַנדערש מאָל, — דערציילט מיר מיט זיין שטילן קול דער פעטער — האָט אָבער די מומע, זאָל געזונט זיין, געאַרבעט מעשים, געפּלאַנכעט מעשה־יידענע: די גאַנצע וועלט — האָט זי געטענהט, זוכט עצות, לויפט זיך ראַטעווען, און דו, שלימזל, רירסט זיך נישט פון אָרט... זאָלסט שוין, די רגע, פאָרן אין שטאָט אַריין, זאָג איך דיר, עס איז דאָך לעבנס־געפאַר... פינף טעכטער, אָן עין־הרע, כאַטש נעם און פיר זיי אַלע גלייך אונטער דער חופּה!

— זענט איר, הייסט עס, געקומען אַהער מכוח אַ שידוך! — פּרוּוו איך זיך אָנשטויסן.

דער פעטער טוט אָבער פאַראיבלדיק אַ מאַך מיט דער האַנט:

— ווי איך זע, מאַכסטו חוזק פון אַ שטעטלשן יידן, מאַכסטו חוזק! ווי אַזוי קאָן איך קומען אַהערצו מכוח אַ שידוך, אַז איך האָב נישט קיין צעבראָכענעם גראָשן ביים לייב? און וועלכער טאַטע, פרעג איך דיך, קאָן היינטיקע צייטן יאָ טראַכטן וועגן חתונה מאַכן אַ קינד? טאָרבעס, אַ וועלט מיט טאָרבעס!.. וואָס זשע טוט מען פאָרט? פּרוּוון יידן זיך ראַטעווען אויף פאַרשידענע אופנים, שיקן איצט טאַטעס זייערע טעכטער קיין ארץ־ישראל... ווייל אַהין זענען דאָך אַוועק אַלע יונגע־לייט פון די

שטעטלעך, האָפט מען, אַז די טעכטער וועלן דאָרט חתונה האָבן מיט חלוצים און נאָך ארויסהעלפן אפשר טאַטע־מאַמע אין נויט... „טאָ ווו זשע זענען מיר ערגעץ אין דער וועלט״? — האַלט אין איין איינטענהן מיט מיר די מומע דיינע — „צו ערשט לאָמיר אָוועקשיקן באַשקען, דער עלטסטער, פאַרשטייט זיך, וועט זי דאָרט קריגן דעם אמתן זיווג און וועט שפּעטער אַריבערנעמען מאַשקען, מאַשקע וועט אַריבערציען ביילקען, ביילקע — פעסלען און צום סאַמע סוף וועט פעסל אריבערטאַשטשען אסנהלען דער מיזינקע, פונקט ווי אין דער חד גדיה...״ שלעכט איז נאָר, וואָס עס איז נישטאָ קיין געלט אויף הוצאות — איז דער פעטער פלוצלונג אַראָפּגעפאַלן פון טאָן — ווו באָרגט מען, אַז קיינער האָט נישט?.. בין איך עס טאַקע געקומען אַהער אַ שמעק טאָן, צי קאָן מען אַ מאָל נישט מאַכן די עקסקורסיע קיין ארץ־ישראל אויף וועקסעלעך, אָדער גאָר אויף ראַטעס? די גאַנצע וועלט גיט דאָך היינט אויף ראַטעס!..

ער האָט געפּרוּווט אַ שמייכל טאָן, דער פעטער מיינער, עס איז אָבער אַרויסגעקומען נישט קיין שמייכל, נאָר עפּעס אַ וויטיקפולע גרימאַסע האָט אויסגעקרימט זיין שיינעם אויסגעאיידלטן פּנים. ימען צער האָבן זיך געגאָסן פון זיינע שוואַרצע יידישע אויגן — דער צער פון אַ גאַנצער אומה, דוכט זיך, וועלכע מאַטערט זיך מיט די לעצטע כוחות, צו דערהאַלטן איר קיום אויף דער מיאוסער צעקרעציקטער וועלט...

אַן ארץ־ישׂראלדיקער פּאַס

איר האָט אַ מאָל געזען אַן ארץ־ישׂראלדיקן פּאַס ?

איך האָב עס די טעג געזען, אָבער בלויז אַ קליין שטיקל און דאָס ביי יענעם אין די הענט, ווייל דאָס באַקאַנטע מיידל, וואָס האָט עס מיר באַוויזן, האָט געטוליעט די גאַנצע צייט דאָס ביכעלע צו זיך, ווי מען טוליעט עפּעס אַ ציטעריק קינד, נישט געוואָלט עס פון האַנט אַרויסלאָזן.

איך האָב אָבער אויף איר קיין פּאַראיבל נישט געהאַט, ווייל איך קאָן זי צו גוט, דאָס מיידל, נישט בלויז זי, נאָר אַפילו די געשיכטע פון די טיפע קנייטשן, וועלכע האָבן די לעצטע פּאָר יאָר דורכגעאַקערט איר שיינעם בלאַסן שטערן: די לעצטע פּאָר יאָר, זינט זי האָט זיך אָנגעהויבן באַמיען וועגן פּאַרן קיין ארץ־ישׂראל.

אויף אַלע שטאָטישע ציון־עטאַפּן, וועלכע קאָנען מער־ווייניקער פּאַר־שנעלערן דעם וועג קיין ארץ־ישׂראל, האָב איך זי געזען: אין ציוניסטישן קלוב און ביי די „פּועלי־ציון״, ביים שקלים־פּאַרקויף און אויפן גאַס מיט בלימעלעך פּאַרן קרן־קימת.

די שיינע, ברוינע, שפּילעוודיקע אויגן אירע, האָבן מיט דער צייט פּאַרלוירן זייער שטאָלצן גלאַנץ. אַ פּאָר נעבעכדיקע בעטלערס זענען זיי געוואָרן: „איר זעט דאָך, אַז איך טו אַזוי פיל פּאַר ארץ־ישׂראל״ — האָט מען אַרויסגעלייענט פון זיי — לאָזט זשע מיך לסוף פּאָרן אַהין, איך האָב שוין מער קיין כוח נישט צו וואַרטן!..

עס האָט זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט — הונדערטער קאַנדי־דאַטקעס אויף איין סערטיפיקאַט — און דאָס מיידל איז איינגעאַנגען פון טאָג צו טאָג.

אָבער אַט האָב איך זי געטראָפן אין גאַס, און די אויגן אירע האָבן ווידער געשפּילט, פּונקט ווי אַ מאָל, זיי האָבן געווונקען צו מיר חנעוודיק, מיט טיפן סוד:

— איר ווילט עפּעס זען אַ שיינע זאַך?

און זי האָט פּאַמעלעך אויפגעעפנט דאָס האַנט־בייטל און עס האָט אַ גלאַנץ געטאָן אַ רויט ביכעלע מיט גאָלדענע אותיות. אַ לייב מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ האָט זיך אַ וויז געטאָן און איז באַלד פאַרשוווּנדן, ווייל דאָס מיידל האָט אין דער רגע צוריק צוגעקלאַפּט דעם רידיקיול, ווי מען קלאַפּט צו אַ קאַסע, וווּ עס געפינט זיך עפּעס אַ טייערער אוצר.

— איר ווייסט דאָך, וואָס דאָס איז? — האָט זיך דאָס מיידל אַזש געצאַפּלט פון פרייד — דאָס איז אַן ארץ־ישׂראלדיקער פּאַס, איז עס, איך האָב זיך, פאַרשטייט איר מיך, פאַרבונדן מיט אַן ארץ־ישׂראלדיקן בחור, וואָס אַ קרובה האָט מיר פון דאָרט ארויסגעשיקט און אַט האָב איך שוין געקראָגן ביים ענגלישן קאָנסול דעם אמתן פּאַס, מיט אַ לייב, מיט העב־רעישע אותיות, מיט אַלץ... יע, איך פאָר קיין ארץ־ישׂראל, איך פאָר, איך פאָר!..

זי האָט גיך אַוועקגעשוועבט איבערן טראָטואַר, און די פּאָלעס פון איר נייעם ווייסן, לייוונטענעם מאַנטל, וואָס אַלע מיידלעך מאַכן זיך דאָ פאַרן פאָרן קיין ארץ־ישׂראל, האָבן, ווי אַ פּאָר פליגלען, געפלאַטערט אויפן ווינט, פון אַלע זייטן האָבן איר מיידלעך נאָכגעוואָרפן בליקן, נישט פאַרגונען, מקנא געווען...

נאָך וואָס ער האָט געבענקט

ווער ווייס, צי שאַפּיראָ, דער בחור מיט די גרויסע, אומעטיקע אויגן, וואָלט שוין לאַנג נישט פאַרגעסן זיין אַלטע היים, דאָס פאַרוואָרפענע ליטווישע שטעטעלע, ווען נישט די... געלע, אָרעמע רומיאַן־בלימלעך, מיט וועלכע די שטעטלשע מיידלעך צוואָגן זיך די האָר לכבוד שבת...

מיט די דאָזיקע האַלב־בלימלעך, האַלב־קרייטעכצער איז דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, אויסגעזייט דער ברייטער, קיילעכדיקער פּלאַץ פונעם חרובן רוסישן קלויסטער און דורכגייענדיק דאָ יעדעס מאָל, דערפילט שאַפּיראָ עפּעס אַזאַ זיסע קלעמעניש, אַזאַ מעכטיק געפיל פון „איך בענק אַהיים". ווי אין אַ חלום שוועבט אים דורך פאַר די אויגן דער היימישער ערב שבת, זיינע שיינע וווקסיקע שוועסטער מיט די וווּנדערלעך לאַנגע, שמעקעדיקע האָר, נאָר וואָס אויסגעצוואָגענע מיט רומיאַן, עס זאָל בעסער וואַקסן...

ווו זענען זיי איצט די שוועסטער? צעזייט איבער אַלע זיבן ימים! בלויז איינע פון זיי, די ייִנגסטע און ליבסטע, איז געבליבן אין שטעטל און דאָרט חתונה געהאַט. אַ בילד האָט זי אים דעמאָלט צוגעשיקט, שטייט זי דאָרט מיט צעכוואַליעטע האָר איבער די אַקסלען, פּונקט ווי די ביבלישע העלדין... אַך, ווי גוט וואָלט געווען אַריינצופאַלן, אַזוי זיך, צו איר אַן ערב שבת אין דעם וויטלעכן שטעטל, איינטוליען דעם מידן קאָפּ אין די שמעקעדיקע האָר און וויינען, ווי אַ קינד, פון גוטסקייט, פון היימישן גליק.

צעבראָכענע סענטימענטאַלקייט! — פלעגט זיך שאַפּיראָ אַליין מוסרן, און... איין מאָל, אַ פריטיק, איז ער אַוועק צום באַן און פאַרנאַכט־צייט

איז ער, מיט אַ געפיל פון אַן עולה־רגל, אָנגעקומען אין זיין אויסגעבענק־טער היים.

אָבער וואָס איז דאָ געשען? אַריינקומענדיק צו דער שוועסטער אין שטיבל, איז אים גאָר אָ פּרעמד, קורץ־האָריק ווייבל אַנטקעגנגעלאָפן מיט אָ פריידיקן קוויטש, געפאַלן אויפן האַלדז, געקושט... איז דאָס זיין שוועסטער? טאָ וווּ זשע זענען די שמעקעדיקע האָר אירע? דער ערב־שבתדיקער רומיאַן־ריח? פון דער טראָגט זיך דאָך גאָר סיגאַרעטן־רויך... אַ „בחורטע", הייסט עס, פּונקט ווי אַלע!..

מיטן צער פון אַ בלינדן האָט ער געפירט די פינגער איבער איר יינגלש־געשוירענעם קאָפּ, איבערן נאַקן, און זיינע ליפּן האָבן קוים גע־שעפּטשעט:

— „שוועסטער, וואָס האָסטו געטאָן?.."

היימישע ריחות

שוין יאָרן לאַנג אין דער היים נישט געווען און טרייסלענדיק זיך איצט אַהינצו, חשוון־צייט, אינעם אַלטן, פאַררעגנטן אויטאָבוס, האָט מיר, ווי מיט אַ נעבל, אַרומגענומען כסדר אַ פרישע שמעקעדיקייט פון ווינטערדיקע עפּל און געפּרעגלטן געגנדזענעם שמאַלץ — אָט די ליבע ריחות, וואָס האָבן אַ מאָל פון ברעג ביז ברעג פול געמאַכט מיין נאָך סוכותדיק איינגעפּוג־דעוועט שטעטל.

באַזונדערס, געדענק איך, האָט עס געשמעקט אין די אָוונטן, און ס׳איז אַזוי גוט געווען יינגלוויז צו גיין ביינאַכט פון חדר, איינגעוויקלט אין די דאָזיקע ריחות, און אויך שפּעטער, עלטער ווערנדיק, ווען מען האָט שוין געהאַט די זכיה צו גיין אין שטעטלשן „קלוב" — צו משה לייב דעם נגיד אין שטוב, מיט די הויכע, נגידיש־צעפּייערטע פענצטערס. אַלץ האָבן דיך באַגלייט די שאַרפע עפּל־און שמאַלץ־ריחות.

פון גאַנץ שטעטל האָט זיך יונג און אַלט געצויגן אין די ווינטער־אָוונטן צו דער דאָזיקער שטוב, צו משה לייבן, וועלכער האָט די לעצטע צייט אויפגעהערט פאָרן צו די פּריצים און דעם וואַלד־מסחר איבערגע־געבן צו פירן זיינע צווי אויסגעגעבענע זין, און צו זיינע אייניקלעך.

דער בליץ־לאַמפּ האָט העל געברענט און אַ ליבע וואַרעמקייט האָט געזעצט פון ברייטן קאַכליאַון אויוון, דער איינציקער אויוון פון דעם מין אין שטעטל. דער צימער — גרויס ווי אַ פעלד, מיט עטלעכע טישן. זיצן עלטערע מענטשן אין מיטן ביים מאַסיוון „פּעטערבורגער" טיש, טרינקען טיי „וו׳פּריקוסקו", שפּילן אין שאַך און שמועסן פּאָליטיק, און די יונגוואַרג האָבן זיך זייער ווינקל. מ׳לייענט די רוסישע בלאַט, וואָס קומט אָן

צום נגיד, מען פירט דיסקוסיעס, אָדער מען ציט אַ לידל אין דער שטיל.

דאָס רוב זינגט מען דאָס ליד מיט דעם בלום, „וואָס ליגט אין מיטן וועג און פוילט שוין אייניקע טעג". דאָס דאָזיקע ליד נעמט זייער שטאַרק אויס ביי די עלטערע יידן. זיי הערן זיך צו צו יעדן וואָרט, זיפצן צו ביסלעכווייז, שאָקלען זיך צו מיט פאַרמאַכטע אויגן, און דער אַלטער משה לייב טוט אַ זאָג צום סוף מיט אַ טיפן, אומעטיקן קול:

— דאָס איז דאָך אַ משל, אַי ווי איז מיר, אויפן פאָלק ישראל!..

פאַרטראַכט זיך, פאַרחלומט זיך, און דערווייל איז דער אויטאָבוס אָנגעקומען אין דעם פאַרנאַכטיקן שטעטל. ער איז שטיין געבליבן אין מיטן בלאָטיקן מאַרק און איז באַלד ארומגערינגלט געוואָרן מיט אַ קרענצל אָפּגעריסענע, פאַרחושכטע יידן. זייערע צעמאַרטשעטע פּנימער האָבן זיך שטום געקלאָגט: ווו נעמט מען קאַרטאָפל אויף ווינטער?..

מען האָט מיך דערקענט, אָנגעהויבן שטעקן פון אַלע זייטן ביינערדיקע הענט און זיך געוווּנדערט אַ ביסל, וואָס מיינע ערשטע ווערטער זענען געווען:

— פרעגלט מען שוין, הייסט עס, גאָרנישט היינט קיין שמאַלץ אין שטעטל?.. קיין סימן פון אַזאַ ריח נישטאָ... גאָרנישט!..

און באַלד נאָך דעם איז מיר איינגעפאַלן צו פרעגן:

— ווו איז ערגעץ דער אַלטער נגיד משה לייב? וואָס מאַכט ער, הא?..

אַ ייד מיט אַ צעשראָקן בערדל האָט מיר געענטפערט:

— משה לייב? אַזאַ סוף זאָל אויסגיין צו אַלע יידישע שונאים! אַ תל געוואָרן פון משה לייבן... שטייערן, צרות, די קינדער זענען זיך איבער דער וועלט צעפאָרן, און ער אַליין וואַלגערט זיך דאָ אין אַ פרעמדער קאַמער און גייט אויס פאַר א שטיקל ברויט. א שיינע עלטער, הא?..

די אַרומיקע האָבן אונטערגעזיפצט, באַדויערט, אָבער פּלוצעם האָט איינער אַ זאָג געטאָן:

— וואָס האָט איר אַזוי רחמנות אויף משה לייבן? און עמעצן פון אונדז איז בעסער? איין דאָליע האָט אונדז אַלעמען געטראָפן. מיר גייען אויס ווי די ליכט און — אַ סוף!..

דאָס שטעטל האָט זיך געוויקלט אין אַ שווערן האַרבסטיקן נעבל...

האַלץ

זי איז געשטאַנען, די אַלטע, ביים פענצטער פון איר דאַך־שטיבל און דורך די פייכטע שייבלעך ארויסגעקוקט אויפן פאַרשנייטן, פאַרנאַכטיקן הויף, ווו אין אַ זייט, נעבן פּאַרקאַן, זענען געלעגן אָנגעוואָרפן לאַנגע שטיקער האָלץ, וואָס אַ פּאָר גוישע פורן האָבן נישט לאַנג געבראַכט פאַרן בעל־הבית פון הויז. די ווייסע שייטלעך זענען געלעגן הפקרדיק צעוואָרפן, גרייט, אַז זעגערס זאָלן באַלד קומען זיי צעזעגן און צעהאַקן, און די אַלטיטשקע האָט נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון זיי.

פון פענצטער האָט געצויגן אַ קעלט, זיך געוויקלט ארום אירע אַלטע גלידער, געשטאָכן די פיס, — זי איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן פון אָרט, אַזוי ווי עפּעס אַ געהיימער כח וואָלט זי דאָ צוגעשמידט, און זי האָט אַלץ געטראַכט, אויף די האָלץ קוקנדיק:

„נישט קיין סך!.. בלויז איין שייט האָלץ אַזאַ, און זי וואָלט זיך דאָך מחיה געווען! דער אויוועלע האָט שוין עטלעכע טעג קיין פייער נישט אָנגעזען... וואָס וועט זיין דער סוף, וואָס וועט זיין?..״

און וואָס נענטער עס האָט זיך גערוקט דער אָוונט — אַלץ דרייסטער זענען געוואָרן די געדאַנקען אירע.

„עס ווערט שפּעט״, האָט זי געטראַכט, „און דאָס האָלץ וועט שוין היינט מסתם נעכטיקן אין דרויסן. זייער גוט!.. וועט זי זיך אַראָפּכאַפּן ביינאַכט, ארויפנעמען אַ שייטל האָלץ און דורכוואַרפן אַ ביסל דעם אויוון. נישט קיין בייז, וועט זיין ווייניקער אַ שטיקל!..״

האָט זי געטראַכט אַזוי לאַנג, ביז וואַנען דער בעל־הבית, אַ רויט־קאָרקיקער ייד, מיט אַ צעקנעפּלטן פוטער, איז אַרויפגעקומען מיט

דריי יונגע האָלץ־העקערס און אָנגעוויזן זיי ברייט אויף די האָלץ:

— אָבער מאַכן דאַרף מען עס, כלאַפּצעס, איינס־און־צוויי, אָט ווי איר זעט, איז שוין נאָכט!

און באַלד האָט זיך די גרילצנדיקע זעג מיט אַ מוראדיקן אימפּעט אַ יאָג געטאָן איבער די קלעצלעך, פּונקט ווי זי וואָלט פילן, אַז ס׳איז טאַקע אַ סכנה לאָזן די האָלץ נעכטיקן אין דרויסן...

ערשט דעמאָלט איז די יידענע, אַ פאַרשטאַרטע, אָפּגעטראָטן פון פענצ־טער און שאַרנדיק זיך שטיל־פאַרשעמט נעבן די נאַסע צעפּלעקטע ווענט, האָט זי מיט אַ תחינה־ניגון געשעפּטשעט:

— ווי איז מיר, וואָס איך האָב דאָ געוואָלט טאָן, גנבענען אַ שטיקל האָלץ האָב איך געוואָלט, אַ בידנע שטיקל האָלץ!

צוגעשאַרט זיך צו איר בעטל נעבן קאַלטן אויוון, האָט זי זיך דאָרט איינגעטוליעט אין די אַלטע קליידער, מיט וועלכע זי האַנדלט, געציטערט פון קעלט, און דער גרילצן פון זעג אויפן גאַס האָט געשניטן איר לייב, ווי מיט שטיקער גלאָז...

אַ פייער־טאָפּ

דער פראָסט האָט געקנאַקט און די אַלטיטשקע אייער־פאַרקויפערין, איינגעטוליעט אינעם צעקראַכענעם מאַנסבילשן מלבוש, איז ווי שטענדיק געזעסן ביים קליינעם קרעמל אויפן מאַרק, אומגעפירט אירע קליינע, גע־פרוירענע הענטלעך פון פייער־טעפּל צום קאָשיק אייער און פון קאָשיק אייער צום פייער־טעפּל, געטרערט מיט די פאַרזשמורעטע אויגן, ווי זי וואָלט תפילה געטאָן, אַז עמעץ זאָל כאָטש קומען מאַכן „אַן אָנהייב" — זי האָט נאָך היינט נישט פאַרדינט אַפילו אויף די ביסל קוילן, וואָס זי האָט געקויפט ביים בעקער, צו מאַכן דעם פייער־טעפּל.

קיינער איז אָבער נישט געקומען, בלויז אַ ווינט, אַ שניידיקער ווינט איז אָנגעלאָפן פון ערגעץ. די אַלטיטשקע האָט גענומען שטאַרקער פונאַנ־דערבלאָזן די קוילן אין דעם פייער־טעפּל ביים זייט, און פון יעדן בלאָז זענען זיך גרויע אַש־פּליטערלעך צעפלויגן איבערן טראָטואַר.

א בריוול פון ארץ־ישראל אין שטעטל

פון די צענדליקער בריוו, וואָס קומען אָן אין שטעטל אַלע מיטוואָך אָדער דאָנערשטיק פון ארץ־ישראל, און ווערן געלייענט נישט בלויז דורך די משפחות, נאָר גייען איבער פון האַנט צו האַנט, אַזוי ווי די שותּפישע בלאַט־צייטונג — איז קיינעם נישט באַשערט געווען אַזאַ מזל, ווי דעם בריוו פון אסתר לאהן, די אַלטיטשקע אלמנה, וועמען די איינציקע טאָכטער, ציפּטשע, האָט נישט לאַנג אַריבערגענומען צו זיך אין אַ קאָלאָניע ערגעץ, נישט ווייט פון תּל־אביב.

און נאָך שענער: די גראָבע מילנערקע, די איינציקע נגידיתטע פון שטעטל, צו וועמען דער בריוו איז געשיקט געוואָרן, מחמת אסתר לאה האָט געוואַשן ביי איר וועש די גאַנצע יאָרן און זיך גערעכנט דאָרט פאַר אַ שטיקל בן־בית, האָט אין אָנהייב, איבערלייענענדיק דעם בריוו, זיך אַפילו שטאַרק פונאַנדערגעלאַכט, אַזש די גאָלדענע פּענסנע איז איר פון רויט־לעכן נאָז אַראָפּגעפאַלן.

וואָס האָט זי אַזוי געלאַכט? ערשטנס, פונעם מאָדנעם קינדערשן כתב, פון די קאָטשערעס מיט די לאָפּעטעס און, צווייטנס, טאַקע פון דעם שרייבעכץ גופא. „מאַמעלעך מיינע", האָט די אַלטע וועשין געשריבן, „ווען איר וואָלט וויסן ס׳אַראַ טייער לאַנד מיר האָבן! נעכטן האָב איך שוין דאָ דעם ערשטן געוועש געהאַט, בין איך געשטאַנען, ווי איר זעט מיר אַ יידיש קינד, אונטער אַ בוים מיט אַפּעלסינען און געוואַשן. און נאָך דעם האָב איך נאָך נישט באַוויזן אַ פינטל צו טאָן מיטן אויג, און ס׳איז שוין געווען טרוקן, די זון האָט עס אַדורכגענומען און איך האָב אַזש פון גרויס שמחה געוויינט...

אַ מאָדנע זאַך: די גראָבע מילנערקע האָט געלאַכט פונעם בריוול, און

ווען ער איז אַוועק שפּעטער, ווי דער שטייגער איז, וואַנדערן איבערן שטעטל, האָבן אַ סך ווייבער געוויינט, פּונקט ווי אסתר לאה אין ארץ־ישראל אונטערן אַפּעלסינען־בוים... און אין גיכן האָט דאָס פּראָסטע בריוול מיט די קאָטשערעס און לאַפּעטעס איבערשטיגן די שענסטע, אויס־געציקלטסטע בריוו, פול מיט „פּאָעזיע" וועגן תל־אביב מיטן ים, וועגן כותל מערבי מיט דער מוטער רחלס קבר אפילו — די אַלטיטשקע אלמנה האָט זיי אַלעמען געשטעלט אין שאָטן...

עפּעס האָבן די שטעטלשע ווייבער, אַליין נישט וויסנדיק פאַר וואָס, נישט געהאַט קיין גרויס גלויבן אין די שיינע, קלוגע בריוו, און דאָ האָבן זיי, ווי אין אַ כישוף־שפּיגעלע, געזען, ווי אסתר לאה שטייט איבער דער באַלייע, געזען אירע בלויע אָנגעדראָלענע אָדערן אויף די הענט און... איר מקנא געווען — וואָרעם, וואָס פאַרלאַנגט מען דען מער, ווי אויסוואַשן אַ געוועש? — האָבן יידענעס געפּינטלט פרום מיט די אויגן — פאַר־דינען אויף אַ שטיקל ברויט און קענען זיצן אין דער וואָרעם!..

יע, אין דער וואָרעם, ס'קען גאַנץ גרייליך זיין, אַז די ארץ־ישראל־דיקע זון, וואָס טריקנט אַזוי גיך די וועש, האָט עס אַזוי צעהיצט די פאַנ־טאַזיע פון די שטעטלשע ווייבער, ווייל גראָד איז אסתר לאהס בריוול אָנגעקומען שבת־צייט, ווען דאָס שטעטל איז געלעגן איינגעקלאַמערט אין פּראָסט און פאַרווייעט מיט שניי, ביז צו די ווייס־פאַרקאָוועטע שייבלעך, וועלכע האָבן נאָך נישט געפּרוווט היי־יאָר אָפּגיין פון פּראָסט. פאַר וואָס האָבן זיי נישט געפּרוווט אָפּגיין? ווייל מען הייצט שוואַך! ס'איז נישט די אַמאָליקע צייטן, ווען די אויוונס האָבן אַזש געטרעשטשעט און געפּלאַצט פון היץ. אַפילו אין בית־מדרש, דערציילט מען, איז שוין נישט איבעריק וואַרעם, אַז דאָס שטעטל איז אַזוי געדריקט, פאַראַרעמט...

האָבן זיך ווייבער געוואָרעמט מיט אסתר לאהס בריוול, נישט געוואָלט אים גאָר פון האַנט אַרויסלאָזן... נישט ווייניק ווייבער האָבן זיך אַפילו צעקריגט צוליב דעם. אַ מאַמע שיקט, למשל, אַריין אַ קינד צו אַ שכנה: „די מאַמע האָט געבעטן אסתר לאהס בריוו פון ארץ־ישראל!" ענטפערט די שכנה: „זאָג די מאַמען, אַז זי מעג אויסוואַרטן אַ ביסל, איך האָב מער

געוואַרט!" דעמאָלט קומט שוין צו לויפן די יידענע אַליין מיט געשרייען און געוואַלדן. אָבער צום סוף מאַכט מען שלום און מ'זעצט זיך צוזאַמען אונטערן אויוון לייענען דעם בריוו בקאָמפּאַניע.

אויפן גאַס ברענט דער פראָסט, און פאַר זייערע אויגן פלאַטערן און בלענדן שטיקלעך ווייס אויף דער זון, אין שטוב שוועבט, דאַכט זיך, אַ צאַרטער ריח פון אַפּעלסינען, די זעלבע אַפּעלסינען, וואָס מ'גיט אַ מאָל אַ ווייבל אין קימפּעט...

אָבער נישט בלויז די ווייבער! גאַנץ שטעטל איז געגאַנגען כאָדאָראָם פון אסתר לאהס בריוול, און אַז ס'איז אָנגעקומען אַפילו אַ לאַנגער לשון־קודשדיקער בריוו פון משה לייב דעם שניט־קרעמער, וועלכער איז אויך אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל צו קינדער און באַשריבן זיין באַזוך ביים כותל מערבי — איז ער אויך נישט געווען בכח אַרויסצושטויסן אסתר לאהס פראָסטן געשריפטס.

אָט אַ מזל פון אַ בריוול! ניאַכקע דעם פּאַכטערס, דער פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין שטעטל, האָט געהאַט בדעה אַפילו אָנצוהייבן מיט אים דעם היי־יאָריקן „קעמפּעין" פאַר „קרן־היסוד", עס הייסט, פאָרלייענען אים צוליב אַגיטאַציע אין אַלטן בית־מדרש. דאָס איז אָבער שווער געווען דורכצופירן, ווייל אסתר לאהס בריוול איז שוין געווען צו שטאַרק צעריבן און אין גאַנצן האָט ער אויסגעזען ווי אַ פאַרגעלט, אויסגעוויינט בלעטל פון אַן אַלטער, אַלטער תחינה...

פאַרשטיקטע טרערן

דער שטילער וואָרעמער שניי, וואָס שיט פּאַמעלעך, אָבער עקשנותדיק, וויל, דוכט זיך, פאַרוואַנדלען אַלעביימער אין וואַלד אין ווייסע, אין בער־יאָזעס, און די יונגיטשקע, ביי־געבאַקענע גוווערנאַנטקעס, וואָס שפּאַצירן דאָ אום מיט די גבירישע קינדער — אין שניי־מלכהס.

עס איז גאָרנישט קענטיק, אַז די דאָזיקע מיידלעך, די נישט לאַנג געענדיקטע גימנאַזיסטקעס, האָבן גאָר געחלומט וועגן אוניווערסיטעטן — וואַרשע, ווילנע, פּראָג — נאָר די צייט האָט זיי אַוועקגעהרגעט, געצוווּנגען צו ווערן באָנעס, כדי ארויסצוהעלפן די פאַראָרעמטע טאַטע־מאַמע אין נויט, אויסהאַלטן אפשר די גאַנצע שטוב. ניין, ס׳איז גאָרנישט קענטיק! אַ גרויסע, ווייסע, ווינטערדיקע פרייד שפּילט אין די צעגלאַנצטע אויגן זייערע, שפּאַרט פון אַלע אברים אַרויס, און זיי טאַנצן און שפּרינגען מיט די קינדער אין שניי, דרייען זיך, זינגענדיק, אין קאַראַהאָד, אַזש די אַלטע פאַרשנייטע ביימער דרייען זיך מיט...

איין ליזקע בלויז, דאָס שלאַנקע מיידל מיטן גרינעם בערעטל, דווקא די פריילעכסטע און שטיפערישסטע שטענדיק צווישן די גוווערנאַנטקעס, איז עפּעס היינט נישט מיט אַלעמען. איבערגעגעבן סאַלעטשקען, דאָס „שפּאַציר־קינד" אירע, אין די הענט פון טאַנצנדיקע חברטעס, — האָט זי זיך אַליין אויף אַ זייטיק באַנק געזעצט, דאָס בלאַס, קינדערש פּנימל אינעם גרויען אויסגעוואַקסענעם מאַנטל איינגענורעט, בלויז די אויגן זעען זיך אַרויס, די גרויסע, שיינע, ברוינע אויגן, און אַזוי אומעטיק און באַעוולהט זענען זיי איינגעגעסן אינעם לויכטנדיקן שטיקל שאָסיי אַנטקעגן, אַז עס דוכט זיך, אַז אָט־אָט פּלאַצן זיי אויס אין אַ ביטער געוויין.

דאָס נעכטיקע שליטלען זיך! ליזקע קען אַלץ נישט פאַרגעסן דאָס פאַרנאַכטיקע שליטלען זיך מיטן באַלעבאָס אירן, דעם גראָבן שיינפעלד, אויף דעם שאָסיי, ווי אַזוי ער האָט זי געהאַלטן אַרומגענומען מיט די קלעצלדיקע הענט ביי דער טאַליע און ביי יעדן בויג פון שליטן געוואָלט זי דווקא אַ קוש טאָן אין נאַקן; שווער און איבלדיק געאָטעמט איר אין פנים אַריין... טאָ וואָס זשע איז זי געפאָרן? זי האָט טאַקע נישט געוואָלט, זי האָט עס אָבער געמוזט טאָן צוליב סאַלעטשקען, מחמת דאָס גאַנצע שליטלען זיך האָט ער אַראַנזשירט כלומרשט פאַרן קינדס־וועגן, עס זאָל זיך דורכפאָרן אַ ביסל און שעפּן פרישע לופט. ווי זשע לאָזט עס אַ באָנע אַ קינד פאָרן אַליין?.. בפרט נאָך איצטער, אַז נאָך דעם האָט זי געדאַרפט עסן מיט סאַלעטשקען אָוונט־ברויט — כמעט דאָס איינציקע אָרט אין שטאָט, ווו מען גיט די בעסטע שכירות און נאָך אָן אָוונט־ברויט אַ צולייג!

יע, דאָס קען זי נישט לייקענען, די שטעלע איז אַ גוטע, די חברטעס זענען איר אַלע מקנא; אָבער די מאָראַלישע יסורים זענען שוין לעצטנס נישט איבערצוטראָגן. די שטוב — אַ מוראדיק פּראָסטע; אויפגעקומענע גבירים, די שיינפעלדס. און דער עיקר טאַקע — דער באַלעבאָס!.. מיט יעדן טאָג, אַלץ חוצפּהדיקער און צודרינגלעכער. מאָדנע, אַזעלכע געשיכטעס פלעגט זי טרעפן אַ מאָל אין דער ליטעראַטור, אין קינאָ, שטאַרק באַדויערן די „קרבנות פון דער גרויסער שטאָט", און איצטער שפּירט זי עס אויף דער אייגענער יונגער הויט! זי האָט זיך אַפילו נישט געשעמט פאַר אים, דערציילט איין מאָל דעם גאַנצן אמת, אַז זי האָט שוין אַ בחור, אַ סטודענט איז ער, און ער זיצט איצט אין תפיסה פאַרן אָנפירן מיטן גרויסן טעקסטיל־סטרייק. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט זיך בלויז פונאַנדערגעלאַכט, דער הער שיינפעלד...

ערגער פון אַלץ איז אָבער דאָס נעכטיקע שליטלען זיך! ערגער דערפאַר, ווייל צוליב דעם קינד האָט זי נישט געקענט פּראָטעסטירן אַפילו, זיך קעגנשטעלן; סאַלעטשקע איז איר די גאַנצע צייט אויף די קני געזעסן און זי האָט נישט געטאָרט די מינדסטע באַוועגונג מאַכן... האָט זי געהאַט אַ געפיל דעמאָלט, ווי די כאַמישע גבירישקייט, די אויפגעקומענע, האָט

זיך מיטן גאַנצן ברוטאַלן כוח אַראָפּגעלאָזן אויף איר, דער הילפלאָזער, פּאַראַרעמטער, דריקט און שטיקט און לאָזט נישט שרייען אפילו... פון איין זייט, די באַליבטע סאַלעטשקע אויף די קני, און, פון דער צווייטער זייט — דער טאַטע אירער... און פּלוצלונג האָט אַ וויסטע ריזיקע שטיק חושך אויפגעשטורעמט פאַר איר אויפן ווייסן פעלד — דער שליטל האָט זיך לעבן תפיסה, לעבן דער נייער תפיסה פאַרבייגעגליטשט, און אַ געדיכטער קנויל האָט איר אין האַלדז אַ שטיק געטאָן. „צוריק! צוריק!" — האָט זי נישט מיט איר קול אַ געשריי געטאָן. און שיינפעלד האָט זי פעסטער צוגעדריקט צו זיין פוטערנעם קראַגן...

ניין, מער קען זי שוין נישט... זי גייט אַוועק פון דער שטעלע און — אַ סוף! סוף־כל־סוף קען זי דאָך נישט זיך מקריב זיין אין גאַנצן פאַר דער שטוב... און אפשר וועט זי קריגן אין גיכן אַן אַנדער פּאָסטן? ס'איז טאַקע שווער ביי היינטיקע צייטן — צענדליקער מאַטוריסטקעס אויף איין קינד — זי האָט דאָך אָבער קיין אַנדער ברירה נישט... און „ער", אין תפיסה, וועט דאָך איר אַוודאי מוחל זיין פאַר די אָפּגעשטעלטע פּעקלעך, ווען ער וועט זיך דערוויסן די אמתע סיבה.

און נאָך היינט מוז עס געשען! אָט נעמט זי שוין סאַלעטשקען, און גלייך אין שטוב אַריין, מעלדן איר קאַטעגאָרישן באַשלוס.

— סאַלעטשקע, סאַלעטשקע! — טוט זי זיך אימפּעטיק אַ הייב פון אָרט, טרייסלט דעם שניי פון זיך. אָבער סאַלעטשקע איז נישטאָ. אויך די גאַנצע חברה איז נישטאָ. ווו זענען זיי ערגעץ אַהינגעקומען? אָט לויפן זיי אַלע דורכן געדיכטן שניי צום שאָסיי. עפּעס איז דאָרטן אַ פאַרלויפעניש. מסתמא אַ זאַך, וואָס איז כדאי צו זען.

און עס איז „כדאי צו זען" — פאַר ליזקען געוויס. די תפיסה־קאַרעטקע איז דורכגעפאָרן, און צווישן די סך הונגעריקע בליקן אין פאַרקראַטעוועטן פענצטערל האָט זי דערזען „זיינע" שוואַרצע, גליענדע אויגן, איין קוק געטאָן אויף איר — און שוין נישטאָ!

ליזקע דערפילט דעם נעכטיקן געדיכטן קנויל אין האַלדז. אָבער אין

דער רגע פֿאַלט איר דאָס קינד אין די הענט אַריין און בעט זי אָפּשיילן אַ באַנאַנע.

„מען לאָזט זיך נישט אויסווייגען אַפילו" — טראַכט ליזקע, שיילט די באַנאַנע און ווישט די טרערן.

פסח אין שטעטל — אַ מאָל און היינט

אַט אַזוי האָט דאָס שטעטל מיינס אויסגעזען אַ מאָל צו דער ערשטער סדר־נאַכט:

די ווייסע הייזלעך, אויסגעקאַלכטע פון אינעווייניק און פון אויסן, טוליען זיך איינעם שמעקעדיקן, יום־טובדיקן אָוונט־בלוי, וואַרטן, דוכט זיך, מיט שטילן ציטער אויף זייערע אויסגעצוואָגענע בעלי־בתים, וועלכע דאַרפן אַ ליאַדע רגע אָנקומען מיט די קינדער פון בית־מדרש. אַט ווינקט זי דאָרט, די אַלטע קלויז, אויפן שולהויף־בערגל מיט אירע צעפייערטע פענצטער און פאַרשפּרייט איבער גאַנץ שטעטל די ווייכע, פאַרבענקטע טענער פון יום־טובדיקן מעריב.

פון הינטער די הויכע בית־עולם ביימער שווימט אַרויס אַ פולע, קלאָרע, אויסגעכשרטע לבנה, גיסט אויף דעכער און פאַרקאַנעס איר פאַרחלומט, פסחדיק שיין, שווימט אַלץ העכער, און באַלד שיטן זיך פון בית־מדרש אַרויס די מתפללים. נייע געהאַקטע קאַפּאָטעס קנייטשן זיך מיט גערויש, שורשען איינע צו דער אַנדערער: „גוט יום־טוב!" „גוט יום־טוב!"...

ווו האָבן זיך עס יידן אויסגעלערנט אַזוי שיין און בנעימותדיק צו גיין? פונקט ווי איבער טעפּעכער, שפּרייזן זיי פּאַמעלעך איבער די פרישאויסגעטריקנטע געסלעך. ביי דער זייט — סטאַטעטשנע בחורימלעך אין קאַפּעליושן. דאָס זענען די בחורימלעך, וואָס זענען אַראָפּגעקומען אויף יום־טוב פון די גרויסע שטעט, פון לאָדזש, וואַרשע און ביאַליסטאָק, ווו זיי זענען אַ גאַנץ יאָר אויף שטעלעס און „ווערן לייט". טאַטעס שמועסן טאַקע מיט זיי איצט וועגן קאָמערציע, וועלט־זאַכן און קלייבן נחת.

אַ זיידענער ניסן־ווינטל גלעט צעשטראַלטע פּנימער, ברענגט אַ

פרישן ערד־ריח פון די צעאַקערטע פעלדער, פונעם גרויסן גלחישן גאָרטן, וואָס ציט זיך ווייט הינטערן קאַשטשאָל. אַ פּאָר פייגל — געקומענע אַקאָרשט פון די וואַרעמע לענדער — פּיקן, קלאַפּן עפּעס דאָרט צווישן דיביימער, ווי זיי וואָלטן שפּילן אין ניס...

די באַנייטע פון קאָפּ ביז די פיס משהלעך און שלמהלעך פּאַרלויפן דעם וועג מיט קלימפּערדיקע קעשענעס ניס, ווייזן זיך איינער דעם אַנדערן די מאַטראָסן־אַנצוגלעך, גיבן זיך איבער די בשורה, אַז מ׳איז הייַנטיקע נאַכט פּטור פון קריאת־שמע, און איילן זיך אַריינצופאַלן די ערשטע מיט זייער זשומענדיקן „גוט יום־טוב” אין דער העל־צעשמייכלטער שטוב.

עך, ווי גוט ס׳איז אין שטוב, ווי ליכטיק, ווי שיין! די מאַמע מיט די שוועסטערס האָבן טאַקע געהאָרעוועט, אָבער ס׳איז כדאי... איטלעכס שטיק מעבל איז פאַרפּוצט מיט ווייסן און די געמאַנגלטע פאַרהענגלעך אויף די פענצטער זענען פאַרשלייפט מיט בלויע סטענגעס; אַלץ איז שוין גרייט צום סדר. דער טיש שיינט מיט אַלט־פרענקישע גראַפינען, פאַר־ביקע כוסות, און אויבן אָן, דער בלויער כוס פון אליהו הנביא.

דורך די לאָדן־שפּאַרונעס קוקט אַריין די גוטע, פּסחדיקע לבנה, וויל אויך כאַפּן אַ וואָרט פון דער צעזונגענער הגדה... און מיטן ברייטן, באַ־זילבערטן טראַקט, וואָס ציט זיך פון דער גוברניע־שטאָט, קומט, דוכט זיך, אָן אליהו הנביא...

*

דאָס אַלץ איז אָבער אַ חלום פון אַ מאָל, און היינט — אַזאַ ראַליע, נישט פאַר קיין שום יידישן ישוב געדאַכט!

נישט אַנדערש, ווי גאָטס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דעם שטעטל, טענהן יידן. פּונקט ווי די פאַר־פּסחדיקע אייז־קריעס אויפן הילפּלאָזן, האַלב־חרובן מיל־בריק — אַזוי האָבן זיך די שטייער־מאַנערס אויף דעם שטעטל אַ לאָז געטאָן, צופּן אים און שטויסן פון אַלע זייטן און אָט פאַרטיליקן זיי אים אין גאַנצן...

נייַן, נישטאָ פון וואָס צו מאַכן פּסח, כאָטש טו זיך אַ מעשה אָן!.. פון אַ נייעם בגד איז דאָך אָפּגערעדט; רויש שוין מער נישט די נייע, געהאַקטע,

קאַרטענע קאַפּאָטעס; מורמלען שוין מער נישט איינע צו די אַנדערע: „גוט־יום־טוב!" „גוט יום־טוב!"...

מיט וואָס פאַר אַ צער קוקט עס איצט אַראָפּ די פּסחדיקע לבֿנה אויף די בעלי־בתּים, וועלכע שלעפּן זיך פון בית־מדרש פאַרמרה־שחורהטע, אין אָפּגעריבענע, צעטעפּעטע בגדים. אין די פריערדיקע יאָרן פלעגט נאָך אַמעריקע וואָס עס איז צושיקן, פלעגט מען זיך אַ ביסל „צוגלאַדזשען", מאַכן יום־טוב, אָבער איצט איז שוין אַ סוף פון דער וועלט.

און די קינדער זייערע? פאַר וואָס זעט מען עפּעס נישט די סטאַטעטשנע בחורימלעך, וועלכע קומען אַראָפּ תּמיד פון וואַרשע, לאָדזש און ביאַליסטאָק אויף יום־טוב, און טאַטעס רעדן מיט זיי, פון בית־מדרש גייענדיק, וועגן קאָמערציע, וועלט־זאַכן, וכדומה? הע, שלעכט מיט די דאָזיקע בחורימלעך! אַ קריזיס אין דער גאַנצער וועלט, זענען צעשוווּמען געוואָרן די שטעלעס, יונגוואַרג שטיקט זיך אין שטעטל, ווילן אַנטלויפן און קענען נישט, און אָט פּראַווען זיי גאָר איצט, אין דער ערשטער סדר־נאַכט, אַ חמצדיקע, טריפע סעודה ביי לוקאַשן אין שענק, צו להכעיס גאָט, טאַטע־מאַמע און דער רשעות־דיקער וועלט...

פילן די טאַטעס, פאַרבייגייענדיק דאָ, ווי זייערע הערצער ווערן פאַרגאָסן מיט בלוט אי פון צער, אי פון רחמנות... אין האַלדז ווערגט אַ טרער — ווייַ צו די אויגן, וואָס זעען אַלץ!..

אַ לייכטער פרילינג־ווינטל פליט פון גלחישן סאָד, וויל אָפּפרישן אַ ביסל די פאַרצאָגטע פּנימער און קען נישט. יאָ, אַלץ אין שטעטל האָט זיך איבער־געקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ, נאָר דער גלחישער סאָד איז געבליבן דער זעלבער, ווי געוועזן, אדרבה, זיך נאָך פאַרגרעסערט מיט אַ שטיק פון משה לייב דעם נגידס גאָרטן, וואָס די גלחים האָבן אָפּגעקויפט אויף דער ליציטאַציע. און עס דוכט זיך, אַז די זעלבע פייגל, וואָס אַ מאָל, קלאַפּן עס דאָרט אויך איצט אין די צווייגן, ווי זיי וואָלטן געשפּילט אין ניס...

בלויז די משהלעך און שלמהלעך שפּילן שוין מער נישט אין ניס. פּוסט זענען ביי זיי איצט די קעשענעס. נישט קיין טערקישע און נישט קיין וועלישע. שווייגנדיקע, מיט געזונקענע קעפּלעך, גייען נאָך אָט די „קליינע

יידעלעך״ זייערע טאַטעס און איילן זיך שוין נישט אַריינצופאַלן די ערשטע אין שטוב מיטן „גוט יום־טוב״.

ווייל עס איז אַזוי ווײסט אין שטוב און אומעטיק אָן דער ווייס־געבעטעטער סאָפקע, אָן דער שאַפע און אָן די ווינער־שטולן... אַלע מאָנטיק און דאָנער־שטיק כאַפּט ער זיך אַראָפּ, דער עקזעקוטאָר, פון דער גובערניע, און נעמט צו, וואָס עס מאַכט זיך. אַפילו די פסחדיקע כלים פון בוידעם.

אומזיסט קוקט אַריין דורך די לאָדן־שפּאַרונעס די גוטע, פסחדיקע לבנה, כדי צו כאַפּן אַ וואָרט פון דער צעזונגענער הגדה. נײַן, עס איז נישט דאָס!.. גיכער קלינגט עס גאָר ווי אַ פאַרצווייפלט, פאַרשטיקט געשריי.

דער שפּייזער

אויסערלעך איז ביי די ראָזענבוימס אַלץ ווי געווען, אַ האָר נישט קענ־טיק; די זעלבע גבירישע דירה פון פיר צימערן מיט אַ קיך, די זעלבע פּליושענע מאַסיווע ירושה־מעבל, די פיינע קונסט־בילדער אויף די ווענט, איינגעקויפט מיט דער ברייטער האַנט ביי די פאַרשידענע מאַלער, וואָס פלעגן אַראָפּקומען אין שטאָט; די קליאַמקעס גלאַנצן און די טירן זינגען נאָך אַלץ פון נגידישער רחבות, כאָטש עס איז שוין לאַנג פון דעם קיין זכר נישטאָ...

בלויז די שטילקייט, די געפּרעסטע דרך־ארצדיקע שטילקייט, וואָס האָט דאָ שטענדיק געשוועבט איבער די צימערן, ווערט שוין אָפט געשטערט דורך גראָבע, חוצפּהדיקע קולות, וועלכע ווערן אַלץ הפקרדיקער און פרעכער... דאָס קומט אַהער דער „דריילינג", דער קצב, דער בעקער און דער קרעמער כמעט טאָג־טעגלעך „שטורמען" די שטוב. קיין נייע סחורה גיבן זיי טאַקע פון האַנט נישט, אָבער עס קומט נאָך גענוג פון פריער, און דער בעל־הביתטע, מיטן שטעמפּל פון דורות־לאַנגער יידישער נגידות אויפן פּנים, געלינגט זיי קוים איינצונעמען.

זאָלן נאָר די פאַבריקן אַוועקגיין — מאַטערט זי זיך צו רעדן אָן ציטער אין קול — און מ'וועט אייך באַצאָלן ביז אַ גראָשן... מיין מאַן איז טאַקע צוגעפּאָרן קיין לאָדזש, אַ שמעק טאָן, וואָס מ'הערט... מען דאַרף נאָר האָבן אַ ביסעלע געדולד!..

אָט אַזוי נעמט זי זיי איין, די שטרענגע מאַנערס, אָבער פון דעסטוועגן איז געזינטער, אַז מען טרעפט זיך נישט מיט זיי אויג אויף אויג. אַנטלויפט זי דאָס רוב פון שטוב צו איר פילאַנטראָפּיש־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. פרוי ראָזענבוים איז אין שטאָט געווען אַ טעטיקע כלל־טוערין אויך אין די

גוטע צייטן, אָבער איצט, פילט זי, איז דאָס פאַר איר ממש אַ רעטונג. זי פאַרגעסט זיך אַ ביסל אין די צרות.

און קיין אַרבעט פעלט נישט, ברוך השם! דער קריזיס, וועלכער ווערט שאַרפער פון טאָג צו טאָג, דערלאַנגט אין שטאָט נויט און עלנט מיט דער פולער האַנט. זי איז פאָרזיצערין פון „פרויען שוץ־פאַראיין״, פון „מלביש ערומים״, און לעצטנס האָט מען זי צוגעצויגן צו אַ שפּאָגל נייער חברה, אויפצופּאַסן, אַז די יוגנט זאָל, צוליב דער שלעכטער צייט, נישט אַוועקגיין אויף קיין קרומע וועגן.

זייער אַ סימפּאַטישע געזעלשאַפט!.. אָבער ניין... אין אָט דער אָרגאַניזאַציע וועט זי נישט אַרבעטן, טאָר נישט אַרבעטן!.. זי זעט אַליין, ווי איר קינד, איר 16־יעריקער סאַשאַ, וועלכער איז באַזייטיקט געוואָרן פון גימנאַזיע צוליב שכר־לימוד, ווערט פאַרדאַרבענער פון טאָג צו טאָג, קייקלט זיך שנעל אין אַ טיפן אָפּגרונט — און זי טוט נישט דאָס מינדעסטע אים צו ראַטעווען. יעדן אָוונט ברענגט ער אין שטוב אַריין חברים, אויך אַזעלכע געשלאָגענע, ווי ער, און שפּילט מיט זיי אין קאָרטן, ביז שפּעט אין דער נאַכט. מען שפּילט אין געלט, מיטן אמתן ברען, און זי, די מאַמע, — זי וועט עס נישט איבערטראָגן — גיט נאָך דערצו איר שטילע הסכמה.

ווי איז דאָס אַזאַ זאַך מעגלעך? עס איז יאָ מעגלעך!..

סאַשאַן גייט גראָד אין קאָרטן, נישטאָ ממש אַן אָוונט, ער זאָל נישט געווינען אַ גילדן, אָדער צוויי, שלייכט זי זיך צו אין דער פרי, ווי אַ גנבטע, צו זיינע בגדים, נעמט ארויס אַ ביסל קליינגעלט און קויפט אַ פּאָר פונט ברויט, צוקער, גיט מיט די קינדער אין שול...

יאָ, אַזוי איז עס!.. דאָס האַרץ, דער מאַמעס האַרץ, בלוטיקט, זעענדיק ווי סאַשאַ פאַלט אַלץ מער אַריין; זי זעט ווי זיינע טיפע שוואַרצע אויגן צעפלאַקערן זיך אַלץ אָפטער מיט אַ מיאוסן ליידנשאַפטלעכן פייערל — און איר מויל קען גאָרנישט רעדן.

זי שלאָפט נישט קיין נעכט. — איך שעכט אַליין מיין אייגן קינד — טראַכט זי, באַנעצט די קישן מיט טרערן און באַשליסט יעדעס מאָל אַוועקצוגיין פון דער אָרגאַניזאַציע.

אַ נייע פּרנסה

אויב דער אַלטער שלמה גאָלד, איינער פון די שענסטע יידן אין שטאָט, האַלט זיך נאָך ווי עס איז אויף די פיס, נאָך דעם ווי דער שטייער האָט אים צעקוועטשט ווי אַ וואָרעם, האָט ער עס בלויז צו פאַרדאַנקען זיין ווייב, גיטל, וועלכע האָט אים איינגעאָרדנט אַ נייע פּרנסה.

און זי, די אשת־חיל, האָט עס ווידער צו פאַרדאַנקען די אויגן אירע אָדער, בעסער געזאָגט, די טרערן, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט נישט אויפֿגעהערט צו שנירלען אויף אירע באַקן, בייטאָג און ביינאַכט.

אַ יידענע... איבער וואָס צו וויינען האָט איר טאַקע נישט געפעלט! צו ערשט — די פאַרמאַכטע שניט־קראָם, וועלכע האָט זיי אַזוי פיל יאָרן געשפייזט בכבוד. נאָך דעם האָט זי באַוויינט יעדן שטיקל מעבל, וואָס די מאָנער האָבן פון שטוב אַרויסגעטראָגן, איבערלאָזנדיק בלויז די בעטן מיט דער אַלטער הרובער פּיאַנאָ, וועלכע טויג שוין סיי ווי צו גאָרנישט. שפּעטער האָט זי באַקלאָגט די קינדער, וועלכע האָבן געמוזט, סיי די בחורים, סיי די מיזינקע, עמיגרירן קיין אַרגענטינע, ווו עס איז זיי נישט ווי אַמבעסטן, און צו לעצט — וואָס אין שטוב פעלט אַ שטיקל ברויט, ממש אַ שטיקל ברויט, און קינדער טאָרן עס נאָך נישט וויסן...

האָט זי אַזוי לאַנג געוויינט, ביז שלמה האָט איין מאָל דערזען, אַז אירע אויגן זענען שוין מער קיין אויגן נישט, נאָר שטיקלעך געשוואָלענע בוריקעס, און ער האָט זי, מיט גוואַלד, אַוועקגעשלעפּט צו ראָסמאַנען, צום באַרימטן אויגן־דאָקטאָר, צו וועלכן מען פאָרט אַהער פון דער גאַנצער וועלט.

און דאָ, ביים דאָקטאָר, איז עס געקומען די הילף.

זיצנדיק אין וואַרט־צימער צווישן אָן אַ שיעור טראַכאָמעדיקע און

סתם קאַליע געוואָרענע אויגן פון פּראָווינציעלע יידן און יידענעס, האָט אין איר מוח אויפגעבליצט פּלוצעם אַ „געניאַלער" געדאַנק:

— אָט די אַלע פרעמדע מענטשן, וואָס וואַלגערן זיך דאָ אָפּ וואָכן און חדשים, דאַרפן דאָך האָבן ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן, אַ ביסל געקעכטס אויסצוזופּן, — טאָ פאַר וואָס זאָל זי זיי מיט דעם אַלעמען נישט באַזאָרגן?.. אַזוי פיל רחבותדיקע צימערן שטייען דאָך ליידיק — אַראָפּ מיט דער חרפּה!..

און זי האָט טאַקע אַזוי געטאָן.

איצט זענען די שכנים פון הויף איר מקנא; זיי באַדויערן, וואָס זיי איז דאָס נישט איינגעפאַלן — אַזאַ זיכערע פּרנסה!.. די „גבירישע" צימערן זענען דאָרט איצט פול מיט פאַרשידענע אורחים פון דאַזיקן מין און מיט אַ טוכלען ריח פון אָפּגעטראָגענע מלבושים און נישט־געוואַשענע לייבער... אָרעמע יידן, אַלץ פון טיף פּוילן ערגעץ!

ברענגען ברענגט זיי אַהער שלמה אַליין; אום האַלבע נאַכט שטייט ער אויף און גייט אויפן וואָקזאַל אָפּצוּוואַרטן די צוגן. ער דערקענט זיי שוין, די פּאַציענטן, לויט די פאַרבונדענע אויגן און אַנדערע סימנים. גייט ער צו שטיל־שעמעוודיק: „מסתמא צום אויגן־דאָקטאָר, האַ? אָט וועל איך אייך ווייזן אַ ביליקע אַכסניה!" און נעמט זיי שוין מיט זיך מיט.

דרייען זיך דאָ אַרום די אָרעמע יידן און יידענעס, בחורים און מיידלעך, מיט די טיכלעך אויף די אויגן, ווי זיי וואָלטן שפּילן אין „בלינדע באַבעס", זאָגן תהילים, זופּן די טעלערס קרופּניק, וואָס גיטל דערלאַנגט זיי, טאַפּן דרך־ארצדיק די אַלטע פּיאַנאָ, וועלכע שטייט אין אַ ווינקל פרעמד און שווייגנדיק.

אַ מאָל פאַלט איין עפּעס אַ מיידל און זי הייבט אָן מיט בלינדע פינגער רייסן פון דער פּיאַנאָ הייזעריקע טענער. צענעמט דאָס מאָדנע דער אַלטער גיטלען, זי דערמאָנט זיך אין די אַמאָליקע צייטן און זי וויינט צו ביסלעך, כאָטש דער דאָקטאָר האָט עס איר שטרענג פאַרווערט...

דער סטודענט

דאָס פּאַר מלחמהדיקע שטעטל האָט פאַרמאָגט צוויי ערטער צום באָדן זיך: אין „גאַי״ און ביים פּאָפּ אויף דער לאָנקע. ביים פּאָפּ איז דער אָרט געווען אַ בעסערער — אַ רחבותדיקע, סאַמעטענע לאָנקע, פאַרפלייצט מיט זון, אַ פלאַכער ברעג און דער וואַסער קלאָר, ווי אַ שפּיגעלע.

איז דאָ אָבער געווען אַן אַנדער חסרון: שווער געווען צוצוקומען צום דאָזיקן גן־עדן. אנדרעי, דעם פּאָפּס געשטופלטער „פּאַראָבעק״, אַ גוי אַ רשע, האָט תמיד געטשאַטעוועט ביים טויער, געשריען, אַז מען מאַכט אים אַ תל פון דעם גראָז, און אַז ער פלעגט כאַפּן עמעצן ביים טייך, פלעגט ער אַנרייצן די צוויי קודלאַטע הינט, יאָגן אין קאַרק.

האָבן מיר, אַ חברה בר־מצוה־בחורים, זיך געגנבעט איין מאָל צום פּאָפּס לאָנקע דורך הינטערוועגלעך, דורך קוסטעס און באַבלעטערטע קרויט־גערטנער, געווען שוין נאָענט צום ציל — און פּלוצעם, אַנדרעי מיט זיינע כלבים! די הינט רייסן פון אונדז שטיקער און אנדרעי „מאַמעט זיך״ אויף וואָס די וועלט שטייט. וואָס טוט מען? דורך וועלכן וועג אַנטלויפט מען?..

אָבער דאָ געשעט מיט אונדז אַ מאָדנער נס: פון אונטער אַ בוים ערגעץ וואַקסט פּלוצעם אויס וואָלאָדיאַ, דעם פּאָפּס עלטסטער זון, אַ סטודענט, מיט אַ ווייסער, צעפלאַטערטער רובאַשקע און מיט אַ ביכל אונטערן אָרעם, בייזערט זיך אויפן פּאַראָבעק, הלמאי ער טשעפּעט „פרידלעכע מענטשן״, און צו אונדז מאַכט ער מיט אַ שמייכל:

— הערט אים, חברה, ווי דעם קאָטער, און פּליושקעט זיך אין טייך, וויפל איר ווילט נאָר אַליין. גאָטס וועלט איז פריי און אָפן פאַר אַלעמען און קיינער קען אייך קיין דעה נישט זאָגן!..

פון גרויס שמחה האָבן מיר אַזש פאַרלאָרן דעם לשון... ווען מיר וואָלטן זיך נישט געשעמט, וואָלטן מיר אים צעקושט, דעם הויכן סטודענט, וועלכער קומט אַהער זומער פון פעטערבורג אויף „קאַניקולעס" און נעמט זיך אָן פאַר ידישע קינדער... און נישט נאָר דאָס! ער ווערט באַלד מיט אונדז אַ גוטער ברודער, שמועסט ווי מיט גרויסע, הייסט אונדז זיך לערנען, זיך גרייטן צו גימנאַזיע.

— איר דאַרפט אַ סך לערנען, — זאָגט ער צו אונדז צום סוף מיט אַ פאַרסודעטן קול — כדי איר זאָלט קענען גוט קעמפן קעגן צאַריזם, קעגן זיינע טשינאָווניקעס... איר ווייסט דאָך מסתמא, אז סטודענטן און יידן קעמפן צוזאַמען, האַנט־אין־האַנט, פאַר אַ שענערער, בעסערער צוקונפט!..

אַט אַזוי האָט ער גערעדט, וואָלאָדיאַ, מיט זיין ווייכן, סאַמעטענעם קול, און — אַ מאָדנע זאַך! יעדעס מאָל, ווען די בלעטער ברענגען ידיעות, אַז סטודענטן שלאָגן יידן אין ווילנע, וואַרשע און אַנדערע שטעט — קלינגט עס מיר אין די אויערן, און דער זכרון מיינער כאַפּט זיך אָן, ווי אין אַ רעטונג־גאַרטל, אין וואָלאָדיאַס ווייסער, צעפלאַטערטער, רוסישער רובאַש־קע...

דער גביר מיט די בלעטער

אַ סך יידן אין אונדזער שטעטל האָבן פאַר דער מלחמה אויסגעשריבן צייטונגען, אָבער קיינער האָט זיך נישט געקענט גלייכן צו לוי עפּשטיין, דער רייכסטער שניט־קרעמער אין שטעטל, וועלכער פלעגט אַבאָנירן עטלעכע צייטונגען פאַר אַ מאָל: דעם „פריינד", די „הצפירה" און די „ריעטש" פון סאַמע פּעטערבורג. חוץ דעם נאָך פאַרשידענע זשורנאַלן, יידישע, העבּ־רעישע און רוסישע.

דער ייד איז ביז משוגעת פאַרליבט געווען אין געדרוקטן וואָרט, פלעגט זיך אַזש נישט קענען דערוואַרטן אין דער פרי אויף יאַנעק דעם בריוו־טרעגער, נאָר אַליין לויפן גלייך פון בית־מדרש אויף פּאָסט אָפּנעמען די בלעטער.

און גייענדיק פון פּאָסט, פלעגט ער זיך ווידער נישט קענען דערוואַרטן צו ברענגען זיי אין שטוב, אָדער לכל הפחות צום הויכן, רויט־געפאַרבטן גאַנעק, נאָר אויפוויקלען זיי שוין באַצייטנס מיט ציטערדיקע אומגעדולדיקע פינגער און דעם גאַנצן וועג גיין און לייענען, נישט זעענדיק די וועלט אַרום זיך, נישט ענטפערנדיק אַפילו אַן אַנדערש מאָל אויף אַ דרך־ארצדיקן „גוט מאָרגן"...

אָבער דער אמתער געשמאַקער לייענען האָט זיך ערשט אָנגעהויבן שפּעטער אויפן גבירישן גאַנעק און זיך געצויגן, דוכט זיך, דעם גאַנצן ליכטיקן, זומערדיקן טאָג... די אויגן האָבן בעת־מעשה געשיינט ביי אים פון אונטער די גאָלדענעברילן און די שוואַרצע הדרתדיקע באָרד האָט געציטערט פון הרחבה.

— ששאַ! — פלעגן יידן קרעמערס זיך איבערשמייכלען איינער מיט דעם אַנדערן — דער גביר לייענט די בלעטער!..

אָט דער דאָזיקער לוי עפּשטיין איז אונדזער שכן געווען אין שטעטל, און די טעג האָב איך פון אים דערהאַלטן אַ בריוועלע מיט אַ האַרצרייסנ־דיקער בקשה, איך זאָל אים צושיקן אַלטע, אויסגעניצטע צייטונגען צום לייענען, ווייל ער האָט נישט די פּאָר גראָשן, צו קויפן נייע; אָן ברויט, שרייבט ער, קען ער זיך באַגיין, אָבער אָן בלעטער נישט!..

און איך האָב זיך דערמאָנט אָן „גביר מיט די בלעטער"...

„אַ צימער פֿאַרדינגט זיך"

די ווייסע, פֿיין־געשריבענע צעטעלעך „אַ צימער פֿאַרדינגט זיך", וועלכע „באַצירן" לעצטנס אויף שריט און טריט די גרויסע פֿענצטער פֿון די שטאָטישע הויפּטגאַסן, זענען, מיט דעם אָנקומען פֿונעם האַרבסט, ווייניקער געוואָרן. פֿון די אַרומיקע קליינע שטעטלעך זענען זיך צונויפֿגעפֿאָרן אַ ביסל קינדער לערנען אין די היגע שולן. זענען זיי, לויט די דאָזיקע צעטלען, געגאַנגען כאָפּטעסווייז דינגען אַ צימער; זיך לאַנג געדונגען, געקרעכצט, אַז די טאַטעס זענען אין די שטעטלעך שטאַרק פֿאַראָרעמט געוואָרן, ביז מען איז, סוף־כל־סוף, דורכגעקומען און געבראַכט צו טראָגן אַהער צו די פּעקלעך בעטגעוואַנט מיטן יונגן טומל.

נעמט דעמאָלט אַראָפּ די באַלעבאָסטע מיט אַ פֿריילעך געמיט דעם צעטל פֿון פֿענצטער. יע, אַזוי איז עס!.. אַ מאָל איז די דירה פֿון די פֿינף־זעקס צימערן געווען נאָך, דאַכט זיך, פֿאַר זיך אַליין ווייניק — און היינט איז אַ גליק, אַז עס מאַכט זיך אַ בעלן אויף אַ צימער מיט קאָכן אַ צולייג... פּופֿצן־צוואַנציק גילדן אַ חודש גייט נישט צו פּוס ביי היינטיקע צייטן, וועט כאָטש זיין צו שטייער אויף האָלץ, אויף קוילן און מ׳וועט נישט דאַרפֿן אַזוי פֿרירן אין די גרויסע „גבירישע" חדרים!..

וואָס וועט אָבער זיין מיט די צעטעלעך, וואָס זענען נאָך געבליבן צו־געקלעפּט צו די שויבן, זיך נישט גערירט פֿון אָרט?.. זיי זענען נאָך דאָ אין שטאָט אַזוי פֿיל, און די האַרבסטיקע זון באַשיינט זיי מיט אַ רויט־דראָענדיקן גלאַנץ, אָדער דער רעגן פּאַטשט איבער זיי מיט גוואַלדיקער רוגזה, אָנזאָגנ־דיק, אַז עס גייט אַ שווערער, ביטערער ווינטער.

דורכגייענדיק די גאַס, ציט עס מיך יעדעס מאָל א קוק צו טאָן אין

די דאָזיקע מיט צעטעלעך באַקלעפּטע פענצטער, באַהאָנגענע ס׳רוב מיט פּיינע, זעלטענע גאַרדינען. אַ מאָל קוקט אַרויס פון דאָרטן אַ שיין־געשניצטער פּרויען־קאָפּ מיט זילבערנע האָר, אַ מיידל מיט גרויסע אומעטיקע אויגן. גאַנץ אָפט דערטראָגט זיך אַפילו פון די ווייטערע צימערן אַ פּיאַנאָ־אַקאָרד, וועל־כער קלאָגט, דוכט זיך, אויפן גורל פון די „געוועזענע“, פון די געפאַלענע...

אַ באַגעגעניש

אַ מאָדנע סצענע איז עס געווען:

צווישן אַ געזעמל מענטשן אויפן ברוק איז געשטאַנען אַ דראָזשקע. לעבן דער דראָזשקע — צוויי פרויען אין די מיטעלע יאָרן. איינע, אָנגעטאָן עלעגאַנט, גרויסשטאָטיש און די צווייטע — איינגעוויקלט אין אַ פאַטשיילע און מיט אַ פאַרמעלטן פאַרטעך. ביידע האָבן זיי געוויינט, זיך געקושט און געוויינט.

ביי דער זייט איז געשטאַנען אַ קאָשיק מיט געבעקס, וואָס האָט מסתמא געהערט צו דעם ווייבל מיטן פאַרמעלטן פאַרטעך.

איינער פון געזעמל, עפּעס אַ יונגער־מאַן אין אַן אויסגעוואַקסענעם רעקל, האָט מיר אינפאָרמירט וואָס דאָ איז:

— „איר זעט אָט די בייגל־פאַרקויפערין?" — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף דעם פאַרמעלטן ווייבל — „נישט לאַנג איז זי נאָך געווען אַ גבירישע באַלעבאָסטע, נאָר דער קריזיס האָט זי, נעבעך, אַוועקגעהרגעט. זענדיק, אַז ס'איז אַ מיאוסע מעשה, אין שטוב פעלט שוין אַ שטיקל ברויט — האָט זי באַשלאָסן: די חרפּה אָן אַ זייט! און איז אַרויס אין גאַס מיט אַ קוישל געבעקס. די אויסגעפּוצטע מאַדאַם, ווידער, איז אירע אַ רייכע שוועסטער פון לאָדזש און זי קומט דאָס איצט צו איר צו גאַסט. אַז די שוועסטער איז פאַראָרעמט געוואָרן האָט זי געוווסט, זי האָט אָבער קיין אַנונג נישט געהאַט, אַז עס האַלט שוין אַזוי ווייט... און אָט, פאָרנדיק פון באַן, האָט זי זי גראָד אָנגעטראָפן מיטן קויש געבעקס אין האַנט".

אָט אַזעלכע זאַכן געשעען היינט אויף דער וועלט! — האָט דער יונגער־מאַן „פילאָסאָפיש" פאַרענדיקט. און די צוויי שוועסטער זענען נאָך אַלץ געשטאַנען אַרומגענומען און געוויינט: די ווייבער אַרום האָבן מיטגעוויינט.

מנשה דעם שוסטערס הייך־מאַטעריאַל

ווי נאָר עס טוט אַ סמאַליע דאָס ערשטע פּרעסטל און מנשה דער שוסטער הייבט אָן באַהייצן זיין בוידעם־שטיבל, אַזוי פּאַרציט זיך דאָ אויפן שטילן, זייטיקן הויפל, וועלכער איז באַוווינט מיט גבירישע אָפּגעפּינטע יידן, אַ געדיכטער שוואַרצער רויך־וואָלקן, און אַ מאָדנער שווערער, איבל־דיקער ריח הייבט אָן זעצן אין די נאָזלעכער.

— אַהאַ, מנשה לאָזט שוין אויף אונדז זיינע שטיקנדיקע גאַזן! — דערהערן זיך די ערשטע חכמהלעך.

— זעט נאָר, זעט נאָר, ווי אַ שוסטער־יונג פּאַרפּאַסקודזשעט עס די לופט פון אַ גאַנצן הויף!..

— געוואַלד, וואָס שוויגט מען? מירן דאָך, שונא ישראל, פּאַרסמט ווערן!

אָט אַזוי גוואַלדעווען מאַנסבילישע באַסאָווע קולות, מישן זיך אויס מיט קוויטשיקע שטימעלעך פון מיידלעך און ווייבלעך, וועלכע האָבן נאָך צו מנשהן אַ באַזונדערע טענה, נאָר זיי שעמען זיך עס אָפּן אַרויסצוזאָגן. דאָס זענען די סאַזשע־פּליטערלעך, וועלכע פּליען אַרום אויפן הויף אַ גאַנצן טאָג, ווי שוואַרצע שנייעלעך, און מאַכן אַ תל פון די פּאַרפּודערטע פּנימער, פּירען איבער מיט איין מאָל אַזוי פיל פּראַצע און זיצעניש ביים שפּיגל...

דער קבצניש־פּאַרדראָטעוועטער געדוך הערט זיי אָבער אָלעמען ווי דעם קאָטער, הערט נישט אויף צו שפּייען מיט פּאַרזשאַווערטע, גיהנומדיקע רויכן, וואָס שטאַמען פון אַלטע כאַדאַקעס, פון צעדרייטע, אַראָפּגעפּאַלענע אָפּצאַסן און אָפּגעטראָגענע זוילן. קיין אַנדער הייך־מאַטעריאַל קען זיך, אַפּנים, מנשה נישט פּאַרגינען אין די היינטיקע שווערע צייטן.

דער יוסטער, באַלעבאַטישער הייפל טייטשט עס אָבער אויס אַנדערש. מען איז אים חושד, מנשהן, אַז דאָס טוט ער נישט מחמת אָרעמקייט, נאָר אויף צו להכעיס די שכנים. און ווען ער וואָלט אַפילו געהאַט אַ פולע שטאָל מיט האָלץ, וואָלט ער אַלץ, זאָגן זיי, געהייצט מיט זיינע כאַדאַקעס.

און זיי ברענגען אַ ראיה פון פאַר עטלעכע יאָרן צוריק. ער איז דעמאָלט אַ לאַנגע צייט געלעגן קראַנק אין יידישן שפּיטאָל (ער קרענקט אָפט צו, מנשה, שפּייט מיט בלוט!), האָבן די שכנים נישט געקענט צוזען דעם צער פון דער צעפּרוירענער שוסטערקע מיט די קינדער, און געקויפט פאַר זיי אַ פורל האָלץ. אָבער ווי נאָר מנשה האָט זיך אויסגעשריבן פון שפּיטאָל און געקומען אַהיים, אַזוי האָט ער די ערשטע זאַך גענומען שליידערן מיט רציחה די געשענקטע סאָסנאָווע העלצלעך אויפן הויף אַרויס, ברומענדיק דורך פאַר־שטשעמעטע ציין:

— מוחל אייערע מתנות! ווערגט זיך מיט די האָלץ אין איינעם!..

און ער האָט ווידער אָנגעהויבן ברענען זיינע אַלטע כאַדאַקעס און שוך־אינגעווייד.

— אַ שוסטער! — צאַפּלען זיך יידן, פאַרהוסטנדיק זיך פון רויך. — ער איז אַ צולהכעיסניק, און וויי־טער גאָרנישט.

— אָבער ווו נעמט ער עס אַזוי פיל אַלטע שוכוואַרג? — וווּנדערן זיך אַנדערע — ער האָט דאָך קיין אַרבעט נישט, דוכט זיך; ער שטייט דאָך אָפּ גאַנצע טעג ביים פענצטער, שטייט ער דאָך אָפּ!..

אַרבעט איז טאַקע ביי מנשהן לעצטנס זייער שטומפּיק. חוץ דעם קען ער גאָר נישט אַרבעטן אויך, צוליב זיין צעשפּילטער קראַנקהייט, וואָס לאָזט אים נישט אָפּ אויף אַ רגע. דריקט ער כסדר זיין צעפּלעקטן, ווילד־פאַר־וואַקסענעם פּנים צו דעם פאַררויכערטן שייבל און שמייכלט אַראָפּ מיט גאַל צו די פּראָטעסטירנדיקע יידן און יידענעס אויפן הויף, וואָס עס צערייצט נאָך מער די צעהיצטע געמיטער.

זיי האָבן שוין נישט לאַנג באַשלאָסן אַפילו, די שכנים, צו פועלן ביים באַלעבאָס, ער זאָל אים געבן עקסמיסיע, דעם שוסטער, אַרויסוואַרפן אויף דריי שפּענדלעך — און אַ סוף! מנשהס גליק איז בלויז, וואָס דער רויך

ווערט שוין מיט יעדן טאָג אַלץ שוואַכער און שוואַכער. דער ברענ־מאַטעריאַל אין די שוסטערישע אַרסענאַלן גייט שוין, ווייזט אויס, צו ענדע... אַפילו מנשהס צעפּלעטשטן חוזק־פּנים זעט מען שוין מער נישט אין פענצטער — די קליינינקע שייבעלעך זענען אין גאַנצן פאַרצויגן מיט ווייסן פראָסט.

עס ווילט זיך נישט אויפשטיין

עס איז זיי ביידן שווער אויפצושטיין אינעם קאַלטן, ווינטערדיקן באַגינען — אי מישקען, דעם זיבן־יאָריקן יאַטל, וועלכער דאַרף אַוועקגיין אין גימנאַזיע, אי דעם אַלטיטשקען זיידן שמואל דוד, וועלכער דאַרף אים צופירן אַהין.

מישקען רייסט אויף די מאַמע פון שלאָף. און שמואל דודן? אים, חלילה, וועקט נישט די שנור, און בכלל זאָגט אים קיין מאָל קיינער קיין וואָרט נישט, ער זאָל דעם ייִנגל אין גימנאַזיע אַוועקפירן. נאָר וואָס דען? ער האָט זיך אַליין גענומען די דאָזיקע מלאכה. ער וויל דערמיט איינשפּאָרן אַן אַרבעט דער שנור זיינער, געפינען, ווי זאָגט מען עס, לייטזעליקייט אין אירע אויגן, זי זאָל נישט ארומגיין אויף אים אַזאַ אָנגעבלאָזענע, מיט אַזאַ זויער מינעלע.

וואָס גייט זי עפּעס אַרום אַזאַ אָנגעבלאָזענע אויף אים, מיט אַזאַ זויער מינעלע? דאָס קען זי זיך אַלץ נישט שענקען, די שנור, וואָס נאָך דער שוויגערס טויט האָט מען אים, דעם אַלטן, „באַזעצט“, ווי זי זאָגט, דווקא ביי איר און נישט ביי עמעצן פון די איבעריקע זין און טעכטער, בפרט נאָך, אַז זי איז לעצטנס געבליבן אָן אַ דינסט אויך — די היינטיקע געשעפטן דערלויבן מער נישט צו האַלטן קיין דינסט — און זי דאַרף אַליין באַאַרבעטן די גאַנצע שטוב.

אָט אַזוי הערט ער אַ סך מאָל, שמואל דוד, דורכן ווענטל, ליגנדיק ביינאַכט אויפן געלעגער, ווי זי קלאָגט זיך פאַר יוספן, דעם זון זיינעם, און עס פאַרקווועטשט אים אַזש דאָס אַלטע האַרץ, ביז טרערן. אויפן רעיון קומט ביי אים בעת מעשה, ווי ביי אַלע זקנים: „אל תשליכנו, גאָטעניו!“... און ער טראַכט אויס פאַרשידענע זאַכן, מיט וואָס צו זיין ווי עס איז גינציק אין

שטוב, זוכט ער אויס פון אונטער דער ערד כלערליי אַרבעטן, כדי צו פאַר־בעסערן ביי דער שנור זיין שלעכטע מערכה.

און איינע פון זיינע הויפּט־מלאכות איז לעצטנס — אַוועקפירן מישקען, דעם אייניקל זיינעם, דעם ציטערדיקן בן־יחידל, אין שול אַריין. אַ מאָל איז אָט די פליכט געלעגן אויף דער גרויסער, צעוואַקסענער, דאָרפישער שיקסע, און נאָכן אָפּזאָגן זי האָט זיך שמואל דוד אָנגעכאַפּט דערין מיטביידע הענט, ווי ער וואָלט שוין לאַנג געוואַרט אויף דער דאָזיקער געלעגנהייט, פּטור צו ווערן פון זיין „קאָנקורענטקע“, כדי איבערצונעמען איר מיסיע און ווייזן, אַז ער טויג נאָך אויך צו עפּעס...

איין חסרון נאָר, וואָס מען דאַרף צו דעם אַזוי פּרי אויפשטיין! זומער וואָלט עס אים נישט געאַרט, אָבער ווינטער, בעת דער פראָסט קנאַקט, איז דאָס נישט אַזאַ געשמאַקער מאכל. און גראָד האָט ער די לעצטע פּאָר יאָר, זינט ער איז ביי די קינדער, זיך איינגעוווינט צו שלאָפן לענגער אַ ביסל. ערשטנס, איז נישטאָ נאָך וואָס זיך צו איילן — דאָס שניט־קרעמל, וואָס ער האָט קנאַפּע פופציק יאָר געפירט אונטערן ראַט־הויז, איז שוין לאַנג ליק־ווידירט — און, צווייטנס, איז ער שוין טאַקע קיין יינגעלע נישט. די ביינער ברעכן און ציען, נישט אויף קאַטאָוועס, און עס ווילט זיך גאָרנישט אַרויס־קריכן פון אונטער דער פּערענע.

איצט אָבער איז קיין תירוץ נישט! זיך אונטערגענומען, ברודערל, טאָרסטו אויף קיין מינוט נישט פאַרשפּעטיקן, פּונקט ווי אַ זעלנער אין קאַזאַרמע! די שנור וועקט אים טאַקע נישט, דורך דעם וועגטל הערט ער אָבער, ווי זי רייסט מישקען פון שלאָף מיט אַן אומנאַטירלעך געהעכערטן קול און פאַרשטייט, אַז דאָס וועקט זי אומדירעקט אויך אים...

טוט ער זיך אַ ריס פון געלעגער, צעקרעכצט זיך צוזאַמען מיטן מאַט־ראַצל און הייבט אָן ציען אויף זיך מיט ציטערנדיקע הענט די בגדים ביים קאַרגן ליכט פון ווינטערדיקן באַגינען. אָפט מאָל הערט ער ווי מישקע הייבט אָן מאַכן אויפן געלעגער זיינע פוילע שטיק, וויל נאָך אונטערליגן אַ ביסל, באשר דער ייִדע, זאָגט ער, איז נאָך אויך נישט אויפגעשטאַנען!.. דעמאָלט

קלאַפּט ער אָן, דער אַלטער, אין ווענטל: ניין, ניין, מישקע, איך טו זיך אָן!.. שוין צייט פאַר אונדז צו גיין אין שול!..

און מאָדנע: נישט געקוקט, וואָס ער איילט זיך אַזוי ביים אָנטאָן, קומט אַרויס צום סוף, אַז ווען מישקע איז, אַן אָפּגעגעסענער, שוין אין גאַנצן אויס־געריכט אין וועג אַריין, האָט ער, דער זיידע, נאָך נישט באַוויזן אַפילו דאָס רוב אַ גלאָז טיי אויסצוטרינקען. ער לאָזט אָבער אויף זיך בשום אופן נישט וואַרטן, טוט אַ כאַפּ דעם אייניקלס ביכער און מען לויפט צוזאַמען אין שול אַריין.

עס רעדט זיך אַזוי „מען לויפט״! מישקע, אַ געזונטער יונגאַטש מיט אַ פּאָר פּולע, רויטע באַקן, פליט טאַקע ווי אַ ווינט. דער זיידע אָבער בלייבט הינטערשטעליק שוין באַלד פון די ערשטע טריט און קען דעם אָטעם נישט כאַפּן. אַ געבויגענער, אַ גרוי־בערדלדיקער, פּלאָנטערט ער זיך צווישן מאַמעס מיט קינדער, צווישן דאָרפישע שיקסעס־אונטערפּירערקעס און ציטערט רק, ער זאָל נישט פאַרלירן דעם יינגל פון אויג.

אָבער דערפאַר דער גאַנג צוריק — אַ ווונדערלעכע הנאה האָט דעמאָלט שמואל דוד! די רויטלעכע אויגן צעהייטערט און אויף די שפּיצן פון די צעקנייטשטע בעקלעך שפּילט די זעלבסטצופרידנקייט פון אַ מענטשן, וואָס האָט אָקאָרשט אויפגעטאָן זייער אַ וויכטיקע זאַך. מיט אַ מילדער האַנט־באַוועגונג ווישט ער אָפּ פון דער גרויער, פיר־קאַנטיקער באָרד די טרערן, וואָס האָבן זיך דאָ אָנגעקליבן פונעם פראָסט, פונעם פריערדיקן האַסטיקן געלויף און מיט זיכערע, געלאַסענע טריטעלעך שפּאַנט ער צו דער הייסער גלאָז קאַווע אין שטוב, צו דער כשר־פּאַרדינטער בולקע...

דאָס נייע חסידישע שטיבל

שווער זיך פאַרצושטעלן, וואָס עס וואָלט געווען, ווען אויפן גרויסן בלאָטיקן, צעכראַשטשעטן הויף פעלט דאָס אַלטע הילצערנע הייזל מיט די שוואַרצע אויסגעקרומטע ווענט, אָדער ווען דאָס הייזל איז גערעאָטן, חלילה, אין די איבעריקע טויזנטער הייזער און הייזלעך אין שטאָט, וועלכע קוקן אַזוי אומהיימלעך, קאַלט אויפן פרעמד געקומענעם מיטן אָרעמען טלומיקל אין האַנט? ווו וואָלטן זיך דעמאָלט צוגעטוליעט די יידישע שרייבער, וואָס קומען אַראָפּ אַהער צו פון צייט צו צייט, אין דער פאַרשמאַיעטער שטאָט אַריין, פאַרלייענען פאַרן עולם זייערע מעשות פון צעוויטיקטן יידישן לעבן? ווו וואָלטן זיי, נאָך אַן אָפּט „דורכגעפאַלענעם אָוונט" (נישט מאָראַליש, חלילה!..) אויסגעליען געלט אַהיים צו פאָרן? ווער וואָלט זיי שוועסטעריש געמוטיקט און געטרייסט?

איז אָבער, ווי אַ נס, אַראָפּגעפאַלן אויפן אָרעמען הויף אָט דאָס קליינע הילצערנע שטיבל, געבויט מסתמא דורך אַלטע יידישע גאָטספאָרכטיקע בעלי־מלאכות, וועלכע פלעגן צווישן מנחה און מעריב צוהערן זיך מיט צעפלאַמטע אויגן צו די ווונדערלעכע מעשות פון „עין יעקב" אין סטאָ־לערשן, האַלב־טונקעלן בית־המדרשל; האָבן זיי די דאָזיקע געשיכטעס גאַנצע טעג ביי דער ארבעט אין דמיון געצויגן, פאַרבויט צווישן די שווערע בער־ווענעס, און אַזוי איז דאָס הייזל באַשערט געווען צו ווערן אַ מקום מקלט פאַר פאַרוואָגלטע יידישע שרייבער — בעלי־חלומות...

אַן אָפּגעלאָזענע, מיט אַ גרין־צעפוילטן שינדל־דאַך, שטייט עס, דאָס שטיבל, טיף פאַררוקט אין הויף, אַזש לעבן די האַלץ־שטעלעכלעך, פונקט

ווי עס זייטיקט זיך פון מענטשן און עס קליידט זיך אין טראַנטעס אַ הייליקער למד־וואָווניק...

די באַווינער אירע זענען סך־הכל צוויי עלנטע אָרעמע מיידלעך: לערערקעס פון ווייטע שטעטלעך ערגעץ ווו. עס ברענט אָבער העל ביי יידישע בחורים און מיידלעך די ליבשאַפט צו דער יידישער ליטעראַטור און יעדער שרייבער איז ביי זיי איינגעבאַקן אין האַרצן, ווי אַ גאָט... איינע איז אַ יידישע לערערקע און די אַנדערע אַ העברעישע, געפינען שוין שוץ ביי זיי סיי די יידישע ליטעראַטור סיי די העברעישע...

ווו דערוויסן זיי זיך אַזוי גיך, די מיידלעך, אַז אַ שרייבער איז דאָ אין שטאָט און ער זיצט אַ פאַרגעסענער ערגעץ אין אַ ביליק „נומערל", אָדער אויף אַ באַנק אין שטאָט־גאָרטן? באַלד וואַקסן זיי אויס לעבן אים, ווי רחמנות־שוועסטער, מיט די ימען גוטסקייט אויף די פּנימער און פאַר־בעטן אים נישט־דרייסט אין שטוב אַריין „אין נאָמען פון אַ גרופּע פאַר־ערערס".

הייסט עס, אַז די יידישע ליטעראַטור איז נאָך נישט אַזוי עלנט, ווי מען מיינט — גיט ער זיך איבער מיט אַ שמייכל אין זייערע הענט. בפרט, אַז די פאָר פאַרערערינס זענען נאָך דערצו שיינע מיידלעך אויך... איינע, די יידיש לערערקע, איז אַ רויט־באַקיקע, געזונטע מויד מיט פינקלענדיקע אויגן און די צווייטע אַ בלאַסלעכע דווקא, מיט פאַרחלומטע בליקן אונטער שוואַרצע אַראָפּגעלאָזענע וויעס — אַן אמתע בת־ציון...

און די „גרופּע פאַרערערס", וואָס זינגט אים אויף אין שטיבל „לאָמיר אַלע אין איינעם, אין איינעם אַ יידישן שרייבער מקבל פּנים זיין!" — געפעלט אים אויך; דאָס זענען אַלץ איינגייער דאָ, אַן אָריגינעלע, פיל־פאַרביקע חברה. אַ געוועזענער תלמיד, ישיבה־בחור פון נאָוואַרעדאָק, אַ קרינקער גאַרבער־אַרבעטער, וואָס קען אַלע פּאָעטן אויף אויסווייניק; אַ חלוץ אין אַן אויסגעבייט רוסיש העמדל; יונגינקע מיידלעך, נייטאָרקעס, אַבסאָלווענטקעס פון יידישע פאָלקסשולן, און נאָך און נאָך...

מיט וואָס פאַר א טיפער צערטלעכקייט רינגלען זיי עס אים אַלע אַרום! ווי אַ פרינץ פון ערגעץ אַ ווונדערלאַנד פאַרקוקט מען אים אין די אויגן:

אפשר דאָס ?.. אַך, ליבהאַרציקע יידישע יוגנט, איז געררירט דער שרייבער — קינדער פון פאָלק !..

און אין אָוונט שפּאַרט דאָ דערהויבענע פרייד פון יעדער ווינקל און שפּאַרונע. אַן אָרעמער מאַכל שטייט אויפן טיש — קאַרטאָפל מיט שאָלעכץ, אָבער די גרויסע פּאַרע, וואָס זעצט פון די שיסלען, הילט איין און דעקט אויף אַלע ווילע צעיום־טובטע פּנימער, צעבלישטשעטע אויגן. און אַלע ווילע — אַ „נומער", משמח צו זיין דעם אויבנאָניקן גאַסט, בגוואַלד פּאַרטרייבן די קנייטשן פון זיין צעאַקערטן שטערן ; דעקלאַמירט דער גאַרבער הייזעריק, די מיידלעך ציען אין כאָר עפּעס אַן אַלטע פאָלקסליד און דער חלוץ לאָזט זיך לסוף אַוועק טאַנצן איבערן שטוב מיט אַ צעווינטלט העמדל.

צעשפּילן זיך ביים עולם די געבליטן און אונטער אַ ניגון גייט מען אַרום טיש אַ שלענגל מיטן שרייבער אין דער מיט. ביסלעכווייז הייבט אַן דאָס שטיבל זיך אויך מיטדרייען אין ראָד און טאַנצן. — וואָסי ? מיר זענען נישט קיין מחותנים אויף דער שמחה ? — סקריפּען, דוכט זיך, די אַלטע בערווענעס — אפשר די גרעסטע פון אַלע !..

האָפּסלט מען אַזוי לאַנג, ביז וואַנען מען פאַלט פון די פיס, אָדער אַן אַלטער, פאַרליטענער שרייבער טוט פלוצעם אַ זאָג מיט אַן אומעטיקן קול :

— לאָזט אָפּ, קינדערלעך, לאָזט אָפּ !.. צו פיל פרייד פאַר איין מאָל, צו פיל יום־טוב !.. ס'קען פאַרשאַטן... דער אינדערוואָכן איז דאָך אַזוי סומנע, קאַלט און טרויעריק !..

בלויז דאָס שטיבל טאַנצט נאָך אַלץ, וויל פון גאָרנישט וויסן — דאָס שטיבל, געבויט דורך יידישע בעלי־מלאכות, פול מיט אמונה און בטחון...

ש ו י ב ן

זינט עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ענדעקישע מהומות אין שטעטל, די פּיקעטן, מיט דער שויבן־ברעכעניש, מיט די איבעריקע פּורעניותן, האָבן דאָ בלויז צוויי יידן פאַרדינט אויף זייער בידנער אויסקומעניש. די איבעריקע עטלעכע און זעכציק באַלעבאַטים אָבער האָבן נישט אָנגעזען קיין צעבראָכענעם גראָשן פאַר די אויגן און געמוזט דערהאַלטן זייערע נשמות מיט דעם ביסל קאַרטאָפל, וואָס דער ביאַליסטאָקער הילף־קאָמיטעט האָט דאָ געטיילט. האָבן זיי טאַקע אַלע אין דער שטיל שטאַרק מקנא געווען אָט די צוויי „מוצי־לחים", מקנא געווען און מאָדנע געשאָקלט מיט די קעפּ...

ווער זשע זענען עס געווען די פּאָר אויסנאַמיקע פאַרדינערס אין דער דאָזיקער ביטערער צייט? פאַרשטייט זיך, אַז אַרע און שמשון, די צוויי אָרעמע גלעזערס פון שטעטל. זיי פלעגן זיך ארומקריגן שטענדיק, ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ מאָל אין אַ נאָווינע אַ שטיקל שייבל צו פאַרריכטן, און איצט האָבן זיי שוין ביידע געהאַט אַרבעט איבערן האַלדז, אַז זיי האָבן זיך אַזש נישט געקענט קיין עצה געבן דערמיט... „צו מיר! צו מיר!" — האָט מען זיי געריסן פון אַלע זייטן, און זיי זענען געלאָפן צעטומלטע איבער די געסלעך, מיט די קעסטלעך גלאָז, ווי פייער־לעשערס בעת אַ שרפה.

דאָס האָבן נישט קיין האָגלען און ווינטן — די אייביקע חלומות פון הונגעריקע גלעזערס — זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דעם שטעטל, נאָר צעווילדעוועטע, רוצחישע נאַרא־יונגען האָבן דאָ נישט אויפגעהערט צו האָגלען כסדר מיט די גרויסע ברוק־שטיינער אין די קליינע צעשראָקענע, איינגעזונקענע יידישע פענצטערלעך. שטיקער ברוק צענעמען זיי יעדעס מאָל, די „כלאָפּצעס" מיט זייער „שפּיל" און יעדן מאָל צווינגט דער מאַגיסטראַט די יידישע

באַלעבאַטים עס צו פֿאַרריכטן, ווייל לויטן „זאַקאָן" געהערט דאָס פֿאַר־ריכטן דעם שטעטלשן ברוק צו די באַלעבאַטים...

שוין געוואָרן לעצטנס אַ מנהג אַזאַ אין שטעטל: אַלע זונטיק, צוזאַמען מיטן געקלאַנג פֿון די קלויסטער־גלאָקן, צעקלינגען זיך אויך, שאַפֿנדיק אַ מאָוימדיקע האַרמאָניע, די צעבראַזגעטע יידישע שייבלעך. די שטעטלשע יידן האָבן זיך שוין אָבער אַזוי צוגעוווינט צו דער שויבן־מוזיק, אַז אַ סך מאָל גלייכווערטלט מען זיך שוין אויפֿן דאָזיקן חשבון. וואָס זאָגט איר — טענהן יידן — די גלאָז־אינדוסטריע וועט אויפֿבליען אין פּוילן, האַ?.. אָדער, איר וועט זען, יידן, אַרע און שמשון וועלן נאָך ווערן מיליאָנערן, די ענדעקעס וועלן זיי מאַכן פֿאַר מיליאָנערן!..

אַרע און שמשון זענען אָבער קיין מיליאָנערן נישט געוואָרן. אדרבא, זיי, די איינציקע אויסטערלישע פֿאַרדינערס אין שטעטל, האָבן ביסלעכוויז אויך פֿאַרלוירן די פּרנסה. און געשען איז עס נישט דערפֿאַר, וואָס די נאַראָ־יונגען זענען שוין געוואָרן גוט און פֿרום, נאָר פּשוט: זעענדיק, אַז עס נעמט נישט קיין ענדע, — דאָ שטעלט מען אַריין די שויב און דאָ איז שוין פֿון איר ווידער קיין זכר נישטאָ — האָבן די שטעטלשע יידן אַ מאַך געטאָן סוף־כל־סוף מיט דער האַנט און באַשלאָסן, אַז מען קען גאַנץ גוט אויסקומען אָן שויבן אויך: וואָס? פֿון ווינציק זאַכן האָט מען זיך לעצטנס אָפּגעזאָגט? וועט מען זיך אָפּגעוווינען פֿון דעם אויך!..

און צוריקגעשמועסט, ווו שטייט עס טאַקע געשריבן, אַז פֿענצטער מוזן דווקא זיין באַגלאָזט און נישט פֿאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס? אַדרבא, אַז מען וויל זאָגן, איז גאָר אַזוי אַ סך באַקוועמער, וועלן די כוליגאַנעס פֿאַרשפּאָרן צילעווען אין די שייבלעך זייערע שטיינער, וואָס עס צעבלוטיקט אָפּט „נישט ווילנדיק" אַ יידישן קאָפּ אויך... און וואָס איז ווערט די נקמה אין די נאַראָווצעס, וועלכע וועלן שוין פֿון איצט אָן נישט קענען ברעכן קיין יידישע שויבן?.. וואָס איז דאָס ווערט, האַ?..

אָט אַזוי האָבן יידן פֿילאָזאָפֿירט מיט גאַל, אָבער די אמתע סיבה איז געווען: די פּאָר גראָשן! נישט געווען שוין ביי קיינעם די פּאָר גראָשן, דעם גלעזער פֿאַר די שויב צו באַצאָלן. פֿריער האָט אַמעריקע געגעבן עטלעכע

מאָל צו שטייער אויף אַריינצושטעלן שויבן. איצט אָבער וויל שוין אַמעריקע מער נישט געבן. דאָס איז נישט קאָנסטרוקטיוו, טענהט אַמעריקע. מען גיט נאָר אויף קאָנסטרוקטיווע צוועקן!..

און ווייטער, שטעלן שויבן אויף באָרג האָבן שוין אַרע מיט שמשונען, ביי זייער בעסטן ווילן נישט געקענט. זיי האָבן זיך שוין אַזוי „אויסגעבאָרגט", אַז זיי מוזן, נאָך אַלע זייערע גליקן, אָנקומען אַצינד צום קאָמיטעטנעם קעלער קאַרטאָפל, פונקט ווי אַלע. אויס פאַרדינערס אין שטעטל — און אַ סוף!..

זענען שוין דאָ איצט אַלע פענצטער, פון בית־הרב ביזן הקדש, פאַר־שטאָפּט מיט זעק, מיט שמאַטעס. לייבל דעם שוחטס, דער היימישער דיכטער, זאָגט, אַז דאָס זענען די אויסגעוויינטע צעלעכערטע אויגן פון דעם פאַר־פייניקטן שטעטל. בלויז דער מקום קודש, דער אַלטער בית־מדרש, איז דער איינציקער בנין אין שטעטל, וואָס פאַרמאָגט שויבן פון אמתן גלאָז. זעט מען זיי אָבער סיי ווי סיי נישט אַרויס, ווייל תמיד, סיי ביינאַכט, סיי בייטאָג, זענען זיי צוגעמאַכט מיט די דיקע לאָדנס, וואָס אַן אַמעריקאַנער לאַנדס־מאַן האָט געגעבן אַ מתנה, בעת ער האָט נישט לאַנג באַזוכט זיין אַלטע היים.

לאָדנס! לאָדנס! — דאָס איז איצט דער חלום, דאָס כשוף־וואָרט, וואָס שוועבט דאָ אום ביי אַלעמען אויף די ליפּן. און מכח שויבן האָבן לעצטנס די באַלעבאַטים, צוליבן אָנקומען פון די קעלטן, אָפּגעהאַלטן אַן אסיפה אין אַלטן בית־מדרש און נאָך אַ סך געריידערייען און שפּאַרענישן איז באַ־שלאָסן געוואָרן, אַז לייבל דעם שוחטס זאָל אויסריכטן אין נאָמען פון דער קהלה אַ בריוו צו אַ יידישער גלאָז־פאַבריק מיט אַ בקשה, זי זאָל אויסאַרבעטן פאַר דעם שטעטל אַזאַ מין ספּעציעלן גלאָז, וואָס ברעכט זיך נישט און אַריינ־שיקן עס אַהער אַלס נדבה. ובזכות זה וועט די פאַבריק אָפּגעהיט ווערן, נישט אַריינצופאַלן אין גוישע הענט...

אָבער ביז איצט איז נאָך דערווייל אויף לייבלס האַרצרייסנדיקן בריוו נישט דערהאַלטן געוואָרן קיין תשובה. און ביני לביני גלאָצן נאָך אַלץ די אויסגעוויינטע, אויסגעלעכערטע אויגן פון שטעטל אין די שווערע, האַרב־סטיקע נעפּלען מיט בלינדער שרעק און שטומען פאָרוואורף.

אָרעמע דאַטשניקעס

דער אלולדיקער שופר, וואָס טוט באַגינען אַ בלאָז אין וואַלד און צע־קייקלט זיך צווישן די עטלעכע שווינדזוכטיקע סאָסנעס, מאַכט אָן אַן אמתע בהלה צווישן די דאַטשניקעס, וועלכע באַשטייען פון די אָרעמע אײַנוווינערס פון די עקן שטאָט, דער עיקר אַזעלכע, וואָס קריגן געלט פון אַמעריקאַנער קרובים און פאָרן אויף דאַטשע, ווי זיי זאָגן, נישט פון ווילטאָג, נאָר פון וויטאָג. אַ ציטער כאַפּט זיי אַרום, ווען זיי דערהערן אין האַלב־דרימל די שופר־מעלאָדיע, אַ ציטער צוזאַמען מיט אַן אומענדלעכער בענקעניש צו זייערע שטאָטישע דירות, צו די שטויביקע געסלעך, פון וואַנען זיי זענען געקומען.

הייבן דעמאָלט אָן מאַמעס וועקן אייליק, צעשראָקן די קינדער, פּונקט ווי עס וואָלטן זיך דאָ אָנגעצונדען, חלילה, די הילצערנע, גוישע בודעס, וווּ מען פּראָוועט עס די דאַטשע פאַר דרייסיק־פערציק גילדן דעם סעזאָן — און מען שיקט וואָס גיכער אַ קינד אין שטאָט אַרײַן, צו ברענגען מיט זיך אַ בעל־עגלה אָפּצופירן די זאַכן צוריק אַהיים.

באַוווײַזט זיך טאַקע יעדן טאָג דאָ אַ דראַנגאָווער וואָגן, הויך אָנגעלאָ־דעוועט מיט צעריסענע שעניקעס, מיט בענקלעך און שטולן, פאַרריסן די פיסלעך אין דער הויך.

— אַז די זון וואַרעמט שוין ווי אַ שטיפמאַמע — טענהן ווײַבער, וועלב־דיק, דוכט זיך, באַרעכטיקן זייער גיכן אָוועקפאָר, אָבער ס׳איז אַ ליגן די מעשה... די זון וואַרעמט נאָך גאַנץ גוט, אדרבא, זי בלענדט נאָך מער ווי פריער און איר שאַרפע ליכט איז פול מיט מאַמישער גוטסקייט און סוף־זומערדיקער בענקשאַפט.

אָבער פאַרפאַלן!.. דער שופר איז ווי אַ סיגנאַל, וואָס רופט דאָ די אָרעמע קראַנקע ווייבער און מיידלעך, די שמאַטניצעס מיט די נייטערקעס צוריק אין שטאָט אַריין. ווען זיי וואָלטן זיך נישט געשעמט, וואָלטן זיי נאָך אפשר אַוועק פריער. עס בענקט זיך שוין נאָך אַ ביסל וואַרעם געקעכטס... דער מיטאָג, וואָס עמעץ פון די שטוביקע ברענגט זיי יעדן טאָג פון שטאָט, איינגעוויקלט אין שמאַטעס, איז שוין תמיד ווי אייז, און עסן אַ מיטאָג ביי מאַניען אין פענסיאָנאַט קען זיך נישט איטלעכער פאַרגינען — עס קאָסט אַ גילדן מיט צען גראָשן...

מיט וואָס פאַר אַ קנאהדיקע בליקן באַגלייטן עס די אַוועקפאָרנדיקע די פאָר ווייבער מיט די קינדער, וועלכע וועלן דאָ דאַרפן ווינטערן אין די קאַלטע דאַטשעס. דאָס זענען די „עקסמיסירטע אלמנות", וואָס מען האָט אַרויס־געוואָרפן אין שטאָט פון די דירות, האָבן זיי זיך אַריינגעצויגן אין די דאַטשעס אָן דער מינדסטער אויסזיכט ארויסצוגייין פון דאָרט... דערזעענדיק אָן אָפּ־פאָרנדיקן געפּאַקטן וואָגן, עפנט זיך אָן אַנדערש מאָל אויף ביי אַזאַ ווייבל דער קוואַל פון טרערן.

— אוי, אויף וועמען לאָזט איר אונדז איבער — באַגלייטן זיי די פור מיט פאַרבראָכענע הענט — מיר וועלן דאָך דאָ ווינטער אויסגיין, שונא ציון, פון הונגער, פון קעלט!..

די „גליקלעכע" דאַטשניקעס אויף די וועגענער ווייגען מיט זיי מיט, באַמיען זיך זיי דורך טרערן פרום צו טרייסטן: „עס גייט דאָך עפּעס אַ נייער יאָר, וועט ער ברענגען אַלדאָס גוטס, וועט ער ברענגען אויף אונדז, און אויף כל ישראל!"..

ווערט אַלץ שיטערער אין וואַלד; דאָס ביסל איבערגעבליבענע ווייבער און מיידלעך זיצן שוין איצט גאַנצע טעג אויף דער זון, גרופּירן זיך אַלץ אויפן בערגל, דאָס שטענדיקע אָרט פון די זקנים, וועלכע קוקן אַריין איצט כסדר, אָנגעזאָפּטע מיט שפּאַקולן, אין ספרים און ברומען אין דער שטיל ימים־נוראימדיקע נגונים.

בלויז „פעשע די אַמעריקאַנערקע", דאָס שיינע וווקסיקע ווייבל מיט דער רויטער פעלערינקע, וואָס קען אַלץ נישט פאָרן צום מאַן קיין אַמעריקע,

צוליב אירע שוואַכע לונגען, זיצט איינע אַליין פון דער וויטנס, וואַגט נישט צוצוגיין צום געזעמל. זיי האָבן דאָ אויף איר אַ האַרץ, די ווייבער, צוליבן „ליובאָוויק" אירן, שמשול דער איזוואָזשטשיק, וועלכער פלעגט ארויפ־קומען צו איר אַלע אויפדערנאַכט און שוין בלייבן ביי איר אין צימער ביז באַגינען... איצט — שושקען זיך די ווייבער — לאָזט זי אים שוין מער נישט קומען — אלול !.. אָבער צוגיין צום בערגל שעמט זי זיך, זיצט זי איינע אַליין אויפן גראָז און אירע שיינע אויגן קוקן אומעטיק פאַרטראַכט אויפן מערבדיקן ברעג הימל, ווו עס ציען זיך פּאַמעלעך פוכיקע שטיקער וואָלקנס מיט זילבערנע ראַנדן.

אַ פאַרמרהשחורהטע, מיט אַ צעפּאָרענעם שייטל, מיטן שטענדיקן בוקעט וואַלד־בלימלעך אין די הענט, דרייט זיך דאָ אַרום סימע די מעקלערקע פון דאַטשעס. פּרוּווט עפּעס אַ ווייבל מאַכן מיט איר אַ פוילן שפּאַס : „סימע, אפשר האָט איר אַ בעלן אויף אַ צימער ?" — שאָקלט זי בלויז טרויעריק מיט דער גאַמבע און אירע פאַרזשמורעטע אויגן זענען פול מיט צער.

איבערן ווייסן, בלענדיקן אָפענעם וועג, צווישן די שטעכיקע, אָפּגעשניטענע פעלדער, זעט מען שפּאַנען פּאַמעלעך אין שטאָט אַריין דעם אַלטן שיע בער פון „צדקה גדולה" מיטן „פעקל מצוות" אויפן פּלייצע. דאָס זענען די כלערליי קוויטלעך און קבלהס, וואָס ער האָט דאָ אָנגעזאַמלט אויף די דאַטשעס אין משך פון יאָרן פון די אָרעמסטע דאַטשניקעס, ווען ער טיילט הילף. די דאָזיקע פּאַפּירלעך היט ער ווי דאָס אויג אין קאָפּ, שיידט זיך קיין מאָל נישט מיטן זעקעלע און, ווי מען זאָגט, האָט ער שוין איינגעשריבן אין זיין צוואה, מען זאָל אים, אין הונדערט און צוואנציק יאָר אַרום, מיט־געבן אין קבר אַריין.

— אָט אַ זכות פון אַ יידן ! — נעמען נישט אַראָפּ די זקנים די אויגן זייערע פונעם „פעקל מצוות", ווי זיי רופן עס, וואָס וויגט זיך אויף שיע בערס אויסגעבויגענער פּלייצע, און זענען אים אין דער שטיל מקנא...

גיך, איינס און צוויי, פאַלט צו דער אָוונט. איצט זעט שוין טאַקע אויס די זון, ווי די ווייבער זאָגן, שטיפמאַמיש, זעצט זיך אַ קיל־פלאַמיקע, אַ ברוגזע, הינטער די קאַרטאָפל־פעלדער... עס הייבט אָן צו בלאָזן אַ פייכט

ווינטל, און די מיידלעך אין די פאַרביקע צוגעשיקטע אַמעריקאַנער סוועטערלעך, מיט פאַרנאַכטיקן אומעט אין די אויגן, הייבן זיך אָן טוליען אײנע צו דער אַנדערער, ווערן מיט אַ מאָל אַזוי היימיש, נאָענט, עפענען זיך די הערצער:

— וואָס איז דאָ צו איילן זיך אין שטאָט, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס אָנצוטאָן, מיט וואָס אין גאַס אַרויסצוגיין!..

און ביינאַכט קלייבן זיי זיך צונויף, די מיידלעך, אין איינער פון די פוסטע, פאַרלאָזענע דאַטשעס, מען טאַנצט אין דער פינצטער, מען זינגט אַלץ העכער, אַלץ הילכיקער, ווי צו פאַרטויבן דעם ווײי, וואָס שרייט פון אינעווייניק, די שרעק צו באַגעגענען נאָקעט דעם קאַלטן, טריבן, אַנקומענדיקן האַרבסט...

אַ פרומע לערערין

קינד און קייט האָט גערעדט אין שטעטל וועגן דער לערערין, וואָס די אָרטאָדאָקסישע מיידל־שול „בית יעקב" האָט אַראָפּגעבראַכט צום נייעם שול־יאָר פון קראָקע. עפּעס איז זי נישט געראָטן אין גאַנצן אין די ביז איצטיקע קליינשטעטיקע לערערקעס, וואָס די שול האָט געהאַט, מיט די פּנימער, ווי ביי ישיבה־בחורים; אַ הויכע, אַ שלאַנקע, אַ פרישע, האָט זי זיך, אין איר ווייס מאַנטעלע, ווי אַ צעבליטע בעריאָזקע, געטראָגן איבערן גאַס, געשפּילט אין אַלע זייטן מיט די גרויסע ברוינע אויגן, פאַרריכט אַלע ווײַלע דעם שאַטינענעם האָר־טורעם אויפן קאָפּ, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט כלערליי שנאַלעכלעך, שפּילקעס, האָר־נאָדלען און געגלאַנצט ווי אַן אמתע קרוין אונטער דער שפּעט־האַרבסטיקער זון.

שטעטלשע בחורים האָבן איר נאָכגעקוקט, באַוווּנדערט, געגעסן מיט די אויגן. אָבער נאָך מער האָבן געשעפּט פון איר נחת די עלטערע אָרטאָדאָקסישע יידן, געהאָפט, אַז מיט איר קומען וועט די שול אויפגעריכט ווערן, אַריבערציען צו זיך די גרעסטע צאָל קינדער; מען האָט זיך אָנדערציילט וווּנדער וועגן איר גרויסער לומדות, וואָס אַזוינס איז שווער צו געפינען אַפילו ביי מאַנסבילן... נישט אומזיסט איז זי געווען די בעסטע תלמידקע אין קראָקער לערער־סעמינאַר !.. היינט האָט זי אַ מויל — שיט עס, ממש, פּערל, אַ רעדנערקע איינע אין דער מדינה.

אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך איר קומען אין שטעטל האָבן טאַקע פיין־געבכתיבהטע פּלאַקאַטלעך אָנגעזאָגט, אַז פרייטיק צו נאַכט וועט זי אין בנין פון „בית יעקב" האַלטן דעם ערשטן רעפעראַט פון דער סעריע: „משפּחה־ריינקייט און צניעות ביי יידישע טעכטער".

האָט גוטקין, דער לערער פון דער יידישער פאָלקסשול, דער שוואַרצער סקולאַסטער ווילנער בחור, געדרייט זיך פרייטיק צו נאַכט אַרום די צעפּייער־טע, צעזשומעטע פענצטער פון „בית יעקב״, געהאַט חשק אַריינצוגיין אינע־ווייניק, אויסהערן דעם דרוש פון דער שיינער קראַקערין, האָט אָבער אי געשעמט זיך פאַר די שטעטלשע, אי מורא געהאַט, ער זאָל נישט קריגן אַ מאָל דערפאַר אַ פאַרוואורף פון דער שול־צענטראַלע אין וואַרשע פאַרן חברן זיך מיט פרומאַקעס. דער אומעטיקער, ווינטיקער האַרבסט־אָוונט און דער לערערינס וואַרעם קולכל, וואָס האָט זיך דורכגעריסן דורך אַ צעעפנטער פאַרטקע, האָט אים אָבער לסוף איבערגעבראָכן און נעמענדיק זיך צו הילף די פאַרענטפערונג, אַז אייגנטלעך גייט ער דאָך דאָ בלויז אָנקוקן א שטיק לעבן פון אַ פרעמדן שטייגער — איז ער דעם ערשטן מאָל אין זיין לעבן אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דער אָרטאָדאָקסישער שול.

קיין פרעמדס, מאָדנעקייט האָט דאָ טאַקע נישט געפעלט; דער לאַנגער, שמאָלער צימער, אָנגעזאַפּט מיט אַלטע חדר־ריחות, איז אָנגעפילט געווען מיט אַ מאָדנעם געמישטן עולם; געפודערטע און געשמינקעוועטע מיידלעך, צעפלאָמטע יידענעס אין שייטלען, שוואַרצע זיידענע שאַלן, שבתדיקע שוואַרץ־בערדיקע און גרוי־בערדיקע יידן אין קליינע חסידישע קאַשקעט־לעך אויף אַ פּאַר באַזונדערע בענק, און ביי אַ טישל אויבן אָן האָט די קראַ־קערין, אין אַ שוואַרץ סאַמעטן קלייד, פאַרשפּילעט ביזן האַלדז, געשאַטן מיט גמרא־ווערטלעך, מיט שטיקער מדרש, עין־יעקב, ציטירט גלייכצייטיק גאַנצע שטעלן פון דער יידישער ליטעראַטור און געמוסרט די יידישע טעכטער, וואָס גייען נישט אין די דרכים פון זייערע מאַמעס און באָבעס, היטן נישט אָפּ די צניעות.

גוטקין האָט אַליין נישט געפילט, ווי ער רוקט זיך אַלץ נענטער צום רעדנער־טישל, זוכט אַ געלעגנהייט זיך מיט איר צו באַקענען; ווי חרפה? ווען חרפה? אַז זי איז אַזוי שיין, די קראַקערין, שיין און אַזוי אויסטערליש־אינטערעסאַנט. ווי אַן אמתער מגיד פאַרענדיקט זי די דרשה מיט אַן „ובא לציון גואל״ און לאָזט זיך גיין צום עולם. מיידלעך, ווייבלעך אַפּלאָדירן,

דריקן איר די הענט און ער, גוטקין, איז אויך דאָ אין מיטן, שטעלט זיך פּאַר מיט אַ לייכטן אויפּציטער אין קול:

— לאָמיר זיך באַקענען!.. איך בין אויך אַ מלמד... אַ לערער אין דער יידישער פאָלקסשול!..

— איר ווילט מסתמא זאָגן: אין דער גויישער, אין דער אַפּיקורסי־שער! — שמייכלט זי צו אים מיט צוויי שורות ווייסע ציין — אָבער לאָמיר זיין טאָלעראַנט... איר האָט חשק זיך דורכגיין אַ ביסל?

דער ווינטיקער, פאַרמרהשחורהטער דרויסן האָט פּלוצעם, ווי אַ פריי־לינג־נאַכט, אַ לויכט געטאָן פאַר גוטקינס באַברילטע אויגן... אַזאַ זיס פאַר־בענקט רוישן פון די האַרבסט־בלעטער אונטער די פיס און ס׳קולעכל דער קראַקערינס — אַ זינגענדיק וואַסערל!.. וואָס פּלאַפּלט זי דאָרט, דאָס מיידל? קראַקע... וואַוועל... סעמינאַר... רעליגיעזע דערציונג... ער הערט יאָ און הערט נישט אירע רייד, שפּרייזט איר נאָך אַ שווייגעדיקער, צענומענער. ערשט, ווען זי בלייבט שטיין לעבן חנה דער אלמנהס טונקל שטיבל, אויף דער טאָפּאָל־גאַס, ווו זי האָט איר צימער, כאַפּט ער זיך אַרויס מיט די ערשטע פּאָר ווערטער:

— עס ברענט גאָר ביי אייך קיין פייער נישט אין צימער?

— דאָס האָט די בעל־הביתטע צוליב שבת אָנגעגאָסן ווינציק נאַפט אין לעמפּל — איז די קראַקערין נישט איינגעשטאַנען אויף איין אָרט, געשאַרט די בלעטער מיט די פיס — נאָר אַ דאגה אַ גרויסע... וועל איך זיך לייגן שלאָפן אין דער פינצטער!..

— פאַר וואָס עפּעס אין דער פינצטער? — האָט איר גוטקין אַ נעם געטאָן פאַר אַ האַנט — אָט וועל איך מאַכן פייער, זאָל זיך אייך דוכטן עלעהעי אַ שבת־גוי!..

— איר וועט אָבער אַליין אויך מוזן אויפזוכן די שוועבעלעך, ווייל עס איז מוקצה — האָט די קראַקערין אויפגעשלאָסן די טיר, פלינק אַריבערגע־שפּרונגען די שוועל, שטיל אַריינגעלאָזן נאָך זיך גוטקינען.

אַ נעפּל פון דינע מיידלשע ריחות האָט אים אַרומגעכאַפּט, געקראָכן אין דער פלוצעם־אויסגעטריקנטער קעל, געשטאָכן ס׳לייב מיט זיס־פאַרסמטע

שפּיזעלעך, געשכורט... אַ צעוואַקלטער האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבערן פינצטערן צימער מיט לאַנגע פונאַנדערגעשפּרייטע הענט, געזוכט די שוועבעלעך און זיך אָנגעשטויסן אויף דער קראָקעריגס אַן אויסגעפילטן סאַמעטענעם אָרעם. ס׳לייב האָט געבריט פון אונטערן סאַמעט, און פלוצעם האָבן זייערע ליפּן זיך צונויפגעפּליישט, נישט געקענט זיך אָפּרייסן, אַז עס האָט אַזש דעם אָטעם פאַרכאַפּט.

— נו, גענוג, גענוג!.. האָט זי זיך מיט אַ מאָל אַ ריס געטאָן פון אָרט, שטיל געפירט גוטקינען צום טיר, צוליכטנדיק אים מיטן שאַרפן גלאַנץ פון אירע גרויסע, ברוינע אויגן...

פויערטעס

אַזאַ פריער סעזאָן אויף יאַגדעס איז נאָך ביז איצט קיין מאָל נישט געווען. די שטאָט איז ממש פאַרפלייצט מיט שוואַרצע יאַגדעס — אַ ברכה צו מאַכן. ווו מען שטייט און מען גייט טרעפט מען באַטיכלטע, אָפּגעברענטע גויעס מיט פולע קריגלעך וואַלד־שפּע, וועלכע שרייען מיט באַנומענע קולות: „יאַגאָדי, טשאַרניאַגאָדי!" זיי זענען נישט פויל, גייען אום אפילו פון שטוב צו שטוב פאַרלייגן זייער סחורה און בעטן דוקא נישט טייער: 10 גראָשן אַ קווערטל. וואָס איז אָבער די פעולה, אַז ס'איז נישטאָ די פּאָר גראָשן פאַר וואָס צו קויפן. די וועבערייען שטייען שוין אַזוי לאַנג, פאַרדינט נישט דער אַרבעטער, לייזט נישט דער קרעמער און דאָס איבעריקע מאַכט שוין חרוב דער באָיקאָט, רעפּרעסיעס, שטייערן, וכדומה. יידן, וואָס שטייען פאַרטריקנטע, פאַרחושכטע לעבן די ליידיקע קרעמלעך, קוועטשן מיט די פלייצעס:

— וואָס טוט זיך דאָ, וואָס? צו דער סדרה קורח איז נאָך אַזוי ווייט — און ס'זענען שוין אויסגעוואָקסן די יאַגדעס אין די וועלדער! ווער האָט דאָ געמאַכט דעם טעות — שמייכלען זיי קוים־קוים אין די בערדלעך — דער חומש, צי די גויעס, להבדיל?..

ווייזט זיך אַרויס, אַז קיינער האָט דאָ נישט געמאַכט קיין טעות!.. דאַר־פישע אַלטע, באָרוועסע, באַריידעוודיקע גויעס, וועלכע שלעפּן זיך קוים מיט די קאָשיקלעך יאַגדעס, קלערן אויף פאַר די געזעמלעך קרעמערס די גאַנצע געשיכטע פון די פריע יאַגדעס, מיט וועלכע די שטאָט איז איצט פול פון ברעג ביז ברעג.

אין דער אמתן, שאָקלען זיי טרויעריק מיט די אויסגעטריקנטע גאָמבע־

לעך, איז נאָך טאַקע איצט פרי, צו קלייבן יאַגדעס, סיידן אין די זוניקע ערטער... אין שאָטן אָבער איז די יאַגדע נאָך ווייס און טויג צו גאָרנישט. נאָר וואָדען? די אַרבעטלאָזע האָבן שוין קיין כוח נישט צו וואַרטן... עס רופט זיי דער פּדיון. האָבן הונדערטער שטאָטישע פאַבריק־אַרבעטאָרינס באַ־לאַגערט די אַרומיקע וועלדער און מען נישטערט דאָרט אַ יאַגעדקע מיט ליכט, כדי צו קענען עס אויסגעבן אין שטאָט און קויפן דערפאַר אַ שטיקל ברויט. קוקנדיק אויף זיי, האָבן שוין אויך מיר, די אַלטע דאָרפישע יאַגדע־קלייבערס, געמוזט זיך צוויילן און ארויסגיין מיט די קאָשיקעס אין די וועלדער.

— אָבער מער קיין יאַגדעס וועלן שוין, דוכט זיך, אין אונדזערע מקומות נישט וואַקסן — זיפצן האַרצרייסנדיק די אַלטיטשקע גויעס — אַ קליינינקייט עפּעס? אַז אַזוי פיל מענטשן טאַפּטשען דאָס גראָז, פונקט ווי אַ היישעריק וואָלט באַפאַלן דאָס לאַנד, מען צעטרעט די ביימלעך און מ׳רייסט און מ׳פליקט גאָר אָן שום רחמנות... ניין, מער קיין יאַגדעס וועלן שוין דאָ נישט זיין!..

— איז אַ בראָך נאָכן קאָט! — פאַרקרימען יידן די פּנימער וויטיקדיק, סאַרקאַסטיש — אַז קיין פּאָר גראָשן צו קויפן אַ קווערטל יאַגדעס איז נישטאָ, צולאָזן אַ יידן אין וואַלד אַליין אָנקלייבן אַ ביסל יאַגדעס לאָזט מען נישט — די פּאָר אָרעמע ווייבער פון כאַנאַיקעס, וואָס זענען אַוועק אַהין הייַנטיק וואָך מיט קריגלעך, האָט מען גוט צעהרגעט און זיי ליגן איצט אין יידישן שפּיטאָל — טאָ זאָלן זיי ברענען, די וועלדער מיט די יאַגדעס, מיט אַלץ מיט אַנאַנדער!..

בלויז לייבע דער בשמים־קרעמער, „דער פריילעכער קבצן״, ווי מען רופט אים דאָ, מיט דעם פאַרשמאָלצענעם חסידישן היטעלע אויפן שפּיץ קאָפּ, לאָזט נישט „ברענען די וועלדער...״ — נאָר אָן קללות, יידן! — מינ־טערט ער אַלעמען מיט זיין בטחון־שמייכל — די וועלט גייט נאָך, בנאמנות, נישט אונטער!.. גלויבט מיר, אַז מען וועט עס אַלץ איבערלעבן און מ׳וועט נאָך עסן יאַגדעס, אַז עס וועט גיין אַ רויך!.. און נישט נאָר עסן, מען וועט מישן יאַגדעס־סאָק מיט בראָנפן און מען וועט טרינקען אויף שמחות, אויף חתונות, אויף בריתן...

— און לכבוד דעם, וואָס איך האָב היינט געקראָגן 25 זלאָטעס אַ הלוואה אין דער גמילות־חסדים קאַסע — גייט לייבע אַלץ מער אַריין אין ברען — פונדעסטוועגן איך אַליין מיט יאַגדעס אויף אַ ברכה צו מאַכן. „העי, טשויעש!״ (הער נאַר) — רופט ער צו אַ גויע מיטן פינגער — גיב נאַר אַקאָרשט אַ קווערטל יאַגדעס פאַר צען גראָשן, און זאָג דיינע „פאַנעס״, אַז מיר לאַכן פון זייערע היטלערס, מיר זענען אַן אייביק פאָלק, זענען מיר, און מיר עסן יאַגדעס...

— מיר זענען אַן אייביק פאָלק, זענען מיר, און מיר עסן יאַגדעס! — חזרן איבער די קרעמערס לייבעס ווערטל, וואַרפן מיט הנאה די שוואַרצע, זאַפטיקע קייקעלעך אין מויל און שמייכלען צעהייטערטע מיט שוואַרצע ציין...

אַ פֿאַרגעסענע ליבע

וואָס מער ער פֿאַרפֿאָרט אין לעבן אַריין מיט זיין ווייב, מיט דער עלטערער פלעגמאַטישער, אָבער גוט־איינגעאָרדנטער דענטיסטין — אַלץ מער דערוויטערט זיך פון נחמנען די געשטאַלט פון דער יונגער, ליכטיקער און טעמפּעראַמענטפולער חוהטשען. דאָס מיידל, מיט וועלכער ער איז אַזוי פיל יאָרן ארומגעגאַנגען, זי באמת ליב געהאַט און — פאַרביטן איר ביי שטיבעלע אין דעם קליינעם שטעטל אויפן דענטיסטישן קאַבינעט אין דער גרויסער שטאָט, ווייל — ליבע איז ליבע און תכלית איז תכלית!..

אוודאי האָט ער די ערשטע צייט געליטן... ווידער און ווידער האָט ער געזען חוהטשעס זוניק פנימל פאַר די אויגן און די הענט אירע, די קלאָרע, פולע, זאַפטיקע הענט, האָבן זיך געוויקלט אַרום זיין האַלדז, געפלאָנטערט זיך אין זיינע געדיכטע קודלעס, מיט ליבן כעס געריסן אים די ברילן פון נאָז:

— אוי, דו, בטלן, בטלן!... כ׳וועל דיר אַ מאָל אָפּגעוווינען צו קושן זיך אין די ברילן, צי ניין?..

פאַר וואָס עפּעס דווקא אָט די דאָזיקע ליבע־סצענקע פלעגט אים אַזוי אָפט קומען אויפן געדאַנק, פייניקן מיט אַזוי פיל אוממעכטיקער בענקשאַפט, בעת עס האָבן נישט געפעלט אין זייער עטלעך־יאָריקער ליבעניש אויך קיין סך אַנדערע — דאָס האָט נחמן נישט געקענט פאַרשטיין.

ער האָט טאַקע די ערשטע צייט שטאַרק געבענקט נאָך חוהטשען, געבענקט אָפט מאָל ביז טרערן, ביז זעלבסטפּאַרפייניקונג, באַזונדערס אין די נעכט, אויפן געלעגער, בעת די שווערע דענטיסטישע ריחות, וועלכע האָבן תמיד געשלאָגן פון דעם צעקנייטשטן צעווירענעם, שנאַרכענדיקן

ווייב, פלעגן אים קריכן אין די נאָז־לעכער, אין האַלדז, אין דער נשמה, דוכט זיך, און אומברחמנותדיק ווערגן און שטיקן.

דער באַקאַנטער ליבער מאַלינע־ריח פון חוהטשעס לייב, וואָס פלעגט דאָ, דוכט זיך, אַ פלאַטער־טאָן אַ וויל, פלעגט נאָך ענגער און ביטערער מאַכן די ווערגעניש, נישט איבערצוטראָגן... און פלוצעם — דאָס בילדל מיט די ברילן פאַר די אויגן:

„אוי, דו, בטלן, בטלן, איך וועל דיר אַ מאָל אָפּגעווינען צו קושן זיך אין די ברילן, צי ניין ?..״

אָט דעמאָלט פלעגט ער פילן, נחמן, נישט געקוקט אויף אַלע אָנשטרענ־גונגען און דריידלעך, ווי עס גייט אויף אין אים אַ שטיל, רחמנותדיק געוויין אויף זיך אַליין, צוזאַמען מיט עפּעס אַן אַלט, טרויעריק, שוין לאַנג־פאַרגעסן לידל ?

„און עפּעס אַ האַנט, אַ שרעקלעכע, גרויזאַמע
האָט אונדז פאַרוואָרפן אין אָט דעם בעט, אין דעם ברייטן...״

דאָס איז אָבער אַלץ אין אָנהייב געווען ; וואָס ווייטער דערווייטערט זיך אַלץ מער חוהטשעס ליכטיק געשטאַלט פון זיינע אויגן, און אירע שטי־פערייען קומען אים שוין כמעט אין גאַנצן אויפן זינען נישט...

דאָס לעבן צוזאַמען מיט דעם ווייב האָבן אים גענומען „אין דער ארבעט״, דעם יונגן פאַרבענקטן שטעטלשן בחור ; געזען, אַז ער גייט עפּעס ארום ווי אַ נעכטיקער, האָט אים דאָס ווייב, די דענטיסטין, קודם טאַקע אויסגעלערנט אַן אַרבעט, צאָן־טעכניק, און נאָך דעם האָט זי אים געבראַכט אויף דער וועלט אַ מיידעלע. העלפט ער איר אונטער אַ פּאָר שעה אין טאָג מאַכן ציין פאַר די פּאַציענטן, און ס׳איבעריקע צייט שיקט זי אים אַרויס, ווי ס׳רוב ווייבער, וואָס גיבן חיונה זייערע מענער, שפּאַצירן מיטן קינד־וועגל אין פּאַרק אַריין.

„היינטיקע צייטן״, זאָגט זי, „קען מען זיך נישט פאַרלאָזן אויף קיין שיקסעס !..״ אָבער מיינען מיינט זי עפּעס אַנדערש — זאָל ער נישט חלומען, דער חברה־מאַן, וועגן נעכטיקע טעג !.. אייגנטלעך וויס זי דאָך אַלץ, נאַר, נישקשה, זאָל ער האָבן דאָס קינד לעבן זיך, וועלן אים נישט ליגן אין זינען קיין נאַרישקייטן !..

און דער דאָזיקער ווונטש אירער ווערט טאַקע דערפילט אויפן בעסטן און שענסטן אופן: דאָס קינד האַלט פאַר איר מלחמה מיט דעם אָרעמען מיידל פון שטעטל...

ער איז זייער פאַרליבט, נחמן, אינעם פוכקען נפשל מיט די הימל־בלויע אייגעלעך, טרעט נישט אָפּ פון אים אויף אַ מינוט — און צווישן די יונגע־לייט מיט די קינדער אין פאַרק גילט ער פאַר דער בעסטער ניאַנקע...

אים איז שוין באַלד שווער, נחמנען, אויסצושיילן פון ווייטן שטעטלשן נעפל חוהטשעס שטריכן פאַר די אויגן! פון צייט צו צייט בלויז, ווען ער בייגט זיך איין אַ קוש טאָן דאָס קינד אין קעפּל, און די קליינע טוט אים אומגעריכט אַ שלעפּ אַראָפּ מיט אירע פוכקע הענטעלעך די ברילן פון נאָז, טוט ער לייכט אַ ציטער, און עס דוכט זיך אים אַלץ, אַז באַלד וועט ער דערהערן אַ ווייך־גלעקלדיק שטימעלע:

„איי, דו, בטלן, בטלן, כ׳וועל דיר אַ מאָל אָפּגעוווינען, צו קושן זיך אין די ברילן, צי ניין?..“

שרה לאה די טענצערין

שרה לאה די אַלמנה, די צעמאַרשטשעטע, קליינוווקסיקע הענדלערקע מיטן געבויגענעם רוקן און גראָבע, געשוואָלענע פּיס, וועלכע שלעפּט זיך אום איבער די הייפן פון פרי ביז נאַכט מיט צוויי שווערע קוישן אויף ביידע הענט, מיט די אייער, עופות, עפּל — איז אויף די עלטערע יאָרן, צו איר אַלטן פּאָך, געוואָרן אויך אַ טענצערין, „איזאַדאָראַ דונקאַן", ווי ס׳רופט זי אָן די מאַדאַם, די יונגע גבירטע פון שטאָט.

און געקומען איז זי צו דעם אויף אַזאַ אופן:

זינט מאַעסיכע, די אַלטע גבירטע, איז דאָ נישט לאַנג אָפּגעשטאָרבן, איז אויך אָפּגעשטאָרבן דער גאַנצער פּדיון, וואָס זי, שרה לאה, האָט געהאַט אין דער דאָזיקער רייכער פון דורות איינגעפונדעוועטער שטוב. און דער פּדיון איז געווען אַ גאַנץ היבשער, ס׳האָט אויסגעמאַכט אפשר אַ העלפט פון דעם לייזעכץ ביי די באַלעבאָסטעס פון דער גאַנצער שטאָט. „שרה לאה איז דאָך מיין גאַנצע „דאָסטאַוושטשיצע" — פלעגט זי נישט איין מאָל זאָגן, די גבירטע, מיט אַ שמייכל אויפן פּנים, אויף איר ווילנער לשון. זי איז בכלל געווען אַ ווילע, צוגעלאָזענע יידענע, די אַלטע! פלעגט זיך נישט דינגען אַזוי שטאַרק, ווי דער שטייגער איז פון גבירטעס, און אַפילו מכבד זיין איר אָפּט אין אַ ווינטערדיקן טאָג מיט אַ הייסער גלאָז טיי אין קיך. אַן אַנדערש מאָל אויספרעגן זי פריינטלעך, ווי ס׳גייט עפּעס דער פּדיון און וואָס עס מאַכט דאָס איניקל, דער יתומל, וואָס איז איר געבליבן, שרה לאהן, צו האָדעווען נאָך דער טאָכטערס טויט, באַדויערן איר ביטערע דאָליע.

זינט אָבער די פירונג אין שטוב האָט איבערגענומען די יינגסטע

שנור, די אָנגעצויגענע גאַליציאַנערין מיט איר פוילישן לשון, איז געקומען אַ סוף צו דעם אַלעמען; וואָס איז שייך? זי לאָזט דאָך איר אַפילו אויפן שוועל נישט אַרויף! זי גיסט זיך אָפּ מיט שווייס, אַרויפשלעפּנדיק זיך קוים אויף די טרעפּ מיט די שווערע קוישן אירע, קלאַפּט אָן „איידל" אין טיר, אָבער פון יענער זייט דערהערט זיך באַלד דער באַלעבאָסטעס קוויטשיק קעלכל: „ניע, ניץ ניע טשעבאַ!" (ניין, מען דאַרף גאָרנישט). עס העלפן נישט די תחנונים אירע, מען זאָל זי נישט פאַרשעמען און נישט אָוועקלאָזן מיט ליידיקן, כאָטש געבן צו לייזן פאַר אַ פּאָר אייער. די יונגע גבירטע איז האַרט ווי אַ שטיין און שרייט אַלץ דורכן טיר אויף פויליש, זי זאָל זי לאָזן צו רו, ווייל מיט קיין „פשעקופקעס" (הענדלערקעס) האָט זי קיין עסקים נישט.

שלעפּנדיק זיך צוריק פון די טרעפּ מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ווי אַן אבל, פלעגט שרה לאה אָנטרעפן אַ סך מאָל די היכלע דינסט, אַ פול־אָנגעלאָדענע מיט איינקויפעכץ פון שכנותדיקן, קריסטלעכן קאָאָפּעראַטיוו, פאַרביילאָזן זי, צוריקקערנדיק זיך, אַזאַ קליינע, אַזאַ נעבעכדיקע, מיט די קוישן צום וואַנט, און קרעכצן אין דער שטיל:

— אַ יידן לאָזט מען פאַלן, ווי איז מיר, אויסגיין ווי אַ ליכט!..

אָבער נישט געקוקט אויף אַלע יאָגענישן און טרייבענישן, פלעגט זי דאָך יעדן טאָג קומען און קלאַפּן אין טיר: פרישע אייער, אַ עוף אויף שבת, עפּל, אוגערקעס!.. מעגלעך, אַז די פּיס האָבן איר שוין פון יאָרן לאַנגער געוווינטשאַפט פון זיך אַליין געפירט אַהערצו, און מעגלעך, אַז די הונגעריקע בליקן פון מאָטלען, פון דעם דריי־יאָריקן אייניקל אין שטוב, האָבן עס זי געשטויסן אויף די ברייטע, מאַרמאָרענע, גבירישע טרעפּ, — אַזוי, צי אַזוי, האָט זי איין מאָל, כמעט אויף גוואַלד, אויף קידוש־השם, אַריינגעשפּאַרט זיך אין טיר און געבליבן שטיין אַ צעשראָקענע, אַ פאַרווירטע פון איר אייגענעם אויפטו...

און דאָ איז מיט איר פּלוצעם געשען אַ נס. אין יתומלס זכות מסתמא, זאָגט שרה לאה, איז מיט איר געשען אַ גרויסער נס!..

אָנשטאָט צו שרייען אויף איר, מאַכן געוואַלדן, ווי דער שטייגער

איז, האָט גאָר די יונגע גבירטע, דערזעענדיק זי מיט די צוויי קוישן אויף די הענט, מיט דער קוואַקעדיקער הון אונטערן אָרעם, אויפגעלויכטן פּלוצעם, אַ כאַפּ געטאָן איר פּאָר אַ האַנט, און אַזוי ווי זי שטייט און גייט אַריינגעפירט זי אין קינדער־צימער, אָנרופנדיק זיך מיט גרויס שמחה צו דער ניאַניע אין וויסן טשיפּעק:

— נו, ווי מיינט די ניאַניע? איצט וועט שוין יוליק עסן, צי נישט?..

יוליק, דער גבירטעס צוויי־יאָריקער באַליבטער קאַראַפּוזיק, וועלכער האָט געפירט בעת־מעשה אַ מלחמה מיט דער ניאַניע, זיך נישט געלאָזן בשום אופן אויסקאָרמענען דעם טעלערל צעקוועטשטע באַנאַנעס און אַפּעלסינען, איז טאַקע אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון שרה לאהס קוישן און מיט דער הון, אַז ער האָט אין פריידיקער צעטומלעניש אַריינגענומען אַ פּאָר לעפל אין מויל. באַלד האָט ער אָבער חרטה געהאַט אויפן עסק. דעמאָלט האָט שרה לאה, פילנדיק, משמעות, אַז אין אָט דער רגע וויגט זיך איר גורל, אַ כאַפּ געטאָן מיט ברען די הון אויף דער אויסגעבויגענער באַרקע און זיך אָנגעהויבן דרייען מיט איר איבערן שטוב. די הון האָט געקוואַקעט, שרה לאה האָט געטאַנצט און דער קליינער האָט זיך געפרייט, געפּאַטשט מיט די הענטלעך און געשלונגען איין לעפל נאָך דער אַנדערער...

און אין דער רגע האָט זיך טאַקע געחתמעט שרה לאהס גורל; פון דעמאָלט אָן האָט זיך אומגעקערט איר גאַנצער פדיון אין דער גבירישער שטוב. אַלע טאָג איז זי דאָ אין קיך מיט אירע קוישן, און יעדעס מאָל מוז זי אָפּשטאַטן אַ וויזיט צו יוליקן אין צימער, העלפן אים אָנקאָרמענען, טאַנצנדיק מיט אַ הון, צי מיט אַ קאַטשקע. אַן אַנדערש מאָל געדויערט עס זייער לאַנג. עס באַשלאָגט איר אַ קאַלטער שוויס, דער יידענע, און זי פילט, אַז אָט־אָט פאַלט זי, ווי אַ סנאָפּ, אויף דער געוועקסטער פּאָדלאָגע. חוץ דעם קומט איר אַלץ בעת־מעשה אויפן זינען דאָס אייניקל, דער בלאַסער יתומל, וועמען זי האָט פאַרשלאָסן אין שטוב, נישט האָבנדיק אים אויף וועמען איבערצולאָזן, און דאָס אַלטע האַרץ פּלאַצט שיער, גייט אַריבער איבער די ברעגעס... די יונגע גבירטע מינטערט זי אָבער אַלע מאָל: נו, הייבט אַ פוס, שרה לאה, דאָס קינד עסט דאָך גאַרנישט!..

— אַך, „איזידאָראַ דונקאַן״ — לאַכט זי מיטן פולן מויל — איזידאָראַ דונקאַן !..

— געוואָרן אַ טענצערקע אויף דער עלטער — קרעכצט שׂרה לאה, שלעפנדיק זיך צוריק אויף די טרעפּ מיט די קוישן. — אַ טענצערקע, ווײ איז מיר !..

אַהיים אויף יום־טוב

מיין אַלטער באַקאַנטער, דער בלאַסער, שטילער בחור, וואָס פאַרנעמט דאָ אַ בוכהאַלטער־פּאָסטן אין דער גרויסער שטאָט, איז געקומען צו מיר מיט אַ פּאָר הייסע פלעמלעך אין די אויגן, איז געקומען צו מיר מיט אַן ערב פסחדיקער קשיא:

— וואָס, פרעגט ער מיט זיין שטילן, ציטערדיקן קול — איז עפּעס היינטיקער פסח אַנדערש ווי אַלע אַנדערע פסחס?.. פאַר וואָס זאָל ער עפּעס היי־יאָר נישט קענען פאָרן אין דעם היימשטעטל אויף יום־טוב? ווער האָט עס אַ רעכט צוצורויבן ביי אים דעם פריידיקן עולה־רגלשן פלאַטער, די ליכטיקע סדרים ביי זיין פעטער הלל, די בלוי־פאַרכשופטע פסחדיקע נעכט אין שטעטל, די פרילינג־ריחות פון די היימישע פעלדער?

ווער זשע לאָזט עס אים נישט דערפילן דעם יאָר־יערלעכן געבאָט זיינעם? ווייזט ער מיר, דער בלאַסער בחור, אַ ידידי־בריוועלע, טאַקע פונעם זעלביקן פעטער הלל, אַז ער זאָל זיך, למען השם, נישט דערוועגן אַראָפּצופאָרן אויף פסח אין שטעטל און זאָל זיין נסיעה אָפּלייגן אויף בעסערע צייטן. וואָרעם די שונאים אונדזערע — שרייבט דער פעטער מיט זיין פיין־משכּילישער, אָבער צעשראָקענער האַנטשריפט — האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אונדז און ווילן אונדז אין גאַנצן פאַרטיליקן... אין שטעטל איז נישט ערב־פסח, נאָר ערב תשעה באב... חורבן ירושלים... איז מילא, מיר, די אַלט־איינגעזעסענע, מוזן שוין ליידן, אָבער צו וואָס נאָך איינשטעלן און קומען פון דער פרעמד אויף יום־טוב? דעם גרויסן נחת וואָס מען קען דאָ האָבן?

און כדי צו באַווייזן דעם שטעטלדיקן „נחת״, גיט ער אַן פון דאָרט,

דער פּעטער, אַ גאַנצן בינטל בייעס, וואָס איז אַרויסגענומען, דוכט זיך, פון אַ קאָנפיסקירטער יידישער צייטונג:

...אַלע שויבן צעבראָכן און די פענצטער פאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס און פאַרקלאַפּט מיט ברעטער... אויפן מאַרק איז שטיל, ווי אויף אַ בית־עולם... הערש בער, דער גמרא־מלמד, איז, נעבעך, געשטאָרבן פון שרעק, זיצנדיק ביי אַ ספר אין אַלטן בית־מדרש, בעת די ווענט האָבן זיך דאָרט אַ טרייסל געטאָן פון אַן אויפגעריסענער באָמבע... ער האָט געהאַט אַ שיינע לויה, הערש בער... דער געוויין איז געגאַנגען ביז אין הימל אַריין...

און דער עיקר — שרייבט ווייטער דער פּעטער — קיין איין ייד אין שטעטל האָט נאָך נישט קיין ברעקל מצה אויף פּסח, קיין ביסל קאַרטאָפל. מען שמועסט אַפילו, אַז די הילף־קאָמיטעטן אין די גרויסע שטעט זאָרגן פאַר אונדז וועגן מצה, אָבער דערווייל איז ביטער, ס'איז קיין שטיקל ברויט אויך נישטאָ, און יידן גייען אויס פון הונגער. פעלט טאַקע, אַז דו זאָלסט דאָ אַריינפאַלן איצט מיט דיין שוואַכן האַרץ! וואַרט שוין בעסער אויס אַ ביסל, וועסטו דאָ קומען אפשר אלול־צייט אויף קבר־אבות... דעם בית־עולם האָט מען דערווייל נישט געטשעפּעט...

אָט אַזוי האָט מיר דער בלאַסער בחור, שטעל נאָך שטעל, ווי אַ קינה, פאָרגעלייענט זיין פּעטער הלל בריוו, פאַרקוקט זיך נאָך דעם מיט אַ פּאָר פאַרפּייניקטע, פאַרלאָפענע אויגן אויף די טיפע, בלויע, ניסנדיקע הימלען און אַ זאָג געטאָן מיט אַ מאָל:

— זייט געזונט!.. איך פאָר אויף פּסח אין מיין חרובער היים!..

די געסלעך בענקען נאָך די אַמעריקאַנער געסט

ביז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק נאָך זענען די ערב־פּסחדיקע טעג אין די פאַרחושכטע יידישע שטעטלעך געשטאַנען אונטערן צייכן פון אַמעריקאַנער געסט.

מיט די ערשטע שוואַלבן, מיט די ערשטע וואַרעמע ניסן־ווינטעלעך, פלעגן זיי אַראָפּקומען אין די שטעטלעך, די אַמעריקאַנער לאַנדסלייט, מיט די קליינע קאַפּעליושלעך און גרויסע שיך, מיט די לאַנג־שפּיציקע קראַגנס און בלוט־רויטע בינדעס, אַז מען האָט זיי געקענט דערקענען פאַר אַ וויאָרסט. פריילעכע, אויפגעלייגט, פלעגן זיי אַרומשפּאַצירן איבער די געסלעך, אַרומגערינגלט מיט גאַנצע מחנות גליקלעכע קרובים, וועלכע האָבן, ווי אַן ערן־וואַך, געהיט זייער יעדן טריט...

די געסלעך האָבן אויפגעלעבט — ענדלעך האָבן זיי דערפילט אַ פעסטן, זיכערן טראָט אויף זיך, דערהערט אַ הויך, זאָרגלאָז גערעדעריי, געלעכטער...

לופטשיקעס האָבן זיך צעעפנט, מען האָט נאָכגעקוקט, מקנא געווען: אַ קלייניקייט עפּעס, אַ קרוב פון אַמעריקע. אויף פסח וועט שוין, אַלנפאַלס, נישט פעלן!..

און עס איז טאַקע אַזוי געווען. וויפל העלע פרייד פלעגן זיי עס אַראָפּ־ברענגען מיט זיך אין די טונקעלע, צעהויקערטע שטיבלעך. אַפילו זייטיקע יידן האָבן זיך גאָר דערפילט מונטערער, אָנקוקנדיק די פרייע, זאָרגלאָזע אַמעריקאַנער. די תקיפות זייערע האָט אַפילו אַ ביסל שאָקירט, קענטיקער געמאַכט די אייגענע געפאַלנקייט, אָבער עפּעס האָט מען זיך געפילט פעסטער מיט זיי, זיכערער — אין אַן עת צרה איז דאָ אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן!..

פלעגט מען זיי דערפאַר טיילן די גרעסטע כבודים, געבן די פעטסטע עליות, די שענסטע איידלסטע טעכטער... און אַז זיי פלעגן גיין פון פאָסט און לייענען אויפן וועג די גרויסע פולע צייטונגען, וואָס זיי פלעגן קריגן פון אַמעריקע, האָט מען זיי נאָכגעקוקט מיטן גרעסטן דרך־ארץ, זיך נישט דערוועגט צוצוגיין, ווי דער שטייגער איז, און פרעגן, וואָס מען הערט עפּעס אין דער פּאָליטיקע...

צו וואָס האָבן זיי עס געדאַרפט האָבן די אַמעריקאַנער צייטונגען בעת זייער קורצער ווײַלע אין שטעטל? דער עיקר, צוליב די ידיעות פון וואָל סטריט! אַ מאָדנע זאַך! כמעט יעדער געקומענער אַמעריקאַנער האָט געהאַט אַקציעס, געשפּילט אויף דער בערזע, האָט ער דעריבער געוואָלט וויסן, ווי ער האַלט אין דער וועלט, אויף וויפל ער איז איבער נאַכט רייכער געוואָרן.

און דאָס האָט זיי, נעבעך, אַוועקגעהרגעט, אונדזערע אַמעריקאַנער לאַנדסלײַט! טענהן איצט מיט וויטיק שטעטלשע יידן — זיך אַליין אומגליקלעך געמאַכט און אונדז אויך געמאַכט אומגליקלעך!..

איצט זעט מען זיי שוין מער נישט, די פריילעכע, זאָרגלאָזע אַמע־ריקאַנער, אויף די ערב־פסחדיקע שטעטלשע געסלעך, און עפּעס פעלט שוין, דוכט זיך, אַן זיי צום ערב־יום־טובדיקן קאָלאָריט, צו דער פריי־לינגדיקער אומגעבונג.

אָבער מער פון אַלץ פעלן זיי די פאַראָרעמטע קרובים זייערע. נישט בלויז זיי אַליין קומען נישט, נאָר אַפילו די פּאָר דאָלאַר זייערע אויף יום־טוב קומען שוין אויך נישט לעצטנס. מיט וואָס זשע וועט מען מאַכן פסח, מיט וואָס?..

אַך, ווי עס בענקען די געסלעך נאָך די אַמעריקאַנער געסט!..

גראַף פּאָטאָצקיס טורעמל

ביז דער לעצטער מינוט האָבן די שטעטלשע יידן זיך אַלץ געטרייסט, אַז מען וועט פאָרט נישט פונאַנדערוואַרפן די אַלטע געמויערטע קרעמלעך אויפן מאַרק, ווי די שונאי ישראל פון מאַגיסטראַט האָבן באַשלאָסן, כדי כלומרשט שענער צו מאַכן די שטאָט און פאַרפלאַנצן דאָרט אַ פּאַרק.

און ראַטעווען פון חורבן, האָבן די קרעמער געהאָפּט, וועט זיי דער אַלטער, שפּיציקער טורעמל פון אויבן, „גראַף פּאָטאָצקיס טורעמל”, ווי מען רופט עס אין שטעטל, מחמת אויסגעמויערט האָט עס מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק גראַף פּאָטאָצקי, וועלכער האָט פאַרבעטן די יידן, זיי זאָלן זיך דאָ באַזעצן און גרינדן אַ ישוב.

ווי אַזוי וועט עס דער אַלטער, האַלב־צעפאַלענער טורעמל ראַטעווען פון דער ביטערער גזרה ? טאַקע מיט דער אַלטקייט און חורבהדיקייט זיינער וועט ער ראַטעווען ! פאַראַן אַ בפירושער געזעץ, האָט ניאַכקע, דעם מילנערס איידעם, דער כלל־טוער פון שטעטל, געגעבן אַלעמען צו פאַרשטיין, אַז נישט בלויז מען טאָר נישט צעשטערן קיין אַלטע בנינים אין פּוילן, נאָר מען דאַרף זיי נאָך, אדרבה, פּילנעווען ווי דעם שוואַרצאַפּל פון אויג... נישטאָ דעריבער וואָס מורא צו האָבן. מעג דער מאַגיסטראַט טויזנט מאָל באַשליסן, וועט דער סטאַראָסטע נישט לאָזן אַראָפּנעמען. פּיקעטן אַרומשטעלן אַרום די קראָמען, דאָס יאָ, אָבער רירן די קראָמען גופא, לאָ מיט אַן אַלף !..

פון דעמאָלט אָן האָבן יידן אָנגעהויבן אַרויסקוקן מיט רחמימדיקע בליקן, ווי צו אַ הייליקטום, צום רויט־ציגלנעם טורעמל, געפּליסטערט,

דוכט זיך, מיט די פאַרטריקנטע ליפּן: טורעמל, טורעמל ראַטעווע אונדז מיט די ווייבער און קינדער פון הונגער!..

ניאַכקע, פון זיין זייט, ווידער, האָט אויך נישט גערוט, אויפגעזוכט דעם אַלטן, פאַרמעטענעם פּינקס פון בית־מדרש, וווּ ס'איז געווען מיט דראַבנינקע האַלב־אָפּגעריבענע אותיותלעך פאַרשריבן, ווי אַזוי דער גראַף פּאָטאָצקי האָט מיט העכער צוויי הונדערט יאָר צוריק אויסגעבויט די קרעמלעך פאַר די יידן, וואָס זענען, אויף זיין בקשה, געקומען זיך דאָ באַזעצן, באַפרייט זיי און זייערע קינדער אויף אַ סך יאָרן פון צינזן און נאָך חוץ דעם צוגעגעבן יעדן קרעמער אַלס מתנה אַן אינדיק... דאָס טורעמל, ווידער, האָט ער אויסגעמויערט פון אויבן, כדי עס זאָל דאָרט תמיד שטיין אַ יידישע וואַך און אַכטונג געבן, צי עס קומט נישט קיין טאָ־טעריש חייל אין שטאָט... „אנשי חיל מהקורדים” — אָט אַזוי שטייט בפירוש אין פּינקס... געווען איז עס דעמאָלט, משמעות, אין די צייטן פון די פויליש־טאָטערישע מלחמות...

אָט דאָס אַלץ האָט ניאַכקע געלאָזן איבערזעצן אין פויליש און אַוועק־געשיקט עס צום זשולקיעווער סטאַראָסטע, צוזאַמען מיט אַן אָנקלאַגע אויפן מאַגיסטראַט, הלמאי ער הייסט צעשטערן אַזאַ וויכטיקן היסטאָרישן דענקמאָל.

אָבער נישט ניאַכקעס שתדלנות, נישט די הייסע תפילות פון די קרע־מערס צום טורעמל האָבן געהאָלפן; אין אַ שיינעם נאָך־שבועותדיקן פריי־טיק איז עס געשען. דאָס שטעטל האָט נישט געאַנט פון קיין שום בייז. דאָס רויט־ציגלנע טורעמל האָט, ווי אַ גוטער, ליבער זקן זיך געוואָרעמט אויף דער זון, אַראָפּגעקוקט, דוכט זיך, מיט אַ רחמנות־שמייכל אויף די באָרוועסע, הויט־און־ביינערדיקע חדר־ייִנגלעך, וואָס זענען אומגעלאָפן איבערן ברייטן, פוסטן, אָנגעגליטן מאַרק, זיך געשפּילט אין פערדלעך נאָכן אָקאָרשטיקן פריי ווערן פון חדר.

אַ פאַרבענקט־ערב־שבועותדיק מערזשעל־געזאַנג, צוזאַמען מיט אַ זיס־פאַרכאַפּנדיקן ריח פון צימערינג האָט זיך געטראָגן פון די עטלעכע געציילטע הייזער, ווו מ'באַקט נאָך חלה און קיכל אויף שבת. די קרעמערס

פון „ריאַד" האָבן זשעדנע געצויגן אין די נאָזלעכער דעם געשמאַקן ריח, דערמאָנט זיך אָן די אַמאָליקע צייטן, אָבער נישט מקנא געווען, חלילה, נאָר געדאַנקט גאָט, וואָס מען לאָזט כאָטש שטיין אין די קרעמלעך און עסן טרוקן ברויט מיט רעטעך...

און פון אַלע פוילע שמועסן איז מען ווידער אַ מאָל, און אָבער אַ מאָל, אַרויפגעקומען אויפן טייערן, ליבן טורעמל און אויף זיין באַשאַפער, גראַף פּאָטאָצקי. — יידן, פאַרגעסט נישט צו זאָגן „זכרונו לברכה!" — האָט יעדעס מאָל דערמאָנט בערל ביינוש דער שניט־קרעמער, און איבערגעחזרט אַלץ דאָס ווערטל זיינס, אַז דאָס טורעמל — דאָס איז אַ מין פּראָגער גולם, וואָס וועט אָפּראַטעווען די יידישע קהילה פון אירע שונאים...

אָבער פּלוצעם — אַ שטויב־וואָלקן פון זשולקעווער טראַקט, אַ שאַרף, שרעקנדיק גלעקל־געקלאַנג, און דער סטאַראָסטע מיט די לאַנגע, בייזע, גרויע וואָנצעס האָט, נישט שענקענדיק קיינעם קיין בליק אַפילו, זיך דורכגעטראָגן דורכן שטעטל אויף דער גלער, פאַרשטויבטער ברישקע, זיך אָפּגעשטעלט לעבן מאַגיסטראַט.

— נישט קיין גוטער סימן! — האָבן בלאַס־געוואָרענע קרעמערס זיך דורכגעוואָרפן מיט ווערטלעך, הענט און בערד האָבן געציטערט, ווי פאַר אַ גזר־דין, און פיבערדיקע בליקן האָבן זיך געצויגן דאָ צום מאַגיסטראַט, דאָ צום שפּיציקן טורעמל. רגעס האָבן זיך געצויגן ווי אייביקייטן, און ווען די מאַגיסטראַט־טיר האָט לסוף אַ סקריפּע געטאָן און דער בירגער־מייסטער סטאַך האָט זיך מיט זיין שיכורלעכן גאַנג אַ לאָז געגעבן מיט אַ פּאַפּיר אין האַנט צום „ריאַד", זענען דאָ אַלעמענס הערצער פאַרחלשט געוואָרן, אויפגעהערט צו קלאַפּן — און אַ סוף!.. קיינער האָט שוין, דוכט זיך, נישט געהערט ווי סטאַך האָט מיט אַ וואַזשנעם, פייערלעכן קול גע־לייענט די „דעציזיע" פון סטאַראָסטע, אַז די קרעמערס מוזן שוין, אומ־געזאַמט פאַרלאָזן די קרעמלעך... אַלע זענען געבליבן ווי פאַרשטיינערט און נישט אַרויסגעלאָזן קיין פּיפּס פון מויל. בלויז די ווייבער, וועלכע זענען דאָ באַלד געקומען צו לויפן פון שבת־מאַכן, האָבן אויפגעהויבן אַ שרעקלעכע יללה, אַז דאָס גאַנצע שטעטל האָט אַ ציטער געטאָן פון ברעג

ביז ברעג. אַפילו די אַלטע הונדערט־יאָריקע שטיבלעך האָבן, דוכט זיך, מיט טרויעריקן חידוש, אַדורכגעשמועסט זיך פון אונטער די מאָכיקע שינדל־דעכער: — ניין, אַזוינס האָבן מיר קיין מאָל נישט געהערט!.. אַן ערב־שבתדיק שטעטל זאָל אַזוי וויינען? ניין, ניין, ניין!..

און צווישן די יללות האָבן די גויים פון מאַגיסטראַט אָנגעהויבן אַרויס־צוּוואַרפן די סחורה פון די קרעמלעך, גענומען זיך מיט העק און לאָמען צו די ווענט, חוזק געמאַכט און נאָכגעשפּעט אויף יידיש: „מאַישע, דו וויל אַ קרעמל מיט אַן אינדיק?"

אַ פונק האָפענונג האָט פּלוצלונג אַ בליץ געטאָן!.. אַ צערודערטער איז דורכגעלאָפן ניאַכקע דער כלל־טוער אין האַרטן, גומענעם קראַגן, אין שוואַרצן סורדוט, און נאָך אים — דער רב מיט עטלעכע חשובע בעלי־בתים. דאָס האָט זיך געלאָזן אַ דעלעגאַציע צום סטאַראָסטע, אָפּצובעטן די גזירה. באַלד האָט מען זיי אָבער געזען גיין צוריק מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ — ער לאָזט זיך נישט רעדן, דער אדון!.. שרייט, אַז יידן האָבן נישט קיין חוש פאַר דער נאַטור, מען וויל זיי פאַרפּלאַנצן אַ פּאַרק אין שטעטל, און זיי לאָזן זיך נישט!..

— יידן, מיר זענען אין גלות! — האָט דער רב טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ, און ניאַכקע האָט צוגעגעבן: — אַז גראַף פּאָטאָצקי האָט נישט געהאָלפן, וועט שוין דאָ קיינער נישט העלפן!..

ערשט דעמאָלט האָבן די קרעמערס אָנגעהויבן צונויפקלייבן דאָס ביסל אָרעמקייט, וואָס איז געלעגן צעוואָרפן אויפן מאַרק, געקוקט מיט רחמנות אויף „גראַף פּאָטאָצקיס טורעמל", וואָס די גויים פון מאַגיסטראַט האָבן געהאַקט מיט האַק און לאָם, און די אַלטע רויטע, צעשטויסענע ציגל האָבן אַזוי ווי געבלוטיקט...

אַן אייגענע זומער־קאָלאָניע

ווען נישט דער באַיקאָט און די פּיקעטן מיט דער שויבן־ברעכעניש און דער פּאָגראָם סוף ווינטער, בעת מען האָט אויפן מאַרק דערהרגעט ישׂראל משה דעם פערד־הענדלער, וואָלטן זיך מסתּם די שטעטלשע יידן אויסגעלעבט זייערע יאָרן און נישט געווען קיין מאָל וויסן, אַז עס איז דאָ אויף דער וועלט אַזאַ זאַך, וואָס הייסט „זומער־קאָלאָניע", וווהין מען שיקט אַרויס די אויסגעבלייכטע, אויסגעדאַרטע קינדערלעך אויף די זומער־חדשים פאַרריכטן דעם געזונט, זיך אָפּברענען אויף דער זון און צונעמען אין וואָג. אפשר האָט יאָ אַ מאָל עמעץ געלייענט אַ נאָטיץ וועגן דעם אין אַ פאַרעלטערטער צייטונג, וואָס אַן אורח ברענגט פון צייט צו צייט אין שטעטל, האָט ער אָבער גוט נישט פאַרשטאַנען דעם ענין, ווי מען פאַר־שטייט נישט אין דעם פאַרשטויסענעם, פאַרוואָרפענעם שטעטל אַ סך זאַכן פון די שרייבעכצער דאָרטן אין דער גרויס־שטאָטישער בלאַט־צייטונג.

האָט אָבער אַ שווערער, אומברחמנותדיקער ווינטער, ווי אַ בלוטיקע אויסגעשטשירבעטע האַק, וואָס הרגעט נישט פּאַר אַ מאָל, זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דעם אומגליקלעכן שטעטל; אין די נישט־געהייצטע, פאַרבאַריקאַ־דירטע, אָן־שויביקע הייזלעך האָבן זיך, ווי פיש אין אַ נעץ, געצאַפּלט יידן, אויסגעגאַנגען ווי די ליכט. אונטער פּערענעס, לאַכעס און שמאַטעס זענען אין די בעטן געלעגן פאַרטוליעט די קינדער, געפּישטשעט, ווי הונ־געריקע פייגעלעך אין אַ ווינטער־טאָג, און פּלוצעם — טראַך! אַ שטיין פּליט אין שטוב אַריין און די מאַמע, מיט אַ ווילד געשריי, טוט זיך אינ־סטינקטיוו אַ שפּרייט־אויס אויפן בעט, צו באַשיצן מיט איר קערפּער די קינדערלעך, ווי אַ קוואָקטוכע אויף די הינדעלעך מיט די צעשפּרייטע פליגל...

עד, זאָלן זיך שוין מער נישט אומקערן אַזעלכע ווינטערס! די גרויסע, ווי די גרויסע, אָבער די קינדער, נעבעך, זענען געפאַלן, ווי די פליגן. אַן אָפּטער בן־בית איז דאָ געוואָרן אין די הייזלעך יאָסקע דער קברן מיטן אַלטן רוסישן סאָלדאַטסקן שינעל, דער איינציקער ייד, וואָס האָט זיך דעמאָלט פּראַנק און פריי באַוועגט איבער די שטעטלשע גאַסן מיטן טויט אין די פּאָלעס...

און די עלטערע, שטאַרקערע, לעבן געבליבענע קינדער האָבן דען נישט אויסגעזען ווי מתים? זיי האָבן דאָך קיין כוח נישט געהאַט פון שטוב אַרויסצוגיין, ווען וועסנע האָט זיך געשטעלט און די זון האָט זיך רחמימדיק צעשיינט איבערן שטעטל. אָט דעמאָלט זענען עס דאָ צום ערשטן מאָל געפאַלן די צוויי ווערטער: „זומער־קאָלאָניע". די „קאָמיטעטשיקעס", וועלכע קומען דאָ צו פאָרן אַלע פּאָר וואָכן טיילן קאַרטאָפל פאַר די הונגעריקע משפחות, האָבן געמאָלדן, אַז אין גיכן וועלן זיי מיטנעמען די ערשטע פאַרטיע קינדער אין שטאָט אַריין און פון דאָרטן וועט מען זיי צוזאַמען מיט די שטאָטישע קינדער אָפּשיקן אויף אַ חודש אין דער זומער־קאָלאָניע יאַראָשוווקע. ווו איז יאַראָשוווקע? אַ דערפל לעבן ביאַליסטאָק, וווהין די געזעלשאַפט שיקט אַרויס אַלע זומער די אָרעמע קינדער פון שטאָט אין דער קאָלאָניע אויף „פּאָפּראַווקע". וועט מען דאָרט איצט אויך אַריינגלידערן די קינדער פון דעם חרובן שטעטל — זאָלן זיי אויך וויסן דעם טעם פון דאַטשע און זיך קענען שטעלן אויף די פיס!

ערשט דעמאָלט האָבן זיך די שטעטלשע יידן דערוווּסט, וואָס עס באַדייט „זומער־קאָלאָניע": מסכים געווען, אַז עס איז באמת אַ גוטער איינפאַל און געשמייכלט גאַליק אין די בערד: „אין זכות פון פּאָגראָם וועלן אונדזערע קינדער געניסן פון דאַטשע!"... און געוואָרט שוין מיט אומגעדולד, מען זאָל וואָס גיכער אַרויסשיקן דאָס קליינוואַרג אין דער קאָלאָניע אויף „פּאָפּראַווקע" — עס ווייִנט דאָך באמת דאָס האַרץ, קוקנדיק אויף זיי!.. אומגליקלעכע פייגעלעך, פאַרלאָרענע! קליינע פאַגראָמירטע יידעלעך!..

און מען האָט זיך סוף־כל־סוף טאַקע דערוואַרט! אין אַ שיינעם

פרימאַרגן זענען אָראָפּגעקומען פון שטאָט די „קאָמיטעטשיקעס“ מיט אַ קראַנקן־שוועסטער אין אַ ווייסן כאַלאַט, און מאַמעס מיט פרומע, פאַר־חושכטע, פאַרזאָרגטע פּנימער האָבן זיך אָנגעהויבן ציען מיט די קינדער פאַר די הענט צום „לינת־הצדק“, פונקט ווי אין אַ חדר אַריין... דאָרטן איז עס פאָרגעקומען די אונטערזוכונג פון די קינדער. מאַמעס האָבן געוויינט און זיך געבעטן: „נעמט מיינעם, מיינעם!.. איר זעט דאָך — הויט און ביינער!“... „און מיינער קען זיך דאָך שוין אויף די פיס נישט האַלטן, ראַטעוועט אים!..“ עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. מען האָט אויסגעקליבן אין דער ערשטער פּאַרטיע בלויז זיבן קינדער, אַריינגעזעצט זיי, ווי די געגנדזלעך, ביי זשאַמע דעם בעל־עגלה אין וואָגן און דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיי אַרויסבאַגלייט ביזן שאָסיי.

אָבער, אַז עס גייט נישט, איז כאָטש צערייס זיך! — טענהן פאַר־ביטערטע די שטעטלשע יידן. — שוין, ווייזט אויס, בגזר געוואָרן, אַז אונדזער פאַרפינצטערט שטעטל זאָל נישט האָבן קיין ביסל נחת פון קיין „זומער־קאָלאָניע“ אויך נישט!

בלויז אַ פּאָר טעג האָבן די קינדער געוויילט אין יאַראָשוווקע, און פלוצעם — סקאַנדאַל קומט! אַ רויטער שטאָטישער אויטאָבוס פליט אָן פון שאָסיי און אין די שויבן — די צעשראָקענע שוואַרצע אייגעלעך פון די אָקאָרשט אָוועקגעפירטע „דאַטשניקעס“. מאַמעס, טאַטעס און קרובים לויפן אָן אָטעם אַנטקעגן: געוואַלד, וואָס איז געשען? פאַר וואָס האָט מען זיי אָפּגעשיקט צוריק? דערציילט דער „קאָמיטעטשיק“, וואָס האָט זיי גע־בראַכט צו פירן, אַז מען האָט זיי אָפּגעשיקט דערפאַר, ווייל זיי שרעקן די איבעריקע שטאָטישע קינדער. מיט וואָס שרעקן זיי? זיי האַלטן אין איין טענהן, אַז די גויים פון דאָרף וועלן אָנפאַלן אויף דער קאָלאָניע און מען וועט אַלעמען אויסשעכטן... מען האָט שוין געטאָן אַלע מיטלען, זיי צו באַרויקן, עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. עס האָט זיך נאָר געדאַרפט הערן ביינאַכט עפּעס אַ קול פון דאָרף, צי דער ווינט האָט אַ רויש געטאָן צווישן דיביימער, אַזוי איז מען אויפגעשפרונגען פון די געלעגערס: שוין! מען גייט אונדז קוילענען!.. באַזונדערס האָט אָנגעגעבן מעשים ישראל

משהס יינגל, דער, וואָס מען האָט זיין טאַטן דערהרגעט בעתן פּאָגראָם. אַ פּחד האָט ער דאָ אָנגעוואָרפן אויף אַלע און עס איז קיין אַנדער ברירה נישט געווען, ווי אָפּצושיקן אים מיט די איבעריקע קינדער אַהיים. איצט וועט מען שוין מער קיין קינדער פון שטעטל נישט נעמען. נישט קיין צוגעפּאַסטער עלעמענט פאַר אַ זומער־קאָלאָניע, גאָרנישט קיין צוגעפּאַסטער!

אָט אַזוי האָט ער דערציילט, דער „קאָמיטעטשיק". און כדי צו טרייסטן די שטעטלשע יידן, וואָס זענען געשטאַנען אַרום אים מיט שווערע אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, האָט ער צוגעגעבן, אַז ער וועט זיך באַמיען אין „צענטער", אַז מען זאָל אַסיגנירן אַ געוויסע סומע אויף בעסערע דערנערונג פאַר די שטעטלשע קינדער, זיי זאָלן זיך קענען פּאַפּראַווען אויפן אָרט...

ביז איצט איז אָבער די בעסערע דערנערונג נאָך אַלץ נישט געקומען. אַ גליק בלויז, וואָס אין שטעטל איז לעצטנס רויקער אַ ביסל, וואַלגערן זיך די קינדער פראַנק און פריי אויפן באַגראָזטן מאַרק (דער מאַרק איז די לעצטע צייט געוואָרן מיט גראָז באַוואַקסן) און ברענען אויף דער זון זייערע האַלב־אַנטבלויזטע קערפּערלעך, אַז מען קען דאָרט יעדעס ביינדל איבערציילן. אָט דאָס איינציקע האָבן זיי מיטגענומען פון דער דאַטשע — ברענען אויף דער זון די דאַרע נאַקעטע פלייצקעס, און די יידן, וואָס גייען דאָ פאַרביי, שאָקלען טרויעריק מיט די קעפּ:

— אַ זומער־קאָלאָניע, אַן אייגענע זומער־קאָלאָניע!..

עס פֿאַרדריסט אים זייער

נאָך האַלבער נאַכט האָט זיך נחמן אַרויסגעשלייכט פֿון ליובעס צימער גיך, קעגן זיין שטענדיקער געלאַסענער פּירעכץ, אַראָפּגעשפּרונגען פֿון אַלע טרעפּ און מיט האַסטיקע, אומרויִקע טריט זיך פֿאַרנומען אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט, צו די שמאָלע פּיאַסקעס, צו זיין קלייִנער באַשיידענער דירהלע, צו זיין ווייב, צו זיין קינד.

— נישט געדאַרפֿט! נישט געדאַרפֿט! נישט געדאַרפֿט! — האָט עס אים ווי מיט האַמערלעך געהאַקט אין קאָפּ, אין די שלייפֿן; די באַקן האָבן אים געפֿלאַמט און אומזיסט האָט ער זיי אַלע ווײַלע מפֿקיר געווען, פֿריי אַרויסגעשטעלט פֿונעם אויפֿגעהויבענעם קאָלנער פֿאַרן דריבנעם נאַסן שנייִעלע, ער זאָל זיי אָפּקילן אַ ביסל. עס האָט גאָרנישט געהאָלפֿן! דער פּנים האָט אַלץ נישט אויפֿגעהערט פֿריקרע צו ברענען, פּונקט ווי ער וואָלט באַהאַלטן ביי זיך דעם גאַנצן זינדיקן פֿייער פֿון דעם הייִנטיקן אומגעלומפּערטן אָוונט דאָרט, אין ליובעס פֿאַרפֿומירטן, סודותדיקן באַלויכטענעם צימערל.

— יע, אַ בפֿירוש־אומגעלומפּערטער אָוונט! — לעקט ער דורשטיק די קילע שניי־פֿליטערלעך, וואָס פֿאַלן אים אויף די ליפּן — באַשערט עגמת־נפֿש, און ווייטער גאָרנישט!.. פֿאַר אַנדערע יונגע־לייט, פֿאַר אַוואַנטוריסטישע נאַטורן, איז עס אפֿשר אַן ענין, אָבער נישט פֿאַר אים, פֿאַר אַ סאָלידן יונגן־מאַן, דריי יאָר נאָך דער חתונה... ערשטנס, איז אים נאָך זיין חנהלע ב״ה נישט פֿאַרמיאוסט; און, צווייטנס, ליגן אים סתם נישט אין זינען אַזעלכע זאַכן... אַ געדריקטער בוכהאַלטער, וואָס אַרבעט קוים אויס דאָס שטיקל חיונה — ווי קומט עס פֿאַר אים?

ניין, ער ווייסט באמת נישט, ווי אַזוי דאָס איז געשען!.. פאַרזעסן זיך שפּעט אין אָוונט אין דעם ביוראָ ביים מאַכן דעם ניי־יאָר באַלאַנס, האָט ער, איילנדיק אַ מידער אַהיים, באַגעגנט זיין אַמאָליקע באַקאַנטע ליובע, אָדער, ווי די ווייבער רופן זי היינט, „די פריילעכע אַרגענטינקע״, מחמת איר מאַן איז שוין אַ פּאָר יאָר אין אַרגענטינע, און זי, אַזוי זאָגט מען, בראַקירט דאָ נישט מיט קיין אַנדערע... איז, מאַלע וואָס מען טרעפט זיך? — „גוט מאָרגן, גוט יאָר און אַ גוטן טאָג״, פּונקט ווי שטענדיק! לויפט זי אָבער אָן דאָס מאָל אויף אים מיטן פולן צעשמייכלטן פּנים, מיטן שוואַרצן צעווינטלטן לעקל פון אונטער דער ווייסער פּילאָטקע און זאָגט:

— וואָס מאַכט מען עפּעס, נחמן? דערציייל עפּעס פון דיין לעבן, שטרעבן, דערציייל! און אַ נעם טוענדיק אים פעסט אינטים אונטערן אָרעם, לאָזט זי זיך מיט אים שפּאַצירן צו די אַלייעס, וווּ ער איז שוין, דעם אמת זאָגנדיק, אַ פּאָר יאָר נישט געווען, און וווּ עס האָבן געפלאַטערט אַ מאָל זיינע שענסטע, העלסטע, בחורישע חלומות...

וואָס איז שייך? דאָ איז דאָך טאַקע גוט!.. די לופט — קאַלטער, שמעקעדיקער, ווי צעשוימטער וויין! אַרום און אַרום איז ווייס, שטיל, פאַנטאַסטיש; אַ פאַרשנייט, ווינטערדיק, פאַרכשופט קעניגרייך, און פון צייט צו צייט בלויז צעשטערט דאָ די מנוחה אַ צעגלעקלט שליטל, וואָס טראָגט זיך פאַרביי אויבן אויפן שאָסיי מיט צעהוליעטן יונגוואַרג. ברייטער, בחורישער געלעכטער, מיידלשע קוויטשערייען... און נישט־ווילנדיק טוט עפּעס מיט אַ מאָל אַ ריס אַ געהיימע סטרונע אין האַרצן, אַ קנאה, אַ בענ־קעניש... דריקט ער שוין פעסטער צו זיך ליובעס פולן, הייסן אָרעם, און די פיס, לייכט ציטערדיקע, פאַרקירעווען פלוצעם פון זיך אַליין אויף דער טאָפּאָל־גאַס, פאַרקירעווען צו ליובעס צימער, וואָס פאַרשכורט מיט זיינע ספּעציפישע ווייבערישע ריחות, מיט זיין סודותדיקן ראַזעווען שיין, דער עיקר אָבער, מיט זיין נייקייט, מיט זיין פרעמדקייט...

אָבער איצט פאַרדריסט אים די געשיכטע, און ער וואָלט, דוכט זיך, אָפּגעבן מי יודע וויפל, אַז דאָס זאָל נישט האָבן געשען!.. און נישט צוליב צדקות, חלילה, נאָר צוליב זיין גוטער, געטרייער חנהלע... ניין, זי, די

שטילע טויב, האָט זיך עס נישט פאַרדינט ביי אים!.. וואָס זי צעהאַרעוועט עס, נעבעך, דאָס ווייבל, ווערט פאַרשוואַרצט ביי דער אָרעמער באַלע־באַטישקייט. אַט זעט ער זי אַ צעפלאַמטע איבער דער באַליע וועש, די גרויע אַרויסשטאַרטשענדיקע האָר־פּאַסמעס פון אונטערן טיכל שאָקלען זיך, באַדויערן, דוכט זיך, איר צעפּטרטע יוגנט, און אַט פאַרריכט זי ביז שפּעט אין דער נאַכט דעם קינדס אויסגעוואַקסענע העמדלעך ביים שיין פון אַ פינפער־לעמפּל, און אַליין פאַרגינט זי זיך נישט קיין שטיקל פוטער, קיין גלאָז מילך — אַלץ פאַר אים, פאַרן מאַן!.. ער וועט דאָך איר איצט נישט קענען גלייך אין די אויגן קוקן!..

מיט טרייסט האָבן אויף אים פּלוצעם אַ גלאַנץ געטאָן די בלינדע, פינצטערע פענצטערלעך פון זיין דירה — כאָטש גוט, וואָס חנהלע שלאָפט שוין! — האָט ער דערפילט ווי עס רינען אָפּ ביי אים שטיקער שווע־רעניש פון האַרצן. — יע, געוויס שלאָפט זי שוין... וואָסי? זי האָט זיך ווייניק צעמאַטערט פאַרן טאָג?

שטיל, ווי אַ גנב, האָט ער זיך אַריינגעשאַרט אין צימער, זיך געשעמט און פאַרט הנאה געהאַט, וואָס חנהלע שלאָפט מיטן שווערן שלאָף פון פאַרהאַרטעוועטע פרויען, נישט אויפצוועקן... צוגעווינענדיק זיך צו דער פינצטערניש, האָט ער אָבער באַמערקט ווי עס בלייכט זיך אַ גלאָז מילך אויפן טישל, וואָס דאָס ווייב האָט אים צוגעגרייט, אויסצוטרינקען פאַרן שלאָף, און ווידער האָט ער דערפילט דאָס פּריקרע ברענעניש אויף די באַקן און אַ רחמנות אויף חנהלען, נישט איבערצוטראָגן. ווי אַ גרויס לעבעדיק אויפגעריסן אויג האָט זיך געווייסט די גלאָז מילך אין חושך, געקוקט אויף אים מיט שטומען צער און פאַרוואָרף. איז ער פּאַמעלעך, אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צום טישל, אויסגעזופּט מיט איין צי די גלאָז מילך, אַנגעהויבן פאַרזיכטיק זיך אויסטאָן, געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— עס פאַרדריסט מיר, באמת; עס פאַרדריסט מיר זייער.

דער „קבר"

ווי נאָר עס טוט אַ שיין די זון און דער שטאָטישער שטויב הייבט אָן טריקענען דעם גומען — אַזוי לאָזט זיך אַראָפּ יאַכע, אַן עלטערע מיידל מיט אַ בלייכן, אויסגעצויגענעם פּנים און בלוי־פאַרשפּיצטן, ווי צוגעפרוירענעם, בעזל, אין דעם סאָדע־וואַסער־קרעמל אין קעלער, ווו זי פאַרבלייבט שוין ביז אַ שטיק אין האַרבסט.

קיין פיר איילן פאַרמאָגט נישט דאָס קרעמל, מער ווי פאַר יאַכען, אין אַ שטייענדיקער פּאָזע, און פאַרן באַלאָן סאָדע־וואַסער איז דאָרט קיין אָרט נישטאָ. דאָס ברעטל, ווו עס שטייען די גלעזלעך און די פּאָר סלאָיעס געפאַרבטע סאָק, פאַרכאַפּט שוין אַ העלפט פון די טרעפּלעך און פאַרצאַמט, דוכט זיך, יאַכען דעם וועג, זי זאָל נישט קענען אַרויס.

רופט טאַקע אָן יאַכע דאָס קרעמל „מיין קבר" און שילט יעדעס מאָל מיט טויטע קללות דער פירמע „קאַלטע משקאות", וועלכע האָט זי דאָ מיט יאָרן צוריק אַריינגעזעצט אין דער קאַלטער, פינצטערער לאָך.

קיין סך צייט אויף שילטן האָט זי אַפילו נישט, יאַכע... דאָס קרעמל געפינט זיך אין איינעם פון די לעבעדיקסטע פּונקטן פון שטאָט; פון פרי ביז שפּעט שטראָמען דאָ כוואַליעס דורכגייער און זי בלייבט ממש אָן הענט, צאַפּנדיק כסדר די גלעזלעך פון סיקענדיקן באַלאָן און וואַרפנדיק אין פּושקע די פינפער־גראָשנס.

בלויז מיטיק־צייט איז אַ ביסל שטילער, כאַפּט דעמאָלט יאַכע אַריין אַ שטיקל „חשבון הנפש". דאָס רוב פּאַסירט עס, ווען אירע פאַרזשמורעטע בליקן, אָפּגעווינטע פון זון און פון ליכט, פאַלן פּלוצעם אויף אַ דורכפאָרנדיק ווייס קינדער־וועגעלע אויפן זוניקן טראָטואַר, געשטויסן מיט

מאַמישן שטאָלץ דורך איינער פון אירע אַמאָליקע חברטעס. יאַכעס בלוי נעזל ווערט דעמאָלט נאָך מער פאַרשפּיצט, נאָך מער בלוי און די פאַר־זשמורעטע אויגן שליסן זיך אַזש פון שניידיקן צער, נישט קענענדיק אויס־האַלטן, דוכט זיך, דעם שאַרפן בלענד פון דער זוניקער גאַס, פונעם ווייסן וועגעלע...

— פינצטערער קבר! — צעשפּרינגען זיך מיט אַ מאָל די גלעזלעך און די סלאַיעס פון יאַכעס אַ זעץ אין ברעטל. אַ צוגעשפּאַרטע צום קאַלטן באַלאַן, חשבונט זי צום וויפלטסטן מאָל אין געדאַנק, וויפל זומערס זי האָט שוין דאָ געפּטרט אין קרעמל און זי שוידערט אויף פונעם סך־הכל און פון דער קעלט.

אַ, ווי לאַנג דאָס איז שוין!.. ס׳פופצנטע יאָר איז זי דאָך דעמאָלט אַלט געווען, ווען איר טאַטע, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער פאַבריק פון די סאָדע־וואַסער, איז געהרגעט געוואָרן פון אַן אויפרייס פון אַ באַלאַן, און דער פאַבריקאַנט האָט געטאָן מיט איר די „חנינה״ און אַריינגעזעצט זי דאָ פאַר צען גילדן אַ וואָך, זי זאָל נישט שטאַרבן פון הונגער מיט איר געליימטער מאַמען.

ס׳פופצנטע יאָר איז זי דעמאָלט אַלט געווען, אָבער מיט יינגלעך, געדענקט זי, האָט זי שוין געהאַט אַרומגעגאַנגען, פונקט ווי אַלע חברטעס פון געסל, און שמעונקע דעם וועבערס, אַ שיינער, שוואַרצער, קוטשעראַ־ווער יאַט, פלעגט שוין אַפילו שפּאַצירן מיט איר אָפּט אין דער „ליבע־אַלייע״ פון שטאָטישן פּאַרק, גלעטן איר די האָר אין דער פינצטער און מכבד זיין איר מיט אירישלעך און סאָדע־וואַסער.

אָבער ווי נאָר זי איז אַריין אין קרעמל, אַזוי האָט ער זיך אויפגעהערט אינטערעסירן מיט איר, אויפגעהערט גיין מיט איר. וואָס איז דער וווּנ־דער? און ווען ער וואָלט יע געוואָלט גיין, האָט זי הען געהאַט צייט דערויף? אַז דער פאַבריקאַנט האָט זי אויף אַ גאַנצן ליכטיקן זומער באַגראָבן דאָ, אין קאַלטן קבר. און קיין ליבעס פירט מען נישט אין קיין קעלער־קרעמלעך, נאָר אין פּאַרקן, אין אַלייען...

יע, ווען נישט דער „קבר״ וואָלט שמעונקע זיכער מיט איר געווען

חתונה האָבן, פונקט ווי עס האָבן שפּעטער חתונה געהאַט אַלע ייִנגלעך און מיידלעך פון געסל, וועלכע זענען אין יענע יאָרן ארומגעגאַנגען צוזאמען. און איצט? איצט קומט ער דאָ אַפּט אין די אָוונטן, צוריקגייענדיק מיט זיין ווייב פון יידישן טעאַטער, צי פון שטאַטישן פּאַרק, טרינקען סאָדע־וואַסער מיט מאַלינע־סאָק פון בעסטן סאָרט... עס איז שוין נישט ס׳ערשטע מאָל, אָבער פון דעסטוועגן דערפילט זי, יאַכע, יעדעס מאָל, ווי עס ציטערן איר אונטער די הענט ביים אָנצאַפּן די גלעזלעך. דאָס האַרץ צאַפּלט זיך און עס באַשלאָגט איר אַ היץ, אַ פייער.

דאָס איינציקע מאָל, וואָס עס ווערט איר וואַרעם אין קעלער.

און ווידער צעשפּרינגט זיך דאָס ברעטל מיט די סלאָיעס און גלעזלעך, דער באַלאָן וואַסער צעסיקעט זיך מיט אַ „ירגזון״. מורמלט, דוכט זיך, צוזאַמען מיט יאַכען:

— פאַרשאָלטענער קבר! פאַרשאָלטענער קבר!..

אהרן ברעזינסקי

אהרן ברעזינסקי, שפּעטער באַקאַנט אונטערן שרייבערישן פּסעוודאָנים „ארצי”, איז געבוירן אין ביאַליסטאָקער קרייז־שטעטל באטקי ביי פּאַרמעג־לעכע עלטערן, באַוווסטע וואַלד־סוחרים. ער האָט געלערנט אין חדר און שפּעטער אין ישיבה. זיין פאָטער, אַ ייד אַ משכיל, פלעגט אים נישט שטערן לייענען יידישע און העברעישע ביכער און ביכער פון דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס ער האָט געטאָן מיט גרויס התמדה. דער פאָטער פלעגט דעם קליינעם אַרעלע מיטנעמען אָפט אין וואַלד און פעלד, ווו ער פלעגט זיך פרייען מיט די פרישע ריחות פון ביימער און בלומען, באַוווּנדערן די שיינקייט, פרייקייט און רחבותדיקייט פון דער נאַטור. אַלט זייענדיק צען יאָר איז שוין אַרעלע באַוווּסט געווען אין שטעטל אַלס עילוי, וועלכער האָט געקענט אַ בלאַט גמרא און גלייכצייטיק ציטירט אויף אויסנווייניק ביאַליקן, רייזענען, פּרצן, פרישמאַנען. שוין געוווּסט פון היינען, קאַרל מאַרקס און אַנדערע גאונים פון דער ליטעראַטור און פילאָסאָפיע. אין אָנהייב פון דער וועלט־מלחמה איז אַרעלעס טאַטע געשטאָרבן און די מוטער מיט צען קליינע קינדער איז פאַרוואָגלט געוואָרן קיין רוסלאַנד. דער עול פון מפרנס זיין די משפחה איז געפאַלן אויף אַרעלען און דער עלטערער שוועסטער ליבע. זיי האָבן פאַרקויפט פאַפּיראָסן אויפן מאַרק, זיך פאַרדונגען צו פאַרשידענע פיזישע אַרבעטן און געלעבט אין גרויס דחקות.

ווען זיי האָבן זיך נאָך דער מלחמה צוריקגעקערט אין זייער געבוירנ־שטעטל האָבן זיי פון זייער פאָטערס פאַרמעגן געטראָפן אַ באַרג פון ברוך און בראָך. אהרן האָט זיך ווידער איינגעשפּאַנט אין שווערן עול פון דאגת פּרנסה. דאָס מאָל איז ער געוואָרן אַ סאָרטירער פון אַלטע שמאַטעס (פאַר די טעקסטיל־פאַבריקן אין ביאַליסטאָק). אַ גאַנצן טאָג פלעגט ער זיך פאָרען ביי די שמוציקע, פאַרשטויבטע שמאַטעס, דערצו נאָך גאָר אָפט אַ הונגע־ריקער, איז ער געווען צעווייטיקט און פאַרביטערט. ס'האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ער קאָן זיך נישט אָפּגעבן מיט לייענען און שרייבן —

זיין איינציקע שטרעבונג. ער האָט שוין דאַן בשתיקה, פון צייט צו צייט, געפּרוּווט שרייבן: אַ בילדל, אַ שילדערונג פון זיין אייגענער סביבה. אָבער שוין דעמאָלט, אין אָט די ערשטע שרייבערישע פּרווון, איז געקומען צום אויסדרוק דער סאָציאַלער מאָטיוו, די פאַרביטערונג קעגן רעזשים.

ווען דער באַקאַנטער שרייבער, איבערזעצער און פּעדאַגאָג פּסח קאַפּלאַן האָט געשאַפן אין ביאַליסטאָק אַ טריבונע פאַרן יידישן וואָרט, די טאָג־צייטונג „דאָס נייע לעבן", קומט צו אים דער שטילער, באַשיידענער בחור מיט די בלויע, פאַרחלומטע אויגן און ברענגט מיט זיין באַגאַזש — אַ פּאָר פאַרשריבענע העפטן מיט נאָוועלן, סקיצן און דערציילונגען. פּסח קאַפּלאַן דערקענט אין אים אַ טאַלאַנט און איז אים מקרב. ארצי בלייבט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „דאָס נייע לעבן" (שפּעטער „אונדזער לעבן"). מיט דער צייט פאַרבינדט זיך צווישן דעם עלטערן פּסח קאַפּלאַן און דעם יונגן אַהרן ברעזינסקי אַ נאָענטע, האַרציקע פריינטשאַפט. ברעזינסקי ווערט פון די אַקטיווסטע מיטאַרבעטער און עטלעכע יאָר שפּעטער אַ מיט־רעדאַקטאָר פון דער טאָג־צייטונג, וועלכע איז פאַקטיש געווען די טאָן־געבעריין פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ביאַליסטאָק. ער שרייבט אין יענער צייט זייער פיל וועגן דער נויט און ליידן פון די יידישע אַר־בעטער, וועגן דער אונטערדריקונג און געראַנגל פון יידישן פאָלקס־מענטש. ער ברענגט עס אַרויס אין זיין אינטימער בילדערישער שפּראַך, אין זיין אייגנאַרטיקן סטיל: אין קורצע, אָבער פול־אָטעמדיקע זאַצן, וואָס זענען כולל גאַנצע בילדער. ער נעמט באַלד אויס ביי די לייענער, זיי טראָגן אים אַנטקעגן ליבשאַפט און פאַרערונג. מיט אומגעדולד וואַרטן זיי אויף דער שבתדיקער צייטונג, צו לייענען זיינס אַ דערציילונג.

יידן האַרעפּאַשניקעס באַגעגענען אים שפּעטער מיט צעשטראַלטע פּנימער, דריקן אים די האַנט מיט דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג. נישט נאָר אַרבעטער פון כאַנייקעס און פּיאַסקעס, וועמענס לעבן, לײדן און שטרעבונגען עס מאָלט אַזוי אמתדיק דער יונגער פּראָזאַיקער, ווייזן אים אַרויס האַרציקע דאַנקבאַרקייט, אויך די יידישע אינטעליגענץ, וואָס ליידט שווער פון קריזיס, באַציט זיך מיט ליבע און כבוד צו זייער דערציילער. יעדער אויף זיין אויפן דריקט אויס זיין באַגייסטערונג. אַרצי, דער אייפערדיקער געטרייער ביאַליסטאָקער שרייבער האָט זיי טאַקע מהנה געווען פאַר די אַלע יאָרן און ביי אַלע באַדינגונגען, נישט געוואָלט זיי פאַרלאָזן און מיט זיי געטיילט דעם שווערן גורל. אין די טראַגישע יאָרן, ווען אויף אונדזער ביאַליסטאָק האָבן אָנגעהויבן זיך אָנצורוקן שוואַרצע וואָלקנס, האָבן ארצין אַ סך פון

זיינע פריינט געבעטן, ער זאָל פאַרלאָזן די שטאָט און גיין נענטער צו מזרח, ווו די היטלערישע רוצחים וועלן אפשר אַזוי גיך נישט אויסשפּרייטן זייערע לאַפּעס. ער פלעגט דערויף מיט אַ כמעט קינדערישן, גוטמוטיקן שמייכל ענטפערן: איך ריר זיך נישט פון ביאַליסטאָק, דאָ מוז איך בלייבן... וואָס זאָלן טאָן די יידן פון באַנייקעס (אָרעמקייט־קוואַרטאַל אין שטאָט), וואָס האָבן נישט קיין מעגלעכקייט פון דאַנען צו גיין? ווער וועט העלפן מיינע חברים, די שרייבער, וואָס קומען פון די אָקופּירטע פּוילישע שטעט אין אונדזער ביאַליסטאָק? מ׳דאַרף פאַר זיי שאַפן אַ וואַרעמע, חברישע סביבה, דינען זיי מיט אַ גוט וואָרט, זען, זיי זאָלן נישט זיין הונגעריק און עלנט. און ווער וועט דאָס אַלץ טאָן, אויב נישט איך — וואָס הייסט, כ׳וועל אַנטלויפן פון שלאַכטפעלד? וואָס עס וועט זיין מיט אַלע ביאַליסטאָקער יידן — וועט אויך זיין מיט מיר... און ס׳האָט קיין זאַך נישט געהאָלפן, ער האָט זיך עקשנותדיק, געהאַלטן ביי זיינס. און ער האָט טאַקע ארומגערינגלט די חברים שרייבער, וואָס זענען געקומען אַלס פּליטים קיין ביאַליסטאָק, מיט אמתער, ברידערלעכער זאָרג. נישט נאָר פאַר חברים שרייבער האָט ארצי געזאָרגט, נאָר פאַר יעדן נויטבאַדערפטיקן. אויף דער באַמערקונג, אַז נישט יעדן איינעם קען מען לאָזן נעכטיקן, פלעגט ער מיר ענטפערן מיט טיפן אויפ־רודער: „ווער ס׳איז אַפילו געווען אַן אונטערוועלט־מענטש, איז געלייטערט געוואָרן דורך די שווערע יסורים און איבערלעבונגען״.

אָט אַזוי האָט ער אומדערמידלעך געזאָרגט פאַר יעדן יידן און באַווירקט אַלע נאָענטע אַרום, מ׳זאָל אָנטייל נעמען אין דער הילף־אַקציע. די שטוב איז געווען איבערפולט מיט מענטשן. אפילו דאָס בעטל פון קינד האָט מען אָפּגעגעבן אַנדערע צו שלאָפן. ארצי האָט פאַר יעדן געהאַט אַ טרייסט־וואָרט, אַן עצה, געשטרעקט הילף. בלויז פאַר זיך האָט ער נישט געהאַט און נישט געזוכט קיין הילף. פאַר אים איז געווען קלאָר און נאַטירלעך, אַז זיין אָרט איז צווישן די ליידנדיקע און זייער גורל איז זיין גורל. דער טרויעריקער גורל האָט אים טאַקע נישט געמיטן. דעם 12טן יולי 1941 איז ער אומ־געבראַכט געוואָרן אויף די פּעטראַשער פעלדער הינטער ביאַליסטאָק, צווישן די „שבתדיקע״, דורך דעם היטלעריסטישן תליון. אַזוי איז פאַרשניטן געוואָרן דער איידעלער, גוטהאַרציקער, באַשיידענער און טאַלאַנטירטער שרייבער.

רחל ברעזינסקי